STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02005

KIRA KIRALINA

Panait Istrati

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

PANAIT ISTRATI
KYRA KYRALINA

Druk. „KOROŇA"
Warszawa, Karmelicka 5a

ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי

פאַנאַיט איסטראַטי

*

די דערציילונגען פון אַדריאַן זאָגראַפי

קירא קיראַלינאַ

פון פראַנצויזיש: מאַרק ראַקאָווסקי

במ״ר

וואַרשע 1926

קירא קיראלינא

הקדמה פון מחבר

איך האַלט — ווי אונזערפריינט ראָמען ראָלאַן — אז איך דאַרף אין עטלעכע שורות אויפקלערן די הויפּט-טעמע פון מיינע אַלע ביכער.

איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט, אז איך אליין זאָל עס דאַרפן טאָן. פון באַרוף בין איך נישט קיין שרייבער און וועל עס קיינמאָל נישט זיין. דער צופאַל האָט געוואָלט, אז דער מענטשן-פישער ראָמען ראָלאַן זאָל מיר כאַפּן אויף אַ ווענטקע אין די טיפע וואַסערן פון געזעלשאַפטלעכן אָקעאַן. איך בין זיין ווערק. כדי איך זאָל קענען ליבן מיין צווייט לעבן, האָב איך מיך געניטיקט אין זיין אָפּשאַצונג, און אויף צו בעקומען די דאָזיקע אָפּשאַצונג, אַ וואַרעמע און אַ פריינטלעכע, האָט ער מיר געבעטן איך זאָל שרייבן. איך דערוואַרט נישט פון אייך קיין עקזאַלטירטע בריוו — האָט ער מיר געשריבן — איך דערוואַרט אייער ווערק. פאַרווירקליכט אייער ווערק, וואָס איז ממשותדיקער פון אייך, וואָס איז דויערהאַפטער פון אייך, פון וועלכער איר זייט די שאָלעכץ.

מיט דער דאָזיקער בייטש איבערן פּלייצע — אין אַ דאַנק דעם האָבער, וואָס דער פריינט, זשאַרזש יאָנעסקאָ האָט מיר גרויסמוטיק דערלאַנגט — האָב איך אנגעהויבן צו גאַלאָפּירן מיט אַ ברען. די דערציילונגען פון אַדריאַן צאָגראַפי געהערן צו אונז דריי. אנגעוויזן אויף אייגענע כחות, בין איך נישט פעיק קיין

אנדער זאַך צו מאַכן ווי די מולאַרקע, די פאָטאָגראַפיע און אנדערע איינפאַכע זאַכן, וועלכע ליגן אין תחום פון יעדן איינציקן מענטשן.

אַדריאַן צאָגראַפי איז אַ יונגער מענטש, וואָס ליבט דעם אריענט. ער איז אַן אויטאָדידאקט, וועלכער געפינט די סאָרבאַנע ווו ער קען נאָר. ער לעבט, טרוימט און ס'ציט אים צו אַ סך זאַכן. שפּעטער האָט ער די העזה צו זאָגן, אז אַ סך זאַכן זענען נישט גוט געמאַכט געוואָרן דורך די מענטשן און דורכן בורא. איך וויים, אז ס'איז סכנותדיק זיך קעגנצושטעלן דעם בורא און די מענטשן, וועלכע מאַכן נישט קיין גאַסן-פאָטאָגראַפיעס, אָבער ביי איך, אין פראַנקרייך זאָגט מען דאָך, אז ס'איז שווער צופרידן צושטעלן אלעמען און דעם טאַטן אויך. דאָך האָף איך, אז מען וועט אַדריאַנען מוחל זיין זיין דרייסטקייט, ווייל איינהיטנדיק זיין פרייהייט, דערלויבט ער זיך נאָך אַן אנדער דרייסטקייט: צו ליבן, און צו זיין תמיד אין אלע לענדער אַ פריינט פון יעדער איינעם, וואָס האָט נאָר אַ האַרץ. ס'געפינען זיך אזעלכע זייער ווייניק, אָבער אַדריאַן האַלט סתם נישט, אז די מענטשהייט איז אַזוי גרויס ווי מען מיינט.

וואַרטנדיק אויף זיין געשיכטע, זיצט ער אין דער רגע און הערט אויס געשיכטעס פון אנדערע. לאָמיר אויסהערן צוזאַמען מיט אים, אויב אייך איז עס ליב.

פאַנאַיט איסטראַטי

הקדמה פון ראמאן ראלען

אין די ערשטע טעג פון יאנואר 1921, האט מען מיר איבערגעגעבן א בריוו פון ניצער שפיטאל. מען האט אים געפונען אויפן גוף פון א פארצווייפלטן, וועלכער האט זיך איבערגעשניטן דעם האלדז, מען האט זיך פון אים מייש געווען; מען האט נישט געהאפט, אז ער וועט איבערטראגן זיינע וואונדן. איך האב געלייענט דעם בריוו און געווארן איבערראשט פון זיין ברויזנדן גייסט. א ווינט האט געברענט אין א פלאכלאנד. דאס איז א ווידוי פון א גייעם נארקי, פון די באלקאנישע לענדער. ס'האט גיך איינגעגעבן אים צו ראטעווען. איך האב זיך געוואלט מיט אים באקענען. מיר האבן אנגעהויבן צווישן זיך צו קארעספאנדירן, מיר זענען געווארן פריינט.

זיין נאמען איז איסטראטי! ער איז געבוירן אין בראילאוו, אין 1884 יאר זיין טאטע איז געווען א גרעק, א קאנטרעבאנדיסט, וועלכן ער האט לגמרי נישט געקענט און זיין מאמע א רומענישע פויערטע, א זעלטענע פרוי, וועלכע האט אן אויפהער געארבעט און איר גאנצן לעבן אים מקריב געווען. נישט געקוקט אויף זיין שטארקע ליבע צו איר, פארלאזט ער איר צו צוועלף יאר, ווערנדיק פארפירט דורך דעם וואנדער-דעמאן, אדער גיכער דורכן פארצערונגס-חשק אלס צו דערקענען און צו ליבן, צוואנציק יאר פון וואנדער-לעבן, פון אויסערגעוויינלעכע פאסירונגען, פון שווערער ארבעט, פון ארומשלעפעניש און פון צרות, געברענט אויפן זון, צעווייקט פון רעגנס, אן א דאך, פארפאלגט דורך נאכט וועכטערס, אויסגעהונגערט קראנק, באהערשט פון תאוה און אויסגעגאנגען פון נויט. ער כאפט זיך צו אלע מלאכות: א יינגל אין א קאבארעט, א העקער, א שלאסער, א קעסלער, א מעכאניק, א האנטווערקער, א ערד-ארבעטער, א טרעגער, א דינער, א סאנדוויטש-פארקויפער, א שילדן-מאליאר, סתם א מאליאר, א זשורנאליסט, א פאטאגראף... א צייט נעמט ער אנטייל און רעוואלוציאנערע באוועגונגען ער איז אויסגעווען אין עגיפטן אין סיריע, אין

יפו, אין בײַרוט, אין דמשק און אויפֿן לבנון, אין גריכנלאנד, און איטאליען. א סך מאָל האט ער קײן גראָשן בײַ דער נשמה. ער פֿארבאַהאַלט זיך צײַטנװײַז אויף א שיף, װי מען ענדעקט אים אויפֿן װעג, און מען זעצט אים אראָפּ אין ערשטן בעסטן פּאָרט. ער איז אינגאנצן „גאָל" אבער ער פֿארמאָגט אוצרות מיט ערינערונגען. א סך מאָל נאַרט ער אָפּ דעם הונגער דורך לעזן ביכער, הויפּטזעכלעך רוסישע, און ביכער פֿון מערב־שרײַבערס.

ער איז א גלענצנדער דערצײלער, א אריענט־דערצײלער, װעלכער װערט באַצױבערט און אויפֿגערעגט קעגן זײַנע אײגענע דערצײלונגען און אז ער הײבט אָן צו דערצײלן, װײסט קײנער נישט, אַפֿילו ער אלײן אויך נישט צי די מעשה װעט דויערן א שעה, אדער טויזנט און אײן נאכט. זײַן זשעני פֿון א דערצײלער איז אזױ מעכטיק, אז אין זײַן בריװ, װעלכער איז אנגעשריבן געװארן ערב זײַן זעלבסמאָרד, האָט ער צװײ מאָל איבערגעריסן זײַנע קינות, כּדי צו דערצײלן צװײ הומאָריסטישע געשיכטעס פֿון זײַן פארגאַנגענעם לעבן.

איך האָב אים איבערגעצײַגט, ער זאָל פֿארצײכענען א טײל פֿון זײַנע דערצײלונגען. ער האָט זיך אפּגעגעבן דער ארבעט און דרײַ ביכער זענען שוין צוגעגרײט געװארן. דאָס איז א עװאָקאציע פֿון זײַן לעבן; און זײַן װערק קען, פּונקט װי זײַן לעבן, װערן געװידמעט דער פֿרײַנטשאַפֿט: װײַל זי איז אין דעם דאָזיקן מענטשן, װי אן הײליקער פֿײַער. אויף זײַן נאנצן װעג שטעלט ער זיך אָפּ אויף זכרונות פֿון די באגעגנטע פּיגורן; יעדער פֿון זײ האט זײַן חידה און זײַן גורל, װעלכע װיל אדורכדרינגען, און יעדער קאַפּיטל פֿון ראָמאַן איז פּונקט װי א נאָװעלע. דרײַ אדער פֿיר פֿון די דאָזיקע נאָװעלן, װעלכע איך קען, מעגן שטײן אין אײן רײ מיט די װערק פֿון די גרויסע רוסישע שרײַבערס. ער אונטערשײדט זיך מיטן טעמפּעראמענט און ליכט, מיט דער ענטשלאָסנהײט פֿון גײַסט, מיט דער טראגישער פרײלעכקײט, מיט דער דאָזיקער פרײלעכקײט פֿון א שרײַבער, װאָס באפרײַט די אונטערדריקטע נשמה.

מען דארף אויך געדענקען, אז דער מענטש, װעלכער האט געשריבן די דאָזיקע מונטערע בלעטלעך, האָט מיט זיבן יאָר צוריק אלײן זיך אויסגעלערנט פֿראנצויזיש, לעזנדיק אונזערע קלאסיקער.

ראָמען ראָלאַן

Panait Istrati

I

סטאַווראָ

א צעטומלטער איז אדריאַן דורכגעגאַנגען דעם קליינעם בולוואַר פון גאָטס-מאַמע, וועלכער פירט צום קלויסטער מיטן זעלבן נאָמען. דאָס איז געווען אין בראַזיל. ער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון שטאָט-גאָרטן. ווען ער האָט זיך געפונען ביים אַריינגאַנג פון גאָרטן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ אויפגערעגטער:

„דאָך" האָט ער אויסגערופן „איך בין שוין נישט קיין קינד!... און איך האָב דאָס רעכט צו פארשטיין דאָס לעבן, ווי מיינע געפילן זאָגן מיר אונטער".

ס'איז געווען זעקס אַ זייגער אין אוונט. אן ארבעטס-טאָג. די אלעען לעבן ביידע הויפט-טויערן זענען געווען פוסט, און די בין-השמשותדיקע זון האָט באַגילט דעם זאַמד. די לילאָווע וועלדלעך האָבן געזונקען אין נאַכטיקן שאָטן. פלעדערמייז האָבן דורכגעשניטן די לופט אין אַלע ריכטונגען. כמעט אלע בענק זענען געווען פריי. בלויז אויף עטלעכע ווינקל-בענק זענען געזעסן יונגע פאָרלעך, אויפגעדריקט איינס לעבן צווייטן, וועלכע פלעגן מאַכן אַ ערנסטע מינע, ווען אַ זייטיקער מענטש פלעגט פארבייגיין. אַדריאַן האָט נישט געלעגט קיין שום אכט אויף די מענטשן, וועלכע ער האָט באַגעגנט. ער האָט געזופט די פרישע לופט, דעם אויסמיש פון די שמעקעדיקע בלומען-ריחות און געטראַכט וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָס ער האָט נישט געקענט פארשטיין.

ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פארוואָס זיין מוטער באַציט זיך פיינטלעך, בנוגע דעם אויסוואל פון זיינע חברים. זי פלעגט

געבן אזאַ ווידערשטאנד, אַז ס'פלעגט קומען צו אָפטע רייבונגען צווישן דער מוטער און איר איינציקן זון. אדריאַן האָט געטראַכט:

„פאַר איר איז מיכאַיל אַ פרעמדער, אַ פאַרדעכטיקער לאַ־בוז, אַ דינער פונם קאָנדיטאָר קיר ניקאָלאַס. אָבער וואָס?.. וואס איז מיט מיר דער יחוס?... אַ מאַליאר, און אַחוץ דעם, אַ געוועזענער דינער פונם זעלבן קאָנדיטאָר!... און אויב איך פאַר מאָרגן אַוועק אין אַן אַנדער לאנד, דאַרף איך, הייסט עס, ווערן באטראַכט ווי אַ לאַבוז?"...

פון אויפרעגונג ד'האָט ער אָנגעהויבן טופען מיט די אַפּצאסן:

„אַ פייער כאַפּט עס!... ס'איז אַ שרעקלעכער אומגערעכטי־קייט בנוגע דעם ארעמען מיכאיל. איך ליב דעם דאזיקן מענטשן דערפאַר, ווייל ער איז אינטעליגענטער פון מיר, מער געלערנט, און דערפאר ווייל ער טראָגט איבער זיין נויט, נישט באַקלאַגנ־דיק זיך. וואָס הייסט? אויב ער גייט נישט איבער די גאַסן און רופט נישט אָן זיין נאָמען, זיין לאַנד און די צאָל פון די ציינער, וואָס פעלן אים אין מויל, איז ער שוין דערפאַר אַ לאַ־בוז?... אלזא, איך וויל זיין אַ חבר פון דעם דאָזיקן לאַבוז!... און איך פיל מיך גאַנץ גליקלעך".

אַדריאַן האָט פאַרגעזעצט זיין שפּאַציר, בעת זיין קריטי־שער שכל האָט חוזק געמאכט פון אַלץ, וואָס זיין מוטער האָט אים געזאָגט.

„און די גאַנצע מעשה מיטן שידוך? איך בין קוים אכצן יאָר אַלט, און זי וויל מיר שוין אַרויפזעצן אַ האָרב אויפן פּלייצע: עפעס אַ בהמה, אָדער גאָר אַ מין פּרי, וועלכע וועט מיר פאַרמאַטערן מיט איר ליבע און וועט פאַרוואַנדלען מיין צימער אין אַ מיסט־קאַסטן!... ליבער גאָט!... מען קען מיינען, אַז ס'איז נישטא קיין קלוגערע זאַך אויף דער וועלט, ווי צו מאכן קליינע נאראָנים, אנפילן דעם ערד־קוגל מיט קנעכט און אליין ווערן דער ערשטער קנעכט ביי דער דאָזיקער שטינקערס! ניין, ניין!... איך וויל בעסער אַ חבר, ווי מיכאיל, זאָל ער אפילו זיין צען מאָל מער פאַרדעכטיקט. וואָס שייך דעם פּאַר־

וורף, אַז „איך צי מענטשן פאַרן אויג, כּדי זיי זאָלן רעדן״, ווייס איך גישט אויף מיין ערן וואָרט. פאַרוואָס איך האָב עס ליב. אפשר איז דאָס דערפאַר, ווייל די ליבע וואָרט באַשאַפן פון שטאַרקנס רייד, אַ ראיה דערצו, אַז פון גאָטס רייד איז געוואָרן ליכטיק.

אין דער רויקייט פונם פרילינגס-אָוונט האָט אַ שיף-סירע-נע, דורכגעגבערט די לופט מיט זיין הייזעריקער פייפעריי און אויפגעוועקט דעם יונגנמאַן אין דער זעלבער צייט, ווען אַ כוואַליע פון שמעקעדיקע ריחות האָבן אים דערלאַנגט אין נאָז.

אַדריאַן האָט שפּאַצירט לענג-אויס דער הויכקייט, וואָס באַהערשט דעם פּאָרט פון דונײ. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע און באַטראַכט די טויזנטער עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס האָבן אַראָפּגעשיינט פון די שיפן, פאַראַנקערטע אין פּאָרט, און ס׳האָט זיך אין אים דערוועקט אַ חשק צו רייזן:

„גאָט מיינער! ווי גוט סמ׳וז זיין, צו געפינען זיך אויף איינער פון די דאָזיקע שיפן, וואָס גליטשן זיך איבער די ימען און אנטדעקן אנדערע ברעגעס, אנדערע וועלטן!״...

פאַרזאָרגט, וואָס זיין פאַרלאַנג קען נישט מקוים ווערן, האָט ער זיך ווידער געלאָזט אויפן שפּאַציר, מיט אן אַראָפּגע-לאָזטן קאָפּ. אינמיטן האָט ער דערהערט ווי מען רופט אים פון הינטן:

„אַדריאַן!״...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אויף אַ באַנק, פאַר וועלכער ער איז פאַרבייגעגאַנגען, איז געזעסן אַ מענטש, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, און גערייכערט. צוליב זיין קורצזיכטיקייט און צוליב דער פינסטערניש האָט אים אַדריאַן נישט דערקענט. דער מאַן האָט זיך נישט אויפגעהויבן. ווען אַדריאַן האָט זיך צו אים דערנענטערט האָט ער אויסגערופן מיט גרויס שמחה:

„סטאַוורא!״...

זיי האָבן זיך געדריקט די הענט און אַדריאַן האָט זיך לעבן אים אַנידערגעזעצט.

סטאַוורא, דער יריד־הענדלער, אָדער בעסער געזאָגט, דער לימאָנאַדניק, איז געווען אַ גליד שוועסטער־קינד פון אַדריאַנס מוטער און איז אַמאָל געווען גוט באַקאַנט אין די לוסטיקע קרייזן פון די בראַילאָווער פאָרשטעט. איצט איז זיין נאָמען פאַרגעסן געוואָרן; זיין נאָמען איז באַגראָבן געוואָרן דורך די דרייסיק פאַרגאַנגענע יאָרן און צוליבן סקאַנדאַל, וואָס זיין טעמפּעראַמענט האָט אין יענער עפּאָכע גורם געווען.

זיין וווּקס עטוואָס העכער פון מיטעלן, אַ פאַרבלאָזע בלאָנדקייט, מאָגער און זייער צומאָרשטעשעט. זיינע גרויסע בלויע אויגן, דאָ פריי און אויפריכטיק, דאָ פלוטיש און גנביש, האָבן אָפּגעשפּיגלט סטאַווראָס גאַנצן לעבן. אַ געוויגטער לעבן, געהוידעט דורך זיין אויסטערלישן וואַנדער־נאַטור; אַ געפּענטעטער לעבן, אנהייבנדיק פון זיין 25 יאַריקן עלטער, (זיין חתונה מיט אַ רייכע, שיינע און סענטימענטאַלע מיידל) פון וועלכע ער האָט געמאַכט פליטה מיט אַ יאָר שפּעטער, באַדעקט מיט חרפּה און מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

אַדריאַן האָט זייער שוואַך געוווּסט די גאַנצע מעשה, נישט אַריינגייענדיק אין וויטערע פּרטים, האָט זיין מאַמע אים געשטעלט אַלס אַ ביישפּיל פון אַ העסלעכן לעבן. אָבער אַדריאַן איז געקומען צו גאַנץ אַנדערע באַשלוסן. און נישט איינמאָל האָט ער זיך מיט זיין איינגעבוירענעם אינסטינקט צוגעבויגן צו סטאַווראָן, פּונקט ווי צו אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט, פון וועלכן מען וואַרט אויף אַ רעזאָנאַנס. דער אינסטרומענט האָט אָבער נישט געפאָלגט.

זיי האָבן זיך מער נישט געזען ווי דריי אָדער פיר מאָל, און דאָס אין דרויסן. די הויז פון זיין מאַמע איז געווען געשלאָסן פ[illegible]ר סטאַווראָן, פּונקט ווי אַלע אָרנטלעכע הייזער זענען געווען געשלאָסן פאַר אים. נו, וואָס האָט געקענט דער נישט־געוווּנשענער יאָרידניק דערציילן, דעם געצערטלטן יונג?

אַלע האָבן געהאַלטן סטאַווראַן פאַר אַ „באַנגער" און ער איז באמת, געווען אַזעלכער; ער אַליין האָט געוואָלט זיין אַזעלכער. זייט מען געדענקט אים פלעגט ער טראָגן אַ צעפליקטן, צעקנייטשטן קאָסטיום; מיט זיין נישט געפּרעסטער העמד, אָן

אַ קראַגן, האָט ער געהאַט דעם אויסזען פון אַ דאָרפס-מאַן. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פערד־גנב, און מיט זיין שפּאַסיקן לשון און זשעסטן האָט ער אַלעמען געוויילט. אָבער זיי, די זעלבע מענטשן האָבן אים גרינגעשעצט און באַליידיקט.

ער פלעגט אָפּשטעלן זיינע באַקאַנטע אויף דער גאַס, אנרופנדיק זיי מיט סאַמע קאָמישע שפּאָט-נעמען. אויב עמיצער פלעגט אים געפעלן ווערן, פלעגט ער אים אוועקפירן אין אַ שענק, הייסן דערלאַנגען אַ האַלבן ליטער וויין און נאָכדעם, ווי מען האָט אויסגעטרונקען לחיים, פלעגט ער ארויס אויפן הויף „נאָך אַ וויכטיקן ענין" און זיך מער נישט צוריקקערן. און אויב ער פלעגט באַגעגענען אַ פּאַרשוין, וועלכן ער האָט געוואָלט „אונטערשטעלן אַ פיסל", פלעגט ער צו אים שנעל אַ זאָג טאָן:

„דיין פריינט וואַרט אויף דיר אין דעם און אין דעם שענק: לויף שנעל!"...

אָבער ס'רוב פלעגט אַדריאַן כאַפּן התפעלות פון סטאַוורא'ס שטיק, מיט די טצירן-קעפּ*) און מיט די טאַבאַק-פּושקעלעך. בעת אַ געשפּרעך, פלעגט ער אַרויסציען פון זיין קעשענע אַ קליין אויסגעטריקנטן קאָפּ פון אַ פיש, מיט אַן אָפענעם פּיסק, און פלעגט אים שטילערהייט צוטשעפּען צום בגד פונם צווייטן בלאָפער. יענער פלעגט נאָכדעם אַוועקגיין און אַרומשפּאַצירן אין גאַס מיטן קאָפּ, וואָס פלעגט אים בייסן דעם בגד; און די דורכגייער פלעגן פּלאַצן פון געלעכטער.

אַ שענע העצע פלעגט זיין מיטן טאַבאַק-פּושקעלע, ס'איז אזא מנהג אויפן מזרח, אז אויב איינער וויל וויקלען אַ פּאַפּיראָס, פאָדערט ער די טאַבאַקערקע ביי די מענטשן, מיט וועלכע ער געפינט זיך. סטאַווראָ פלעגט אָפּשטעלן דעם ערשטן בעסטן. אָבער ווי נאָר יענער פלעגט אים מכבד זיין, פלעגט ער נישט דאַנקען, נאָר נעמען די טאַבאַק-פּושקע און אריינלייגן צו זיך אין קעשענע פון וואַנען זי פלעגט זיך תיכּף אַרויסגליטשן אויף דער ערד. ער פלעגט זיך שנעל איינבויגן, אויפהייבן איר, אפּווישן איר, געבעטן

*) טצירי אַ מין זויערער הערינג.

מחילה, און מאכנדיק דעם אָנשטעל ווי ער גייט איר אַריינטאָן אין אייגנטימערס קעשענע, פלעגט ער איר אַ לאָז טאָן לעבן קעשענע. די אָרעמע ניקעלנע שאכטל, פלעגט זיך ווידער אַראָפּקויקלען אויף דער ערד.

„אך, סארא שלימזלניק איך בין!“

— קיין שום בייז מיין הער, פלעגט נעווינטלעך ענטפערן דער אָנגעפרייערטער, באטראכטנדיק גלייכצייטיק זיין צעשעדיקטע שאַכטל, בעת די איבעריקע זענען געשטאַנען און געפלאצט פון געלעכטער.

אָבער סטאוורא פלעגט שוין מער קיינמאָל נישט אָנזען די שאכטלען, מיט וועלכע ער האָט זיך אַמאָל באגאנגען אויף אזא שלעכטן אופן.

אַדריאַן האָט אָנגעהויבן צו ליבן דעם דאָזיקן מענטשן צוליב זיינע שפּיצלעך. אָבער עפּעס אַ מאָדנע ווירקונג האָט סטאוורא אויף אים געהאט: צייטנווייז, אין רעכטן מיטן פון די בלאגערייען, פלעגט זיך סטאוורא מיטאַמאָל א׳סצודרייען צו אַדריאַנען און פלוצלונג אַריינדרינגען אין זיינע אויגן מיט אַ קלאָרן, רויקן און מושלדיקן בליק, פונקט ווי מיר מאכן עס אַמאָל אין די גוטע נאַאיווע אויגן פון אַ קעלבל. ער פלעגט דאַמאלט ווערן צעמישט און צעטומלט.

ער פלעגט דאַמאָלט פילן, אַז ער איז קלענער געוואָרן, ער פלעגט אין יענע מאָמענטן פילן אז דער „יארדניק“, דער אומגעלערנטער סטאוורא פארכישופט אים. די זאך איז אים געווען אומפארשטענדליך און ער האָט פרובירט אים באטראכטן. אָבער אזעלכע פאלן זענען געווען זייער ווייניק. די סודות׳פולע און באַאומרויקנדע בליקן, וועלכע אדריאַן האָט אָנגערופן „דער צווייטער סטאוורא“ פלעגן זייער זעלטן דערשיינען. און אז זיי פלעגן שוין יאָ דערשיינען איז בלויז פאר אים פאר אדריאַנען.

ס׳האָט פאסירט מיט צען חדשים צוריק. פאר זייער באַגעגעניש אין גאָרטן. איינמאָל, ווען ער האָט באגלייט דעם „לי-

מאָנאדניק״ צום בשמים־סוחר, צום אלטן שווייגעוודיקן גרעק׳ וועלכער פלעגט סטאווראָן פאַרזאָרגן מיט צוקער און ציטרינען, האָט ער דעמאלט פלוצלונג באמערקט דעם „צווייטן סטאַווראַ״. אדריאַן האט שוין מער פון אים זיין בליק נישט אראָפּגענומען.

זיי זענען געשטאַנען זאלבעדריט, אין אַ ווינקל פון שוואך־באלויכטענעם מאגאזין. מיט אויפגעצויגענע קנייטשן אויפן פּנים, מיט ברייטע אָפענע אויגן, שטאַרע און גלאַנציקע, מיט אַ אויפגעבלאזענע פאַרשלאָסענע מינע האָט סטאַווראַ געקוקט אויפן גרעק און גערעדט מיט אַ פעסטע שטימע, בעת דער צווייטער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

„קיר מארגוליס.. שלעכטע געשעפטן... ס׳ווערט נישט ווארים, און דער לימאָנאד רירט זיך נישט פון אָרט... איך עס מיין ביסל אפגעשפּאַרט געלט און אייער צוקער... פארשטאנען? אויך דאָס מאָל צאל איך נישט, אָ? און פונקט ווי אַלע מאָל: אויב איך וועל שטארבן פארלירט איר צען פראנק״.

און דער סוחר, קאַרג, אָבער אַ קענער אויף מענטשן, גיט אים ווידער אויף קרעדיט, מיט אַ טרוקענער האַנט, טרוקן ווי זיין גאַנץ לעבן.

אין דרויסן מיטן פּעקל סחורה אונטערן אָרעם, יאָגט ער זיך סטאַווראַ, כדי אויסצובּרענגען אַ גלייכוואָרטל כדי צו טאָן אַ זעץ עפּעס אַ באַקאַנטן, און כדי אונטערצוטאַנצן אויף אַ פוס: „איך האָב אים אנגעפּייפט, אַדריאַן, איך האָב אים אנגעפּייפט!״ האָט ער אריינגעשריען אין אויער פון ייִנגל. „אָבער סטאַווראַ!״, האָט אדריאַן פּראָטעסטירט; דו האסט דאָך אים נישט אָנגעפּייפט דו וועסט דאָך אים באַצאָלן!...

— יאָ אדריאַן, איך וועל באַצאָלן, אויב איך וועל נישט שטאַרבן... און אויב איך וועל שטאַרבן, וועט אים דער רוח באַצאָלן!...

— אַז דו וועסט שטאַרבן... דאַמאָלט איז גאָר עפּעס אַנדערש... אָבער דו רעדסט דאָך פון אָנפּייפן: דאָס וואָלט געהייסן, אַז דו ביסט נישט קיין אָרענטלעכער מענטש...

— אפשר בין איך אַזויגער...

— ניין סטאַוראַ דו ווילסט מיך אָפּנאַרן; דו ביסט אַן „אַנשטענדיקער מאַן!"

סטאַווראַ האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט אַ שטופּ געטאָן זיין באַגלייטער צום פּלויט און מאַכנדיק אויף אַ רגע זיין שרעקלעכן פּנים האָט צר אדריאַנען אַ שושקע געטאָן אין נאָז אַריין:

„איך בין נישט קיין אָרענטלעכער מאַן!... צום אומגליק בין איך נישט קיין אָרנטלעכער מאַן!"...

נאָך די דאָזיקע ווערטער האָט ער געוואָלט אַוועקגיין. אָבער אַדריאַן, באַהערשט מיט אַ מין פּאַניק, האָט אים אנגעכאַפּט פאַר זיין בגד, און געהאַלטן אים און געשריגן מיט אַ הייזעריקע שטימע.

„סטאַוראַ בלייב! איצט וועסטו מיר זאָגן דעם אמת!... איך זע אין דיר צוויי מענטשן. וועלכער פון זיי איז דער אמתער? דער גוטער אָדער דער שלעכטער?"

סטאַווראַ האָט זיך געווערט:

„איך ווייס נישט".

און אַרויסרייסנדיק זיך בכח פון אַדריאַנס הענט:

„לאָז מיך געמאַך!" האָט ער אַ אויפגערעגטער געשריגן. נאָכדעם אַ ביסל ווייטער, באַרעכענדיק זיך, אז ער האָט באַליי־דיקט דאָס יינגל, האָט ער מוסיף געווען:

„איך וועל דיר זאָגן דעמאָלט, ווען ס'וועט דיר אָפּגע־טריקנט ווערן די מילך פון די ליפּן".

פון דאַמאָלט אָן האָבן זיי זיך מער נישט געזען. סטאַווראַ פלעגט אַרומפאָרן אויף יארידן פון מערץ ביז אקטאָבער, ווינ־טער צייט פלעגט ער פארקויפן געבראָטענע קאַשטאַנעס ווער ווייסט וווּ. אין בראַילאָוו פלעגט ער קומען, כּדי איינצוקויפן פּראָוויזיע.

* * *

אַדריאַן איז געווען אַזוי צופרידן מיט דער היינטיקער באַגעגעניש אין גאָרטן, פּונקט ווי טייכלעך, וואָס פאַראייניקן זיך

אין טייכן, און טייכן וואָס גיסן זיך אריין אין שויס פון די ימען.

סטאַווראָ איז דאס דאָזיקע מאל פונקט געווען פלוידעריש געשטימט, און דערפון האָט אַדריאַן שטארק הנאה געהאט. ער האָט באַטראַכט זיין פנים ביי דער געלבלעכער אוונט־שיין און ער האָט איינגעפונען, אַז ער איז דער זעלבער. קיינער האָט פינקטלעך נישט געקענט טרעפן זיין עלטער. אָבער דאָך האָט אַדריאַן באַמערקט לעבן די שלייפן אַ בלאָנדע בלאַסקייט פון די האָר וועלכע האָבן זיך געווייסט.

„וואָס האָסטו מיר צו באַטראַכטן אַזוי?“ האָט סטאַווראָ געפרעגט מיט אויפרעקונג:

„איך בין נישט צום פארקויפן“.

— איך ווייס, אָבער איך האָב געוואָלט וויסן צו דו ביסט נאָך יונג, אָדער שוין אַלט.

— איך בין יונג און אַלט ווי, אַ וואַראַביי...

— אמת: דו ביסט אַ וואַראַביי, סטאווראָ!“

און נאָך אַ קליינע הפסקה:

„דו ווילסט גאָרנישט מיין טאבאק־ביי‍טל, כדי אים משלח זיין אויף דער ערד? דאָס וועט דיר אפשר דערמאנען, אז איך בין נייגעריק צו וויסן, פון וואנען דו קומסט, ווו דו פאָרסט און ווי ס׳גייען דיינע געשעפטן.

— אַ דאגה דיר פון וואַנען איך קום און ווו איך פאָר! אָבער איך קען דיר מודיע זיין, אַז מיינע געשעפטן גייען נישט צו שלעכט. און דאָך נעמט מיר פשוט דער רוח אין דער רגע! דו ווייסט מיין טייערער „זשרעבאַקל!“

און ער האָט געטאָן אדריאַנען אַ זעץ אין קני אריין.

„דאָס טרעפט מיט דיר זייער זעלטן“. האָט אַדריאַן גע־ענטפערט; אָבער פאַרוואָס ביסטו עס עפעס אַזוי אויפגערעגט, אַלטער קערל? צו קריגט מען נישט קיין ציטרינען?

— ניין נישט קיין ציטרינען, אָבער אַמאָליקע „ארנטלעכע לאָבוזעס“ זענען אַ יקר המציאות.

— אַרנטלעכע לאַבוזעס האָט אויסגערופן אדריאַן „סאיז דאָך אַ פּאראדאקס: צו קען דען אַ לאַבוז זיין אָרענטלעך?
— אזוי מיינסטו? איך קען עטלעכע.
סטאַווראַ האָט זיך איינגעבויגן אין צווייען און צוגעפּע-סטיקט זיין בליק צו דער ערד. אַדריאַן האָט געפילט, אַז ער רעדט ערנסט, האָט ער געוואָלט אַז סטאַווראַ זאָל נאָך רעדן. ער האט אים פארזיכטיק אַ פרעג געטאָן:
„דו קענסט מיר נישט זאָגן צוליב וואָס דו דאַרפסט האָבן אַזאַ מין לאַבוז?
כדי ער זאָל מיט מיר מיטפאָרן אויפן יאריד קיין ס.., דעם נעענטסטן דאָנערשטיק. אמת געזעט איז עס נישט פאר מיר, נאָר ס׳איז פונקט ווי פאר מיר... דו ווייסט דאָך גאנץ גוט, אַז אויף אַ יאריד האָב איך מיך ליב אוועקצושטעלן לעבן אַ קאָנדיטאָר, וועלכער פּראָדוצירט פּאמפּושקעס; די פּויערים וואָס עסן, ווערן דור-שטיק, בין איך דעמאָלט דאָ מיט מיין לימאָנאַד. ס׳פארשטייט זיך, אַז איך האָב די השפּעה, מען זאָל אריינשיטן נאָך אַ הויפן זאַלץ.., (אָט זעסטו ווי אָרנטלעך איך בין)!... אַלזאָ, מיין געשווירענער קאָנדיטאָר איז קיר ניקאָלאָס...
— „קיר ניקאָלאָס!” האָט אדריאַן ארויסגעזאָגט מיט אַ ציטער.
„...אייער שכן, דיין אַמאָליקער באַלעבאָס. און אָט דאָ איז דער הונט באַגראָבן: ער קען נישט איבערלאָזן זיין באַק-אויוון און קומען אויפן יאריד. ער, דאַרף דאָס האָבן אַזאַ „אָרנט-לעכן יאט” כדי ער זאָל מיטפאָרן מיט זיין דינער מיכאיל און אָפּנעמען די פּאָר גראָשן, בעת ער וועט שטיין ביים אויוון און בראָטן זיינע פּאמפּושקעס אויף אייל. שוין צוויי טעג ווי איך זוך אַזאַ מין „ארנטלעכן לאַבוז”.
און סטאַווראַ באַשליסט ערנסט און מיט דאגה:
„בראַילאָוו ווערט פון טאָג צו טאָג אָרעמער אין מענטשן!”
אַדריאַן האָט געפילט ווי מען וואָלט אים אַ כמאַליע געטאָן: ער האָט זיך אנידערגעשטעלט פאַרן לימאָנאַדניק און געזאָגט:

„סטאווראָ! צו קען איך אפשר האָבן דעם כבוד און זיין דער „אָרנטלעכער לאָבוז,״ וועלכן דו זוכסט?

דער יארידניק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ:

אָן שפּאַס?...

— אַ וואָרט פון אַ אָרנטלעכן לאָבוז! איך פּאָר מיט איידן״

סטאַוורא האָט אַ שפּרונג געטאָן, ווי אַ שימפּאנזע און אויסגערופן:

„שטעק אַריין דיין לאַפּע, זון פון אַ פארליבטער רומע-נערין מיט אַ סעפּאַלאַניטער אַוואנטורניק... דו ביסט אַ ווירדיקע שפּראָצל פון דיינע בכבודיקע אבות...

— וואָס ווייסטו דען פון מיינע אבות?

— אָ! זיי האָבן געמוזט זיין גרויסע מאַרעוויכערס!״

נאָך די דאָזיקע ווערטער האָט דער לימאָנאַדניק ארומ-גענומען דעם מאַליאַר, און נעמענדיק אים אונטערן ארעם האָט ער אים אוועקגעפירט מיט זיך:

„שנעל צו ניקאָלאסן, אים אנזאָגן די גוטע בשורה!... מען מוז אַרויספאָרן שפּעטסטנס זונטיק אוונט, כּדי אנצוקומען באַצייטנס קיין ס... און פארנעמען אַ גוטן אָרט. די נסיעה וועט דויערן א טאָג מיט צוויי נעכט. וואָס שייך דעם פערדל וועט עס גיין לויט זיינע כּחות און לויט דעם ווין-קוואַליטעט, וואָס מיר וועלן באַקומען אין די אכסניות.

* *

*

דאָס דערשיינען פונעם „ר א ש״ פון די י א ר י ד ן, מיט זיין „זשרעבעקל״ האָט אין דער בעקעריי ארויסגערופן אַ שטארקע דיסקוסיע. קיר ניקאָלאָס האָט פאַרשטאַנען נאָך סטאַווראָס גע-וואלדן, אַז עס האנדלט זיך אין אַ גרויסער מציאה. סטאַווראָ האָט געהאלטן אויף טערקיש אַ דרשה, אַז ס'האָט אים אַזש פאַרכאַפּט דעם אטעם. מיכאיל, וועלכער האָט, משמעות, געהאט אַ ידיעה אין דעם דאָזיקן ענין, האָט זיך אריינגעמישט אין דעם שמועס. אַדריאַן, נישט פארשטייענדיק קיין וואָרט, איז גע-שטאַנען און געשטוינט. נאָך מיכאילס אַ ערנסטע תשובה, האָט

ער געזען, ווי קיר ניקאָלאַס הייבט מיט די פּלייצעס, און סטאַווראָ, אַ באַרויקטער, האָט אָנגעהויבן צו רעדן, אין אַ ריינעם גריכיש, בזה הלשון:

„זאָל אייך נישט אַרן, וואָס זיין מאַמע וועט זאָגן „אַך, מיינע קינדער!"... ווען איך וואָלט מיין לעבן צוגעפּאַסט צו די פאַרלאַנגען פון מיין מאַמען, וואָלט איך, אַ פּופּציקיאָריקער, קיינמאָל נישט געוווּסט, ווי אַזוי די זון גייט אויף, און ווי זי פאַרגייט, אויף יענער זייט גראַבן, וועלכער האָט אַנוּנטסטן אַרומגערינגלט אונזער פיינע שטאָט בראַילאַוו. הערט איר, מיינע פריינט, אַלע מאַמעס זענען די זעלבע: זיי ווילן צוגעווינען זייערע קינדער צו זייערע אָרעמע קליינע פאַרגעניגנס און צו זייערע דאַגות, וואָס האָבן אין זיך קיין שום רייץ נישט. חוץ דעם, זאָגט מיר נאָר, איך בעט אייך, מיט וואָס האָבן מיר זיך פאַרזינדיקט, אַז מיר זענען אַזעלכע ווי מען האָט אונז באַשאַפן? ווי מיינסטו אַדריאַן?"

מיכאַיל האָט זיך ווידער אַריינגעמישט, אויך אין גריכיש:

„אין דעם ענין זייט איר גערעכט, אָבער מיר קענען דאָך נישט אַדריאַנס מאַמע. מיר קענען אַמאָל האָבן צו טאָן מיט א טרויעריקן אויסנאַם. איך בין אייך מיעץ, איר זאָלט אים אָוועקשיקן צו זיין מאַמען נאָך אַן הסכמה; אויב ער וועט איר באַקומען, וועל איך דער ערשטער טאַנצן פאַר שמחה. אבער אָן אַ דערלויבעניש פון זיין מאַמע, און געגן איר ווילן, זאָג איך מיך אָפּ צו גיין אויפן יאַריד".

דערהערט די דאָזיקע דבורים, איז אַדריאַן אַוועק, פּונקט ווי דער רוח וואָלט אים געטראָגן.

זיין מאַמע האָט צוגעגרייט דעם מיטאָג. מיט פאַרוויקטע אויגן, מיט רויטע באַקן, מיט צעפּלאָשענע האָר, האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט אין מיטן צימער, און נישט האָבנדיק צוגעגרייט קיין ווערטער, האָט ער גערעדט מיט אַ וויינעדיקע שטימע. זי אָבער האָט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט און האָט צו אים שנעל געזאָגט:

„דו שוועבסט ווידער אַרום אין די וואָלקנס!

— יאָ, מאַמע...

— אַלזאָ, אויב ס'האנדלט זיך אין איבערשטײַלן נאָך אַמאָל די אַקאָרשטיקע מוזיק, בעט איך דיר זייער!... טו וואָס דו וועסט קענען טאָן, אָבער רײַס מיר נישט צופֿיל מיין האַרץ, און קימער זיך נישט וועגן מיר. ס'וועט פאַר מיר פיל בעסער זיין.

— ס'האנדלט זיך דאָ נישט אין האַרץ־רייסנדיקע זאַכן, מאַמע" האָט געענטפערט אַדריאַן; „גאַנצע אכט טעג און אפשר מער, וועל איך קיין ארבעט נישט האָבן, וואָלט איך זייער וועלן מיטפארן מיט מיכאַ'לן אויפן יאַריד קיין ס... ס'וועט זיין אַ גוטע געלעגנהייט פאַר מיר צו באַזוכן אַזאַ פיינע געגנט, און גלייכצייטיק פאַרדינען דאָס, וואָס איך פאַרליר דאָ.

— איר וועט זיין בלויז זאַלבע צווייט?

— יאָ... ניין... ס'וועט נאָך זיין אויך סטאַווראָ...

— זייער פיין!... וואָס ווייטער אַלץ בעסער... מסתּם נאָך אַ „פילאָזאָף?"

און היות איר זון האָט געשוויגן, האָט זי מוסיף געווען: „אַלזאָ דו קענסט גיין!...

— און דו מאַמע וועסט דיך נישט בייזערן?

— איך וועל מיך נישט בייזערן, מיין קינד.

* *
*

די אפּרייזע איז פאַרגעקומען זונטיק אין די אויגן פון אַלע רכילותניצעס פון גריוויצער גאַס, די שכנטעס פון דער בעקעריי. פיר אַ זייגער באַכמיטאָג איז אָנגעקומען סטאַווראָ מיט זיין וועגעלע און מיט זיינע מכשירים: אַ טון, וועלכער האָט אים געדינט אַלס אַ וואַסער-האַלטער, און אין איר, אַ פעסל פאַר זיין לימאָנאַד. אין דעם פעסל ווידער זענען געווען אנגעלייגט: גלעזער, ציטרינען, צוקער און אז. וו. פאַר דער בעקעריי האָט ער מיט דער הילף פון קיר ניקאָלאַס און מיכאַיל, ארויפגעלייגט אויפן וואָגן די נייטיקע מאַטעריאַלן צו דער פאַבריקאַציע פון

פּאַמפּושקעס: אַ טיש, אַ קליין אויוועלע, אַ גרויסן קעסל, צוויי זעק מעל, עטלעכע קאַנען אייל און כּלים. מען האָט אויך איינגעאָרדנט אַ געזעס פאַר דריי פּערזאָן.

כּדי אויסצומיידן די לצנות פון די צוקוקערס, איז אַדריאַנס מאַמע מיט אַדריאַנען אַרויס מיט אַ האַלב שעה פריער, איידער סטאַווראָ האָט געדאַרפט אָנקומען. זיי האָבן זיך צעשיידט אויף גאַלאַצער גאַס. זי איז אַוועק צו אירס אַ חברטע, און ער אויפן הויפּט-וועג, ווו ס'האָט געדאַרפט פאַרבייפאָרן דאָס וועגעלע. זי האָט אַרומגענומען איר זון און אים געזאָגט: „זע צאַדריאַן, איך גיב דיר אַלץ נאָך, אָבער ס'וועט קומען דער טאָג און דו וועסט חרטה האָבן אויף דיינע מעשׂים — די קליינע נסיעה, וואָס דו מאכסט היינט, וועט דיר אריינגעבן אַ חשק אין הארצן צו מאכן מארגן אַ לענגערע, און שפּעטער נאָך אַ לענגערע. און אויב דו קענסט מיר נישט גאַראַנטירן דעם גליק, וואָס די צוקונפט גרייט פאַר דיר. בין איך אָבער זיכער, אַז מיר וועלן ביידע האָבן צו קלאָגן דערויף, וואָס גאָט געפעלט נישט".

ער האָט איר געוואָלט אפּענטפערן, אָבער זי איז שוין געווען אַוועק. צוגעשמידט צום אָרט, האָט ער איר באַגלייט מיט זיין בליק. זי איז געגאַנגען גלייך פאַר זיך, גלייך, פּונקט ווי איר לעבן איז געווען גלייך, איינפאַך און טרויערדיק. וואָס שייך דער איינציקער אָפּווייכונג אין וועלכער זי איז געווען שולדיק, האָט זי אויף איר אויך נישט חרטה געהאט, הגם ס'האָט איר געקאָסט זייער טייער. מיט דער קאַשמירענער טיכל אויפן קאָפּ, מיט דער ביליקער בלוזע, מיט דער באָזטיכל אין דער רעכטער האַנט. האָט זי ליכט אונטערגעהייבן מיט דער לינקער האַנט דאָס לאַנגע קלייד, וועלכע האָט זיך געשארט אָן זאַמד. אירע אויגן האָט זי צוגעפעסטיקט פאַר אירע פיס, פּונקט ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט, עפּעס וואָס זי האָט נאָך נישט פאַרלוירן, עפּעס וואָס זי דארף ערשט פאַרלירן.

מיין טייער ברודער אַדריאַן!... דו ציטערסט... אינם דאָזיקן וועגעלע, וואָס זינקט אויפן היימישן וועג, זיצסטו

איינגעקאָרטשעט אויפן געזעס. סטאַווראָ, וועלכער פירט דעם פערד אין אַ גאַלאָפּ און זינגט אַן אַרמעניש לידל, זיצט לעבן דיין רעכטער זייט, און אויף דער לינקער זייט ביסטו אָנגעלענט אויף מיכאַילס אָרעם, וועלכער רייכערט און שווייגט. דו ציטערסט מיין פריינד. אָבער נישט פון קעלט ציטערסטו! — ציטערסטו פון שרעק? אָדער אפשר אויפגעדריקט צווישן די צוויי דעכּאָנס פון דיין לעבן — ציטערסטו אונטערן הויך פון דיין גורל, וועלכער טרייבט דיר נישט בלויז אויפן יאַריד קיין ס..., נאָר אויך אויפן גרויסן יאַריד פון דיין עקזיסטענץ, וואָס הייבט זיך קוים אָן?...

אונטער די אָפּשפּיגלונגען פון אַ געוויטער־בין־השמשות, האָבן זיי זיך באַוועגט אויפן שאָסיי, גלייך ווי אַ סטרונע, צווישן צוויי שורות ביימער און צווישן תבואה פעלדער. לאַנג, לאַנג האָט סטאַווראָ געזונגען און זיך געקלאָגט אויף אַרמעניש, לאַנג האָבן מיכאַיל און אַדריאַן אים אויסגעהערט, נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט, אָבער, אַלץ געפילט. שפּעטער האָט זיי די נאכט איינגעהילט און זיי איינגעשרענקט אין זייערע אייגענע געדאַנקען. דערפער, כאַטקעס און ווידער דערפער און כאַטקעס, עלנטע נעסטן פון טרויער און גליק, איינגעשלונגענע אין דעם חשך און פאַרגעסענע פון דער וועלט. דער ליכט פון דער וואַקלדיקער לאמטערן, וועלכע הענגט אויפן וועגל, דעקט אויף פאַרשיידענע נאַכט־וויזיעס, דאָרפישע און יאָמערליכע, וועלכע ווערן באַלויכטן אויף אַ רגע און תיכּף פארשוואונדן אויף תמיד. אט באַלויכט זי אַ הונט, וועלכער בילד העפטיק; אַ זייט פון אַ פאָרהאַנג, וואָס ווערט אָפּגערוקט ביי אַ פענצטער, כּדי צו מאכן אַן אָרט פאַר אַ מענטשלעכן פּנים, וועלכער גייט ארויסקוקן אין דרויסן; אַלטע כאַטקעס מיט דעכער צעקנייטשטע און שוואַרצע פון דער צייט; הויפן מיט צודרייטע פּלויטן.

כמעט יעדע צוויי שעה פלעגט סטאַווראָ זיך אָפּשטעלן פאַר אַן אַכסניה. ער פלעגט אויסרייבן די אויגן פונם פערד, אויסציען זיינע אויערן, אָנטון אים די טאָרבע מיט האָבער, אַרויפלייגן אויף אים די פּלאַכטע און נאָכדעם אריינגיין אין

דער אכסניה, אין דער באַגלייטונג פון זיינע צוויי פריינט, דאָרט, אינעווייניק פלעגט ער ווערן הילד, לייכטזיניק; ער פלעגט בלאָפן, שיטן מיט גלייכווערטלעך, און צייטנווייז זיך אויך דערלויבן, אין גוט ברודערשאַפט צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ אַ פויער איבערן היטל. הייסנדיק דעם באַלעבאָס דערלאַנגען אים „אַ ליטר מיט אַ גלאָז", פלעגט ער דעם לעצטן העפליך בעטן זיין טאַבאַק-פושקע, נאָכ-דעם פלעגט ער ־ וויקלען דעם פאַפּיראָס, און ערנסט, ווי דער פויפסט, פלעגט ער אָנהייבן, ווי דער שטייגער צו דאַנקען און שיקן די פושקע אויף דער ערד.

אַדריאַן האָט באַמערקט, אַז מיכאַיל, וועלכער קען סטאַוורען זייט צוויי טעג, האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק צו באַטראַכטן. אויסנוצנדיק די קורצווייליקע אפוועזנהייט פון לימאַנאַדניק, האָט ער זיך געווענדעט צו זיין חבר:

„סאַ פאַרפלוכטער פוסט-און-פאַסניק!.. אַ גרויסער טומל וואָס זאָגט גאָרנישט!"...

מיכאַיל האָט אים אַ שושקע געטאָן: „ס'איז אַ טומל, וואָס ווערט שאַפן אַ שטילקייט ערגעץ ווו, אָבער איך וויס נישט ווו... אַלנפאַלס שטעקט דאָ עפּעס פאַרבאָרגן".

* *
*

נאָך זיבן שעה רייזע, כמעט כסדר גאַלאָפּ, איז דאָס וועגל אין מיטן נאַכט אָנגעקומען אין דערפל ק... ווו מען האָט קיין זאַך נישט געקענט דערקענען אַ חוץ אַ טשאַטע הינט, וועלכע האָבן מיט צאָרן אַטאַקירט די פערד, ס'האָט געטרושעט אַ רעגן. סטאַווראָ האָט די הינט נישקשהדיק מכבד געווען מיטן בייטש, און מיט זיכערקייט פאַרקערעוועט צו אַ טויער, אָן וועלכן דער פערד האָט זיך אָנגעשטויסן מיטן קאָפּ און שיער זיך נישט איבערגעקערט. פון זיין געזעס האָט ער געשריגן אין פענצטער פון דער אכסניה:

„גריגאָר!... הע, גריגאָר!

און נאָכדעם ווי זיי האָבן אונטערגעוואַרט אַ לענגערע

צייט, איז צוגעקומען אַ שוואַרצער סילועט זיי עפענען און האָט זיי נאָך מכבד געווען מיט אַ משונהדיקע קללה:

„דער פּסח, די יעוואַנגעליע מיט אַלע הייליקע אַפּאָסטאָלן! דו ווילסט דאָך נישט מען זאָל מאַכן פּאַמפּושקעס און לימאָנאַד מיט רעגן וואַסער? עפן שנעל, דו האָרן־טרעגער!"

דער אָנגעשאַלטענער האָט עפּעס אַ וואָרטש געטאָן און גענומען דעם פערד פאַרן צוים. מען האָט דאָס פערד אויסגעשפּאַנט און דאָס וועגעלע אַריינגעפירט אונטער אַ שאָפּע. דערנאָך זענען אַלע דריי צוזאַמען מיטן באַלעבאָס אַריין אין איינע פון די יעניגע רומענעשע קרעטשמעס, ווו מען עסט, מען טרינקט, מען רויכערט, יוו מען זאָגט גוטע און שלעכטע זאַכן, לויט דעם אָרט מענטשן, לויט זייערע עלטער און „לויט דעם קוואַליטעט פון ווײַן".

סטאַוראָ איז געווען קורץ און שאַרף:

„לאָמיר בעסער גיין עסן, פלוידערן וועלן מיר נישט פאַרשפּעטיקן. מיר בלייבן דאָ ביז אַ שפּראַץ אויף טאָג און נאָכדעם פאָרן מיר ווייטער. דאָס שווערסטע איז שוין אָפּגעטאָן. מאָרגן, ווען דער גוף און דער גייסט וועלן שוין זיין אויסגערוט; וועלן מיר זיך דערציילן מעשיות, פאַרנדיק לענג אויס דעם טייך, מיר וועלן זיך צוקוקן, ווי די זון הויבט זיך אויף דעם פערד גלייך אין די אויגן: ס'וועט מאָרגן זיין אַ פיינער וועטער".

מען האָט זיי דערלאַנגט אַ טוץ געקאָכטע אייער, געווירכערטע סאַלע, קעז און אַ וויין, „וואָס וועט אייך צווינגען אַרויסצוּוואַרפן אייערע היט דורכן פענצטער".

טרינקנדיק לחיים מיט סטאַווראָן, האָט דער קרעטשמער געזאָגט:

„דו פאָרסט דאָך מסתם אויפן יאַריד קיין ס...?"...

דער צווייטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ: דער קרעטשמער האָט אָנגעהויבן צו שפּאַסן:

דיין לימאָנאַד מאַכסטו מסתם נאָך אַלץ מיט סאַכאַרין אַנשטאַט צוקער און מיט ציטרין־זאַלץ אַנשטאַט ציטרינען?"

סטאַוראָ האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין און ווייטער געקייט; נאָכדעם האָט ער געענטפערט:

„און דו דרעק איינער, דו מאכסט דיין בראנפן פון אלקאהאל מיט פאַנטאַן-וואסער, כדי אפצוסמען די פויערים און אנצופאקן דעם בייטל?"

אַ פאַרוווּנדערטער, האט זיך אַדריאַן אַרייַנגעמישט:

„אָבער סטאַווראַ, איך האב דאָך אליין געזען, ווי דו האָסט געקויפט צוקער מיט ציטרינען; צי איז דאס נישט פאר דעם לימאָנאַד?..."

ניין, מיין פריינט, דאס איז נאר שטויב אין די אויגן פון די דורשטיקע!" האט סטאַווראָ געענטפערט. און ער האט אין גריכיש מוסיף געווען:

„איצט זעסטו שוין נאָכאַמאָל, ווי אָרנטלעך איך בין! און דאָס איז נאך קליינִיקייט!...

מיכאל און אַדריאַן האבן זיך דורכגעקוקט מיט אַ קלוגן בליק, און דעם ערשטנס אויגן האבן געענטפערט אויף דער שאלה פון צווייטן:

„ס'איז נישט אנדערש, ווי ס'שטעקט דא עפעס פארבאָרגן".

אַלע דריי האבן זיך אויפגעהויבן. דער קרעטשמער האט גענומען אַ שאכטל שוועבעלעך מיט אַ ליכט און אוועק מיט זיי אין שייער. דער אויבערשטער שטאָק איז כמעט געווען אנגעפילט מיט היי. דאָרט, אויפן פאָדלאָגע, האבן זיי אויסגעשפרייט אַ גרויסע ראָגאָזשע, אויף וועלכער אַלע דריי האבן זיך אנידערגעוואָרפן אין די זאכן, מיט אָנגעשטאָפטע בייכער, בארוישט פון מידקייט און פון וויין.

„גיט אַכטונג ביים רויכערן", האט זיי אָנגעזאָגט דער קרעטשמער, אַוועקגייענדיק; ער האָט צוגענומען די שוועבעלעך מיטן ליכט. אין פינף מינוט שפעטער זענען זיי שוין אַלע דריי געשלאָפן.

* *
*

ווי שפעט קען שוין איצט זיין? אַדריאַן האט עס נישט געקענט וויסן, אבער אַ רגע האט ער אין דעם חשך פון דער נאכט געפילט, ווי עפעס אַ האנט רירט אים דעם אקסל און נאכדעם דאס פנים. אויפפענענדיק אויף אַ רגע זיינע פארשלאפענע

אויגן, האט ער זיך בשעת מעשה קוים דערמאנט, אז ער געפינט זיך נישט אין דערהיים, נאָר אין אַ שייער; און ער איז תּיכּף ווידער איינגעשלאפן. אבער ווידער האט אַ האַנט ארומגעשפאצירט איבער זיין פּנים, און פּלוצלינג האט ער דערפילט אַ ווארעמען קוש אין דער רעכטער באַק. דאסמאל האט זיך אַדריאַן אויפגע־כאפּט און אָנגעהויבן צו טראכטן, ליגנדיק זייער רויק. וואס זאל עס צו אַלדי רוחות באַדייטן?... אריענטירנדיק זיך אין דער פינ־צטער, האט ער זיך דערמאָנט אָן דער פּאָזיציע פון די שלאַ־פערס: ביי זיין רעכטער זייט און אין דער מיט איז געלעגן סטאַוראַ; אויף דער לינקער זייט מיכאיל. ער האט געטראכט:

„וואָס?... סטאַווראַ האט מיך געקושט?...”

וואס זאל עס באדייטן?”...

אַ פיינלעכער געדאנק איז אים אריין אין מח, אַזאַ פיינ־לעכער, אז ער האט אים אפּגעשטויסן, זאגנדיק:

„ניין... ס'האט זיך מיר מסתם געחלומט... ס'איז אוממעגלעך!”

אבער אין עטלעכע מינוט ארום האט ער געפילט, ווי סטאַווראס האנט טאפּט אים ביי דער ברוסט. איבערגעשראָקן, האט ער אַ פרעג געטאָן מיט אַ געשטיקטער גראבער קלינגעדיקער שטימע:

„צו זוכסט מיין טאַבאַק־בייטל, סטאַווראַ?”!

די שאלה האט אַ קלונג געטאָן אין דער שטילקייט פון דער נאכט, פּונקט ווי אונטער אַ קופּאָל. אונטערהייבנדיק זיך פון ארט, און טרייסטלענדיק זיך האט דער לימאָנאַדניק אים אנגעכאַפּט פארן האנט, און אריינגעשושקעט אין אויער:

„שווייג!...

— וואָס אבער האסטו געוואלט?.., דו האסט דאך מיר אַקארשט ארומגענומען?” האט אדריאַן אפּגעענטפערט אַ אויפ־געציטערטער.

„שווייג!... שריי נישט!” האט אים סטאַווראַ אריינגעהויכט האל־טנדיק פארן האנט. ס'זענען אוועק עטלעכע רגעס פון שטילקייט, אין שרעק. מיטאַמאָל האט זיך דערהערט מיכאַילס שטימע, רעדנדיק בשתיקה אויף טערקיש און שטעלנדיק סטאַווראַן אַ קורצע

שאַלה. יענער, האָט, ווי ס'ווייזט אויס, נישט געוואָלט ענט־פערן; ערשט שפּעטער האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר ווערטער. מיכאַיל האָט אים געשטעלט אַ נייע שאַלה, סטאַוראָ האָט אים שוין לענגער אָפּגעענטפערט. און ווידער איז מיכאַיל צוגעשטאַנען, אָבער דער לעצטער האָט טרוקן אָפּגעענטפערט. מיכאַיל האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געטראַכט: ער איז אויף אַ קורצע ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער אָט האָט ער זיך אויפ־געהויבן אויף אַ עלנבויגן, זיך אַריבערגעבויגן איבער סטאַוראָן און גערעדט צו אים רויק אַ גאַנצע מינוט. מיטאַמאָל האָט יענער גראָב אָפּגעענטפערט, איבערשלאָגנדיק אים אין מיטן די רייד. דעמאָלט איז פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אָנגעטריבן אויף אַדריאַנען אַ פּחד.

מיכאַיל — וועמען אַדריאַן האָט פאַר קיין שלעכטן נישט געקענט — איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און גערעדט קורצע און שאַרפע דיבורים. סטאַוראָ האָט נאָכגעמאַכט זיינע באַוועגונגען און אָפּגעענטפערט מיטן זעלבן טאָן. פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך אַנטוויקלט אַ שאַרפער געשפּרעך צווישן די ביידע מענטשן, וועלכע האָבן זיך ווייניק געקענט. אין דער שטאָק פינצטערער נאַכט האָבן זיך געלאָזט הערן פראַזן, ווערטער, העפטיקע, פונקט ווי עמיץ וואָלט אָנגעגריפן דעם שייער. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז זייערע קעפּ דערנענטערן זיך פון צייט צו צייט; אַז זייערע אויגן בישטערן; אַז זייערע הענט זשעסטיקולירן. אין אַדריאַנס פאַר־גליווערטע אויערן האָבן די וואָקאַלן פון דער טערקישער שפּראַך אָפּגעקלונגען ווי דאָס קרעכצעניש פון אַ האָבאָי*); און די האַרטע קאָנסאָנאַנטן האָבן אים געקלאַפּט, ווי דאָס רוישערײַ פון אַ טאַמבור.

אַדריאַן האָט פאַרשטאַנען דעם אמת; ער האָט אויך פאַר־שטאַנען, אַז מיכאַיל האָט געדריקט סטאַוראָן ווי מיט צוואַנגען, און אַ גרויס רחמנות האָט זיך אין זיין האַרצן דערוועקט צום

---

*) האָבאָי: אַ מין בלאָז־אינסטרומענט

לעצטנס פיין; ער האט זיך פאנאנדערגעוויינט. מיט טרערן אין די אויגן האט ער געזאָגט:

„אָבער... רעדט גריכיש! איך פארשטיי דאָך נישט קיין איינציק וואָרט!‟

די דאזיקע טרויער־עקספלאָזיע האט איבערגעריסן דעם וויכּוח. אַ שווערע שטילקייט איז אראָפּגעפאלן אויף אַדריאַנס פּראַזע, ווען ער האט געפרעגט:

„סטאַוורא!... צוליב וואס האסטו עס געטאָן?‟

סטאַווראָ האט זיך אויסגעדרייט צום ייִנגל און געענטפערט מיט אַ אונטערדריקטן קול:

„אַך, מיין טייער פריינט: ס'איז דערפאר, ווייל איך בין נישט קיין ערענטלעכער מאן! איך האב דאָך דיר געזאָגט‟.

אַ בארויקטער, האט מיכאיל זיך אויך ארייַנגעמישט:

„ס'איז נאך ערגער פון נישט־ערנטלעכקייט. ס'איז פארדארבנקייט. איר האט באגאנגען אַ גוואלדטאט איבער אַ גלייכגעוויכט ווי אלץ איז הארמאניש: איר האט פארדארבן די דאזיקע גלייכגעוויכט! און איר באגייט דאָס שרעקלעכסטע פארברעכן, ווען איר פרייַדיקט און ווילט פארשפרייטן די דאָזיקע שלעכטע מידה‟.

און מיכאַיל האט שטרענג מוסיף געווען:

„מיט אייער גאנצן הארצן בעט מחילה ביי אַדריאַנען, ווען נישט צופלאַטשיק איך אייך דאָ, מיטן שייער צוזאמען!‟

סטאַווראָ האט קיין וואָרט נישט געענטפערט. ער האָט אויפגעדרייט אַ פאפּיראָס; און ווען ער האט אים פארויכערט האָבןביידע פריינט דערזען פון פּראָפיל, אז זיין פנים האט זיך געענדערט, דאָס מויל און דער נאָז האבן זיך אויסגעצויגן, די וואָנסעס אָנגעשפּיצט אויף דער הויך. ער האט אויסגעזען ווי אַ געשפּענסט. זיינע אויגן זענען געווען ווי פארזונקען; ער האט אויף זיי נישט געקוקט. ער האט אפילו אויף זיי נישט אַ קוק געטאָן אויך דעמאָלט, ווען זיי האבן אנגעצונדן פאפּיראָסן.

דאס געבילעריי פון די הינט, און דאָס קרייען פון די הענער האבן אין דרויסן אנגעפילט די לופט פון דער נאכט.

* *
*

„יאָ", האט סטאורא אנגעהויבן, אין אַ צייט אַרום, ווען מיכאיל האט געגארט צו הערן זיין תשובה. „יאָ", מיטן גאנצן הארצן, וועל איך בעטן מחילה ביי אַדריאַנען... מיט אויפריכטיקייט, אבער נישט מיט הכנעה... און נישט באלד, נאר ערשט דעמאָלט, ווען איר וועט מיך האבן אויסגעהערט...

„איר זאגט „פארדאָרבנקייט", „גוואלדטאט", „שלעכטע מידה". און איר מיינט, אז איך דארף מיך באַגראָבן פאר חרפה. אָבער איך זאָג אייך, אַז איך בין נישט-ארנטלעך. און דאס איז אַ סך ערגער, ווייל דאָ פארשטיי איך, אז ס'הייסט: טאָן שלעכטס באַוווּסטזיניק. אבער פארדארבנקייט? געוואלדטאַט? שלעכטע מידה? מיין טייערער מיכאַיל!... דאס ווערט דאך אפגעטאָן יעדער טאָג ארום אונז, און קיינער שטייט נישט אויף קעגן דעם!... דאס איז שוין אריין אין די געזעצן, אין די מנהגים. ס'איז געוואָרן א כלל פונם לעבן. און איך? איך בין, אַ צעקאַלעטשעטער פון דעם דאָזיקן פאַרדאָרבענעם לעבן. דאָס באדייט, אַז איך בין אויסגעוואָקסן אונטערן הויך פון דעם דאָזיקן פלאָג. און דאָך האָב איך דערצו גישט קיין בייגונג.

צום באַדוירן מוז איך ריידן קעגן מיין ווילן, אָבער איך נוץ אויס דאָס, וואָס מיר געפינען זיך נאָך אין דער פינצטער פון דער נאַכט, פונקט ווי אין אַ מלוכה פון קרעטן. און נישט כדי זיך צו פאַרטיידיקן וויל איך ריידן. אַך, דאָס איז מיר אלץ איינס!... ס'איז בלויז, כדי, איך, דער אוממאָראלישער מענטש, זאָל געבן אַ לעקציע פון לעבן, אייך, וועלכע זענען מאראלישע מענטשן, באזונדערס אייך מיכאַיל וואס איר קענט אים נישט.

איך בין אַ אוממאָראלישער און אַ נישט-ארענטלעכער מענטש. פאר מיין נישט-ארנטלעכקייט בעט איך מחילה; וואָס שייך מיין אוממאָראלישקייט, דארף איך גאָר זיין אַ שופט. דער שופט פון וועמען? דאס דארפט איר אַליין איינזען. איין פרט פון מיין לעבן וועט

אייך העלפן דערצו; און דער פאקט איז פארבונדן מיט די גע־שעענישן פון מיין חתונה.

אין יאָר 1867, עטוואס שפּעטער נאָכן אריינטריט פון פרינץ טשארלז אין זיינע הערשאַפטן, בין איך אויך אנגעקומען אין מיין לאנד, אבער נישט ווי ער, אַלס אַ פּרינץ. איך בין אנגעקומען אַ דערדריקטער, צוליב דעם ראָמאנטישן פאַרלוסט פון מיין על־טערער שוועסטער, און פארדאָרבן צוליב מיין אוואנטוריסטישן לעבן, וועלכן איך האב געפירט, בעת איך האָב איר געזוכט אין אַ משך פון צוועלף יאָר איבער אַנאַטאָליען, ארמעניען און איבער דער אייראפעאישער טערקיי. ס'מעג אייך פארדריסן, וואס איך קען אייך נישט אנהייבן צו דערציילן וועגן מיין יוגנט, וועגן דעם טרויעריקן גורל פון מיין שוועסטער און וועגן אלע פּרטים פון מיין פארדארבנקייט. ס'וואלט אביסל צו לאנג געדויערט. איך וועל עס נאך אפשר אַמאָל טאָן, אויב איר וועט מיר וועלן ווייטער דריקן מיין האַנט; און אויב איר וועט עס נישט וועלן, האב איך אויך קיין דאגה נישט.

„איך בין דעמאָלט אַלט געווען פינף און צוואנציק יאָר. איך האב פארמאָגט אַביסל געלט, געקענט דריי שפּראכן. אבער רומעניש האב איך געהאט כמעט ווי פארגעסן. מיינע באקאַנטע פון די קינדערשע יאָרן האָבן מיך נישט דערקענט און דערפון בין איך געווען זייער צופרידן. איך האב באין אופן נישט גע־וואָלט מען זאל מיך דערקענען. אויסער דעם האב איך געהאט פאפירן פון אַ ר אַ י אַ *). קענענדיק שלעכט מיין שפּראך, האָט מען מיך אָנגענומען פאר אַ פרעמדן.

„צוליב וואס האב איך זיך צוריקגעקערט אין מיין לאנד? צוליב גאָרנישט, און צוליב אַ גרויסע זאַך. צוליב גאָר נישט, ווייל איך האב שוין מער נישט געהאט קיין ווארצלען אין דער ערד, אויף וועלכער איך האב דערזען די ליכט און צוליב דעם, וואס איך האב זיך געפילט גוט אין דער פרעמד. דאס איז אבער געווען אַ שיין-גליק.

*) ראיאַ: אַ טערקישער אונטערטאן

איך האָב געפירט אַ פריי לעבן, אַ וואַנדער לעבן, אָבער אַ פאַרדאָרבן לעבן. פון פריִער האָב איך מער נישט געקענט ווי מיין שוועסטער און מיין מאַמע. אַ ווייב, אָדער אַ געליבטע זענען מיר געווען לגמרי אומבעקאַנט. און איך האָב נאָך זיי שרעקלעך געגאַרט; אָבער איך האָב מורא געהאַט צו זיי זיך צו דערנענטערן. אָט איז אַ זאַך, וואָס איר קענט נישט, מיכאַיל!... אַך, וויפל עוולות טוען מיר אָפּ אין אונזער לעבן! ווען מען זעט אַ קאַליקע אויף אַ פוס, אָדער אויף אַ האַנט, וואַרפט אים דאָס קיינער נישט אויף; אַלע האָבן אויף אים רחמנות. אָבער די גאַנצע וועלט אַנטלויפט, קיינער פילט נישט קיין רחמנות בנוגע אַ נשמה-קאַליקע!... און ס'פעלט אים דאָך דער עמוד-התווך פון לעבן. אָט דער עמוד-התווך האָט מיר געפעלט. קומענדיק צוריק קיין רומעניע בין איך געגאַנגען אים זוכן ביי די, ביי וועמען די מנהגים זענען מער צוגעפּאַסט צום אמת פון די געפילן. זיי האָבן מיר אים געגעבן; אָבער מער נישט, כדי איך זאָל באַקומען אַ אָנשפּאַר אויף אַ ווײַלע, און באַלד צוריק צוגענומען. אויף אַ שענדליכן אופן האָבן זיי אים צוגענומען, כדי מיר אַריינצוּוואַרפן אין תהום פון פאַרדאָרבנקייט. און אָט ווי אַזוי

ווי נאָר איך בין אָנגעקומען האָב איך זיך תיכף צוריק גענומען צו מיין פּראָפעסיע פון אַ סאַלעפּגדי*). איך בין אַרומגעקראָכן אויף די וועגן, אויף יאַרידן, אין די אַרומיקע געגנטן און נאָך ווייטער, אָבער נישט אין בראַילאָוו גופא. אין שטאָט האָט קיינער נישט געוווּסט מיט וואָס איך באַשעפטיק מיך. דעם סאַלעפּ פלעג איך געהיימערהייט קויפן ביי אַ טערק, זיך אַרויסגעבנדיק פאַר זיינעם אַ לאַנדסמאַן. אים האָב איך אַרויסגעוויזן בלויז דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט, אַז ער זאָל זען. אויף אַזאַ אופן האָב איך קנאַפּ געאַרבעט און אַ סך פאַרדינט, אַזוי, אַז איך האָב מיך שוין געקענט שטיצן אויף אַ אָפּגעשפּאָרטן גראָשן,

---

*) סאַלעפּגדי: אויפן אָריענט: דער וואָס פאַרקויפט הייסע געטראַנקען געמאַכט מיט סאַלעפּ-מעל

וועלכן איך האב געטראגן אויף זיך. און אט האב איך אנגעהויבן צו שליסן באקאנטשאפט.

זייענדיק בטבע אַ ג י אַ ב ו ר*) און צאלנדיק תמיד לויט די חשבונות, פארן אויסגעטרונקענעם וויין, (נישט איבערעכענענדיק אפילו), בין איך איינמאל אויף קאלימערעסקער גאס ארויפגעפאלן אויף אַ גוטן וויין און גלייכצייטיק אויף אן אנדער זאך, וואס איך האב געזוכט זינט מיין צוריקקער, דהיינו: דער וויין פלעגט צייטנווייז דערלאנגט ווערן דורך אַ שיין מיידל, דעם שענקערס אַ טאכטער. און איך בין געווארן אַ שטענדיקער פארצערער פון דעם דאזיקן גוטן וויין און אויך אַ קרבן פון די פלאמען, וואס די שווארצע אויגן פון דעם שענקערס יפת־תואר האבן געצונדן. אבער איך בין געווען זייער פארזיכטיק, ווייל זייער הויז איז געווען זייער אַ רייכע און אַ שטרענגע. באזונדערס האבן זיי נישט פארטראגן קיין פרעמדע, הגם דעם גאנצן פארמעגן האבן זיי אנגעשארט פון זיי.

„אלזאָ, איך האָב צוערשט באשלאסן וואָס שנעלער ארויסצובאקומען רומענישע פאפירן, און דאָס איז נישט קיין שווערער ענין אינם לאנד פון הייליקן־באַקשיש**). איך האָב ביסלאַכווייז מקבר געווען „סטאוורא דעם, סאַלעפּגדי”, און געוואָרן ד אָ מ נ ו ל א י ז ו ו אָ ר אַ נ ו „אַ דמשקער סוחר פון מעשוואַרג”. דער נאָמען און דער פאך איז זיי געפעלן געוואָרן. מען האָט מיר אָפּגעגעבן גרויס כבוד און געהאט פאר מיר שטארק דרך־ארץ. דאָס הויז האָט נישט געהאט קיין מוטער. דער טאטע איז געווען אלט, שטרענג און געליטן אויף די פיס.

„נאך אַ דריי־חדשימדיקן אריינקומען, האָט מען מיר איינגעהאלטן אויף אַ מיטאג אין קרייז פון דער פאמיליע. דאָ האָב איך באגעגנט אַ מומע, וועלכע האָט פארנומען דאס אָרט פון אַ מאַמען, און באַמיט זיך איבערצוקויפן דער טאכטער מיט אירע ליבליכקייטן. אבער דאָך מוז איך פעסטשטעלן, אז תמיד זאל

*) גיאַבור: אַ לוסטיקער מענטש.

**) באקשיש: לאפּוווקע; כאבאר.

מען זאגן אן האלבן ליגן. ביים טיש זענען געזעסן צוויי פרידער, גרויסע און פעסטע ווי גדעאַלאַטן*) אויך דמשקער סוחרים, וואָס פארקויפן טעפיכער און מעשוואַרג און ווינען אין גאַלאַץ. צום גליק האָב איך געקענט דמשק מיט זייער פראפעסיע בעסער פון זיי אַליין; איך האָב נישט איינמאל פארקויפט טעפיכער און געשניצטע מעשווארג פון יענע געגנטן.

„ביים מאָלצייט רייד איך און דערצײל מעשיות פונם לעבן אין „אנאַדאַליען". איך דערצייל זיי, וואָסער טרויער ס'דעקן צו די דמשקער טעפיכער און מעשווארג, וואָס איז דורכאויס א האַנט-פאַבריקאַציע, ווייל דאס ארבעטן אויס קינדער פון פינף יאר און כמעט בלינדע זקנים. די ערשטע פארדינען צוויי מעטעליקס**) א טאָג, נישט ווִיסנדיק אַפילו וואָס אזוינס איז קינדהייט, און קומען אַריין אין לעבן דורך דער גיהנום-טיר. די לעצטע, די זקנים, ווערן אויסגעמאַטערט פון הונגער, נישט האבנדיק קיינמאל קיין רעכט, נישט אויף מנוחה און נישט אויף קיין ליכטיקער זקנה.

„מיינע מעשיות געפעלן דעם מיידל, און זייער טרויעריקער אינהאלט רייסן ביי איר אַרויס עטלעכע טרערן; די אייבעריקע האָבן אָבער שטיינערנע הערצער; זיי אינטערעסירט בלויז די אנעקדאָטישע זייט. דאָס געפעלט מיר נישט און אויף אַזוי פיל, אז איך בין שוין גרייט אויפצוהערן; אין דערמאָן מיך אָבער תמיד, אַז איך בין נישט געקומען אַהער מיט אַלעמען חתונה צו האָבן. דאָס מיידל איז געווען אין מיין געשמאַק, און מיט איר האָב איך געוואָלט חתונה האבן.

„מיינע באַציאונגען מיט איר האבן זיך באגרענעצט מיט מעשיות און דערציילונגען.

„צוויי חדשים שפעטער בין איך שוין געווען ביי זיי א היימישער מענטש. דאָס דאָזיקע הויז, וואָס האָט נישט געהאט קיין קרובים, איז די אטמאספער געווען א געשטיקטע,

---

*) גדעאַלאַט: תליון אויף טערקיש

**) מעטעליק: 10 סאַנטים

אָבער געשטיקט האט זיך דאָרט בלויז דאָס פּרעכטיקע באַשעפע־ניש, וואָס איך האָב געליבט. אוונט ביי אוונט פלעג איך קומען צו איר און אפּזיצן צוויי, דריי שעה, דערציילן מעשיות, וויצלען זיך, אָפטמאל זינגען מזרחישע מאָטיוון, מעלאָדישע און ווייגענ־דיקע. די מומע און דער טאַטע האָבן געהאט הנאה, אָבער די טאָכטער האָט זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן... זי האָט געוואָלט נאָך און נאָך...

„פון געשעפט האָט דער טאַטע צעיאָגט אַלע טומלדיקע קליענטן, פאַרטריבן דעם גאנצן לאַרעם; און זעלט איז ווער געקומען בעטן עפּעס צוצובייסן. אין הינטערגרונט פון געשעפט, ביי דער באַגלאָזטער טיר, האָט די מומע אויסגעפּאַריכט וועש און אכטונג געגעבן דורך די פאָרהענגלעך אויפן שוואַך־באַלויכ־טענעם שענק. דאָס מיידל האָט געשטריקט, געהאָפטן, בעת איר טאַטע איז געלעגן אויף אַ בעט אין אַלקער, געדרעמלט, צייטנ־וויַיז געקרעכצט און מיך אויסגעהערט. זיין שכל אויף צען אָקסן געזאָגט געוואָרן. זיצנדיק לעבן אים אויפן סאָפע האָב איך אים אויסגערעכנט מיינע אַלע פּלענע, און ער האָט מיר געגלייבט.

„אויף אַזאַ אויפן האָב איך שנעל אָנגעטאפּט זיין שוואַכע זייט. ער האָט זיך געגוויטיקט אין אַ געזעצטן מענטשן, וועלכער זאָל ווייטער פירן זיין געשעפט, און אין מיר האָט ער געזען דעם דאָזיקן מענטשן. ס׳איז אַ דבר־ידוע, אַז אַ רומעניער איז אַ קנאַפּער סוחר; ער איז בלויז אַ קנעכט פון דער ערד. ער איז אַ פּויער. היות ער האָט געוואָלט אויסגעבן זיין טאָכטער פאר אַ סוחר, וועלכער זאָל האָבן אַ ידיעה אין מסחר און, היות געלונגענע געשעפטן האָט ער געקענט מאכן בלויז מיט אויסלענ־דער, דעריבער איז ער געווען צופרידן, וואָס ער האָט געפונען אַ לאַנדסמאַן, אַ געניטן קאָמערסאַנט, וואָס קען עטלעכע שפּראַכן, און קען געבן עצות אַפילו זיינע זין, וואָס זענען נישט קיין גרעסערע חכמים פון אים. איך האָב מיר אַ צייט געבראַכן דעם קאָפּ, וויאַזוי אַזעלכע בהמות האָבן געמאַכט אַזאַ פאַרמעגן; ערשט שפּעטער האָב איך מיך דערוווּסט, אַז זיי האָבן עס צו פאַרדאַנקען זייער פאַרשטאָרבענער מאַמען, וועלכע איז געווען

אַ ערשטקלאַסיקע סוחרטע. די טאכטער האָט געירשנט איר טעמפעראמענט. אָבער נאָך דער מאמעס טויט איז די הויז איינגעזונקען געווארן אין טרויער.

„מיין דערשיינען האט אריינגעבראכט מיט זיך אַ ביסל פרישע לופט. יעדער פון די פינף באשעפענישן האבן זיך מיט דער לופט מחיה געווען אויף זיין אופן. דער אלטער מיט זיינעביידע בנים, — וועלכע פלעגן יעדער צוויי וואכן קומען אויף אַ זינטיק אהיים — האָבן זיך געמאכט לוסטיק ווי אידיאָטן און מיך פארמאטערט מיט זייערע געשעפט-שאלות. כדי אויסצופרובן מיין ארנטלעכקייט האבן זיי נישט געפונען קיין קלוגערע עצה, ווי בעטן ביי מיר אַ גמילות-חסד, אדער מיר פארלייגן אַ הלוואה. איך האב זיי אין ביידע פאלן צופרידן געשטעלט, און באשלאסן, אַז מען קען האבן אוצרות און זיין אַ גרויסער אידיאָט. די דאזיקע דריי זענען ווייט נישט אַוועק איינער פון צווייטן.

„די אלטע שוועסטער פון דער פארשטארבענער האט נישט געלאכט און נאך וויניקער געוויינט. זי האט מיך זייער אפט געדרייט אין קאָפ וועגן מיינע איצטיקע געשעפטן. אַ סך מאל האָב איך איר נישט געגעבן קיין קלאָרע תשובות. ס'פארשטייט זיך, אַז זי האט געקוקט אויף מיר מיט חשד. שפעטער, האבנדיק דעם צוטרוי פון די דריי לצים, בין איך געוואָרן ביי זיך פעסט און איר אפגעענטפערט, אז מיינע געשעפטן זענען שוין זינט צוויי יאָר נישט אזוי פויגלדיק, צוליב מאנגל אין געלט. דעמאָלט האב איך באמת געזאגט נאר אַ האלבן ליגן. אך, ווען איך וואָלט געהאט אַ סך געלט!.. די בעסטע געשעפטן האט מען דעמאָלט געקענט מאַכן ביי אויסלענדישע מעשווארג. די תשובה האט זיך צו איר צוגעקלעפט דערפאר, ווייל איך האב קיינמאל ניט געטענהט, אז איך בין רייך.

„אבער די שמחה פון מיין הארץ—איז געווען די ליבע פון דער שיינער טינקוצאַ. זי איז געווען די איינציקע, וועלכע האט מיך פארשטאנען און געליבט, די איינציקע וועלכע האט מיר צוגעגעבן כוחות און האָפנונגען אין דער דאזיקער פארצווייפלטער שטוב.

„אַ פרייער מענטש וואס האט פיינט געהאט געלט, אַ מענטש, וועלכער איז געווען צוגעוווינט צו אטעמען אין די גרויסע שטראָמען פון לעבן, וואס שארט אוועק אַלע פוילנדיקע שטאָפן פון דער נאַטור — בין איך פארבליבן אין דער דאזיקער הויז — וו אַלץ איז צעפוילט פון עגאָאיזם און שטות — בלויז צוליב איר, וועלכע האט זיך געצויגן מיט אַלע כחות צו דער פרייהייט.

גאנץ אפט פלעגן מיר בלייבן אליין. דעם געשעפט פלעגט מען פארמאכן גאנץ פרי. די מומע פלעגט גיין שלאפן; זי פלעגט אויפשטיין פרי. און דעמאָלט, לעבן פאָטער, וועלכער פלעגט דרעמלען און קרעכצן פלעגט טינקוצאַ זיצן, איבערגעבויגן איבער איר האפטן, און מיר בעטן מיט אַ בליק, פון וועלכן ס'פלעגט מיר פארגליווערט ווערן מיין בלוט:

„דערציילט מיר עפעס, הער איזוואָראַנו: עפעס אַ אומעטיקע זאך”..

דער טאטע פלעגט שרייען:

„ניין, נישט קיין אומעטיקע! דאס רעגט מיך אויף!...

— גוט, אלזא עפעס פריילעכס”, פלעגט זי מעלאַנכאָליש מוסיף זיין.

„איך וועל אייך דערציילן עפעס אזוינס, וואס וועט זיין צוגעפאסט צו אייערע ביידע געשמאקן”, פלעג איך זאגן. „פאָריגן יאָר בין איך איינמאָל געווען מיט סחורה אויף אַ יאריד אין אַ שטאָט ביי דער יאַלאָמיצע *) איר ווייסט דאך מסתם, אז אויף אַ יאריד דאַרף מען זעהן צו זיין מיט אלעמען גוט. מען שליסט דארט שנעל באקאנטשאפט און שנעל ווערט מען פון זיי פטור, אבער אַ יאַרידניק ריזיקירט דאָ צו באגעגענען אַ צווייטן יארידניק עפטער נאך, וו אַ טויטער דעם פאפ, וועלכער האט אים באגראבן...

— זייער בייזע רייד, האט געוואָרטשעט דער אלטער.

„איך האב מיך צוגעפאסט צו דעם דאזיקן אַרט פירונג, אין אט וואס ס'האט מיט מיר פאסירט אין יענעם טאָג, איך האב זינט אַ קורצע צייט געקענט אַ יארידניק, מיטן נאָמען טראַנדאַפיר

*) א טייך אין רומעניען

אַ ציגיינער, וועלכער האט פלומרשט פארקויפט פאטשערקעס, אין דער אמתן איז ער אבער געווען אַ קאָרטן-שפילער און געזוכט „פרייערס" אויף זיין שפיל מיט דריי קאָרטן, וועלכע הייסט, אָט איז דער מלך, ווו איז דער מלך? מיט איין ווארט, טראַנדאַפיר איז געווען אַ לײדאק. אבער דער דאזיקער לײדאק האט מיך פאַראינטערעסירט. מיט זיינע פאטשערקעס-שנורן אויפן האנט, פלעגט ער זיך אָנלענען אויף מיין טישל, רויכערן זיין פייקע, אין נישט אויסריידנדיק קיין איינציק ווארט, פלעגט ער אזוי לאנג שפייען און כראקען, ביז ס'פלעגט מיר אננעמען אַ עקל און איך פלעג אים משלח זיין. דעמאָלט פלעגט ער זיך אויסמישן צווישן עולם און שרייען: „פאטשערקעס, פאטשערקעס!" אבער זיינע אויגן פלעגן נישטערן די פויערישע קעפ, וועלכע וואָלטן זיך געלאָזט כאפן אויפן ווענדקע. האט ער יאָ געפאקט אן אורח, פלעגט ער שוין פון אים אוועקגיין מיט פוסטע קעשענעס. וועלנדיק אים ארויפפירן אויפן דרך-הישר, האב איך אים איינמאל פארגעלייגט איבערצובייטן זיין פראפעסיע.

„וואס? האט ער מיר געענטפערט. דו ווילסט מיך מאכן פאר דיינעם אַ שותף? — ניין, האב איך געזאגט, איך קען דיך נישט צונעמען פאר קיין שותף, אבער איך קען דיך מאכן פאר אַ סאלעפגדי. מען פארדינט זייער גוט.

— אך, האט ער אַ זאָג געטאָן: מען פארדינט גוט! דיין סאַלעפ וועט מיר קיינמאָל נישט געבן אַזאַ ריווח, כדי איך זאָל קענען יעדע זעקס חדשים צוגעבן אַ נייעם דוקאט צום קאליע פון קייזערלעכע דוקאטן, פון מיין שייבער מיראַנדע; און דעמאָלט, איין אלטיטשקער, וועט זי אַוועקגיין צו אן אַנדערן, ווייל, אַזוי ווי דו זעסט, איז די ליבע אומבאשטענדיק"... איך האב איינגעפונען, אַז ער איז גערעכט; דער סאלעפ ברענגט נישט קיין דוקאטן, בעת זיינע דריי „קאָרטן!"... יאָ, אין יענעם טאָג, פון וועלכן איך רייד, האבן אים די „דריי קאָרטן" אריינגעבראכט פינף צוועלף-פראנקעדיקע דוקאטן. אבער די דאזיקע דוקאטן זענען געקומען און דער באַגלייטונג פון אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער געשיכטע. אַ יונגער אפגעפרייערטער פויער, האָט טראַנדאַפירן נישט

געוואָלט אפּלאזן, און נאָך אַ לענגערע שפּיל אין כאַפּ-לאַפּעניש, זענען זיי ביידע צוגעקומען צו מיר און אויסגעוויילט מיר אַלס זייערן אַ בורר. דער פּויער האט געטענהט: „אויב ער וויל מיר נישט אומקערן מיין געלט, טאָ זאָל ער מיר אויסלערנען זיין פאַך. יאָ, זיין פאַך: איך וועל טאָן, וואס ער טוט". טראַנדאפיר האט געהויבן די אַקסלען: „ער איז אַ בהמה! וואס דרייט ער דעם קאָפּ!"

— ניין, פּעטער, האט דער צווייטער זיך אָנגערופן; דאס געלט, מיין געלט, אָדער דיין פאַך! ס'לוינט נישט צו זיין אַן ארנטלעכער מענטש; איך וועל טאָן דאָס זעלבע, וואָס דו!—אבער דו ביסט דאך נישט פיינער פון מיר, האָט געשריגן טראַנדאפיר. דו האסט געוואלט אפּגעווינען מיין געלט, בין איך געווען ערגער פון דיר און אפּגעווונען ביי דיר. אָט אַזוי איז די מעשה. — יאָ, האט מסכים געווען דער פּויער, איך בין נישט געווען ארנטלעכער פון דיר; דערפאַר לאָז איך דיר איבער איין דוקאט און די איבעריקע פיר גיב מיר אָפּ צוריק. און קעגנפאַל שליידער איך מיך אריין אין דער יאַלאָמיצע און דאָס איז דאך אַ גרויסער חטא... איך האב איבערגעלאָזט אין דערהיים אַ יונג ווייב... מיר האבן חתונה געהאט אויס ליבע... און די פינף דוקאטן וואס זענען געהאָנגען ביי איר אויפן האַלדז זענען אונזער גאַנץ פאַרמעגן. איך האב זיי אראָפּגענומען, כדי צו קויפן אַ פּאָר פערד, אויף צו באַארבעטן די ערד"...

טראַנדאפיר האט זיך אָנגעצונדן:

„וואָס? שוטה איינער, דו נעמסט צו דוקאטן ביים ווייב, כדי צו קויפן פערד? אָך, דו ביסט נישט ווערט צו האָבן אַ ווייב, מיט אַ דוקאַטן-קאַליע! — אבער וואס זאָל איך טאָן? האט זיך געקלאָגט דער יונגער פּויער. — וואָט טוט מען? האט געריטשעט דער ציגיינער: מען גייט אַוועק אַ פּאָר מייל פון דער היים, מען גנבעט זיי אָפּ און די קאַליע לאָזט מען אויפן ווייבס האַלדז!"

און וועגנדיק זיך צו מיר, האָט טראַנדאפיר געזאָגט:

„צי האָסטו שוין אַמאָל באַגעגנט אין דיין לעבן אַזאַ אידיאָטישן רומענער?... דאָס אַרויסגעזאָגט, האָט ער זיך פאַרטראַכט, געראוכערט און געשפּיגן. דער פּויער האט געוויינט, פאַרשטעלנדיק

דאס פנים מיט די הענט. דעמאָלט האב איך אָט וואָס דערזען: טראנדאפיר האט זיך אויסגעדרייט צום יונגן פויער, אַראָפּגע־נומען אים די הענט פון פנים, און שנעל, ווי אַ בליץ, האט ער אים מכבד געווען מיט צוויי פעטש. „פארוואס שלאָגסטו מיך? — ווייל דו ביסט אַ בהמה... איך האָב פיינט מענטשן וואס וויינען. האט געענטפערט דער ציגיינער, דרייענדיק ווי אַ טייוול, מיט זיינע קויל־שווארצע אויגן. און איצט, נאדיר צוריק די פינף דוקאטן, און נאָך היינטיקע נאכט פאָר אוועק א היים. אבער זאָלסט זיך אויפהאלטן אויף אַ ביקסן־שאָס פון דיין דארף, אויפן הויפט־וועג. דארט אַהין וועל איך דיר ברענגען צוויי פערד און דיר דער־לאנגען נאָך צוויי פעטש... דאס וועט פאר דיר זיין אַ אָנלערניש, אז דו זאָלסט נאָך אמאָל אָנרירן די קאליע פון אַ שיינער פרוי, בלויז אין דעם פאל, ווען דו וועסט דארפן צוגעבן דוקאטן". אין זעקס חדשים נאָך דער מעשה, האב איך טראנדאפירן באגעגנט אויף נאדירע־וועג. ער איז געריטן און איך בין געפאָרן. ווען מיר האבן זיך באגעגנט האב איך אים אַ פרעג געטאָן: „צי האסטו געהאלטןווארט, טראנדאפיר? — יאָ, האט ער געענטפערט; איך האב אים געגעבן די צוויי פערד און די צוויי פעטש".

* *
*

„בעת איך האָב דערציילט, איז דער אלטער איינגעדרעמלט, אבער טינקוצאַן האָט די מעשה שטארק גערירט. דעמאָלט האב איך מיך, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן דערפילט איינער אליין, אין דער אנוועזנהייט פון אַ שיין מיידל, וועלכע האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר פארליבטע, גלאַנציקע און פייכטע אויגן. איינבויגנדיק זיך צו מיר, האט זי גענומען מיין האַנט און גע־זאָגט מיט אַ קול, וועלכער איז געווען מעלאָדישער פון פידל־טענער:

„זאָגט, הער איזוואָראַנו: צי וואָלט איר געקענט אַזוי ליב האָבן ווי דער ציגיינער טראַנדאַפיר?"...

„איך קען אייך אויף זיכער נישט זאָגן, צי איר האנט האט מיר געבריט אָדער געפרוירן, אָבער דאס ווייס איך יאָ, אז ס'האט מיך אַדורכגענומען אַ פלוצלונגע אימה, מיין קאָפּ האָט

זיך מיר אָנגעהויבן צו דרייען, פונקט ווי איך וואָלט פון אַ דאַך אַראָפּגעפאלן. איך האב דעמאלט געכאַפּט מיין הוט און גע־מאכט פליטה.

„זי האָט עס אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס, און ווען איך בין אויף צומאָרגנס ווידער געקומען, האט זי שטאַרק געלאַכט. איך בין אָבער געווען פאַרדאַגהט; איך האָב איצט מער פון אלע מאָל געפילט די שרעק, צו זיין איינער אַליין מיט אַ פרוי. מיינע אַלע האָפענונגען זענען צופליגן געוואָרן. איך האָב געמיינט, אז עט־לעכע חדשים פון נאָענטער פריינדשאַפט מיט אַ פרוי וועלן מיך אויסהיילן. צום סוף בין איך פאַרבליבן דער זעלבער, מיט דער זעלבער צוקאַלעטשעטער נשמה.

„פונקט ווי מען טוט מיט פערד, וואָס האָבן מורא פאר פייער, אַזוי האב איך גערעכנט מיט זיך צו טאָן; איך האָב גע־רעכנט, אַז אויב מען וועט מיך אדורכפירן דעם פייער אונטערן נאָז, וועל איך מיך אויפהערן צו שרעקן פאַר אים. און ווער ווייסט? וואס ווייסן מיר פון דער מענטשלעכער נאַטור? ווייניקער נאך פון חיות!... ווען איך וואָלט אפשר געהאַט צייט צו באַ־צווינגען מיינע פאַרדאַרבענע געפילן און פאַרהיימישן מיינע אינ־סטינקטן, וועלכע זענען געוואָרן ווילד, וואלט איך דעמאָלט אפשר געקענט געפינען מיין גלייכגעוויכט. דערצו וואלט איך געדאַרפט האָבן דעם גוטן ווילן פון די מענטשן און די גינסטיקע באַדינ־גונגען. אבער נישט די ערשטע און נישט די צווייטע זענען איינ־געגאַנגען אויף צו ראַטעווען אַ מענטשן. די לעצטע האבן מיך פאַרוואַרלט אין אַ קבצן און די ערשטע האָבן נישט געזען קיין שום אנדער זאך ווי זייער עגאָיזם. דער פועל־יוצא דערפון איז געווען אזוינער, אז מיר האבן זיך געשלאָגן קאָפּ אָן וואנט; און מער פון אַלעמען האָט מען מיך געדאַרפט באַדויערן.

„איך האָב נישט געוואָלט בעטן טיקוצעס האַנט, כל־זמן איך וועל נישט פילן, אז מיין נאטור איז אויסגעהיילט; אבער דאָ איז מיר אַריין אַ צווייטער אין וועג, און האָט געשטעלט אין סכנה מיין לאגע. טינקוצאַ האָט געשריגן גוואַלד, אז זי, וויל־

נאר מיט מיר חתונה האָבן. דעמאלט האָט דער טאַטע מיך געפרעגט ביי וואָס איך האַלט.

„ביי וואָס איך האַלט? בלויז דער געדאַנק פון חתונה האָבן האָט אויף מיר אָנגעטריבן דעם פּחד פון די שבעה מדורי גיהנום!... איך האָב נישט געקענט אָפּענטפערן... כ'האָב געקריגן אַלע קאָלירן... באַליידיקט אין איר גאווה, האָט טינקוצע געגאָסן טייכן טרערן, אַז ס'האָט זיך מיר דאָס האַרץ געריסן אויף שטיקער. דער טאַטע האָט אויסגעטייטשט מיין צעמישונג דערמיט, וואָס איך בין נישט רייך; האָט ער מיך געטרייסט און געזאָגט:

„אַרבעטנדיק דאָ, וועט איר זיך דערשלאָגן צו עשירות!"

„צי האָט איר געהערט? זיי האָבן געמיינט, אַז איך זוך ביי זיי עשירות.

„אַזוי אַרום האט זיך דער אפּגרונט פאַר מיר אויפגעעפנט און איך בין געגאַנגען גלייך צו אים; איך האָב געבעטן טינקוצעס האַנט. זי איז געווען מלא שמחה; די גאַנצע שטוב האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער לעטאַרגיע: איך האָב מיך געפילט פאַרלוירן. די טעג נאָכן פאָדערן איר האַנט, זענען פאַר מיר געווען ענלעך צו די לעצטע מינוטן פון אַ פאַרמשפּטן צום טויט. טינקוצאַ איז געווען צופרידן.

„דאָס האָבן אייך אייערע שטאַרקע געפילן אַזוי דערשלאָגן?" האָט זי מיר איינמאָל אַ פרעג געטאָן; אַך, ווי גליקלעך איך בין!"
„אָרעם מיידל!

„זוכנדיק פאַרגעסנקייט, האָב איך, געבלאָפט אויף וואָס די וועלט שטייט. אָבער מען האָט זיך אַרומגעזען, אַז ס'איז עפּעס נישט ווי פריער, און איינם אָוונט פון דעם קנס-מאָל בין איך שיער נישט געפאַלן אין חלשות. אַלע קרובים זענען געוואָרן שטאַרק פאַראינטריגירט. מיין כלה האָט עס דערקלערט מיט מיין שטאַרקע אויפרעגונג. מען האָט מיך אָנגעצויגן אויף אַ שמועס, מען האָט מיך געבעטן עפּעס דערציילן. איך האָב גענישטערט אין מיין מוח, אָבער איך האָב גאָרנישט געפונען. דער גייסטלעכער אָבער, וועלכער האָט אונז אָנגעטאָן די רינגען, נאָכדעם ווי ער

האָט אויפגעקלערט די פאָדערונגען פון קלויסטער, האָט מיך אָנ-געשטויסן אויף אַן אַנעקדאָט.

„ס'האט זיך געהאנדלט וועגן איינעם אַ פּאָפּ, וואָס האָט זיך געקלאָגט, אַז זיינע ארבעטער, וועלכע ער האט געדונגען צו בעארבעטן די פעלדער לאָכן זיך אויס פון אים און אַר-בעטן זייער פּאמעלעך. כּדי ארויפצוציען אויף מיין געשיכטע, האָב איך געזאָגט צום פּאָפּ:

„אויב איר ווילט זיי צווינגען ארבעטן שנעלער, איז דאָ איין עצה, הייליקער פאָטער.

— וואָסערע מיין זון?

— מען דאַרף זיי פּשוט שעלטן, שעלטן ווי אַ סורוגיו!*)

— אָך, מיר טאָרן אָבער נישט שעלטן; ס'איז דאָך אַ חטא.

— יאָ, ס'איז אַ חטא" האָב איך מסכּים געווען, „אבער ס'איז דאך בארעכטיקט געוואָרן דורכן אַרצי-בישאָף פון בוקארעסט, אין די אַלע פאלן, ווי מען קען זיך אַנדערש נישט באַגיין"...

„דער פּאָפּ האָט געמאכט אַ סקעפּטישן אויסזען, אבער די אָנוועזנדיקע האבן אָנגעהויבן שרייען:

„וויאַזוי? זאָגט וויאַזוי? דערציילט!"

„אַלזאָ, אָט וויאַזוי: איינמאָל האָט דער אַרציבישאָף פון בוקארעסט געדאַרפט פאָרן אין אַ שטאָט, וווּ ער האט געמוזט זיין צוליב אַן אָפיציעלע צערעמאָניע. מען האט געבראכט דעם בעסטן דיליזשאַנס און זיין הייליקייט איז איינגעשטיגן. אבער דער סורוגיו פון דיליזשאַנס איז געווען שטארק נישט צופרידן, נישט געקוקט אויפן טרינק-געלט, וואָס ס'האָט אים דערוואַרט. ס'איז אַ דבר-ידוע, אַז אַ סורוגיו קען נישט פירן די פערד אָן קללות. אַ שמיץ מיטן בייטש, צוזאַמען מיט אַ קללה, איז פאר אים וויכטיקער ווי די טרינק-געלט. נו, און דער סורוגיו פון ארציבישאָף האט נישט פארשעמט זיין בארוף. מורא האָבנדיק פארן צאָרן פון גרויסן פּרעלאַט, האָט דער אָרעמער מאַן זיך געגעבן די ליפּן און דריי שעה צייט געפּאָרן צו דערליידן. אבער

---

*) סורוגיו: אַ פורמאַן פון אַ דיליזשאַנס

ווען ס'איז אים אויסגעקומען אַדורכצופאָרן איבער אַ וואַסערל האט ער זיך אָפּגעשטעלט. אַ רויטער פון כעס, ווי אַן אָפּגע־קן כטער ראַק, האָט ער אָפּגעלאָזט די לייטשעס פון אַלע פיר פערד. ער האָט באַשלאָסן צו פאָדערן זיין רעכט פאר יעדער פרייז. פאר־לירנדיק זיין געדולד, האָט דער אַרציבישאָף ארויסגערוקט זיין קאָפּ פון קאָטש און געפאָדערט מען זאָל אים אויפקלערן די סיבה פונם אָפּהאַלט. דער סורוגיו האָט אַראָפּגענומען זיין הוט און הכנעהדיק דערקלערט:

„ז י י ע ר ה ו י כ ע ה י י ל י ג ק י י ט ! די סיבה איז פאָל־גענדע: די פערד זענען צוגעווינט צו די קללות פון סורוגיו, און היות איך קען אין א י י ע ר ה י י ל י ג ק י י ט ס קעגנווארט נישט שעלטן, אַנערקענען זיי מיר דעריבער נישט און ווילן זיך נישט רירן פון אָרט.

„דער ארציבישאָף האָט געשמייכלט:

— שריי צו זיי, מיין זון: „וויאָ! וויאָ! בראווע סוסימלעך!”...

— דער בייזער ס ו ר ו ג י ו האט מיטן שפּיץ צונג איבערגעחזרט:

— וויאָ! וויאָ! בראווע סוסימלעך!... אבער די פערד האָבן זיך געמאכט כלא ידע”.

„צי איז נישטאָ קיין אַנדער עצה אַ חוץ שעלטן, אַז זיי זאָלן זיך רירן?” האט געפרעגט ז י י ן ה י י ל י ג ק י י ט , פארלירנדיק לגמרי דעם געדולד.

— ניין, ה י י ל י ק ע ר פ אָ ט ע ר , איך האָב דאָך אייך שוין איינמאָל דע קלערט, אַז זיי זאָלן גיין, דארפן די פערד האָבן צוויי זאכן: האָבער און קללות!...

— אלזאָ”, האָט געענטפערט דער ארציבישאָף: „שעלט זיי און איך וועל דיר מכפר זיין דעם חטא!”

דער סורוגיו האט אַ שפּרונג געטאָן פון זיין געזעס, געכאַפּט די לייטשעס, אַ שמיץ געטאָן מיט זיין לאַנגן בייטש און אנגעהויבן ריטשען, אַז די מתים האָבן זיך געקענט אויפכאַפּן פון שרעק.

„וויאָ! וויאָ! הייליקער פאנטאָפל פון דער הייליקער בתולה!... פערצן יעוואנגעליעס!... אלע הייליקע איקאָנעס!... זעכציק סאָקרא־

מעגטן!... צוועלף אפאסטאלן און פערצן מאַרטירער פון קלויסטער! וויאָ! וויאָ!... בראווע סוסימלעך, אין נאָמען פון גאט און פון היילִיקן גייסט!"...

„ווי אַ שוואַלב האט דער דיליזשאַנס אַ פלי געטאָן. אויפן צווייטן ברעג האָט דער ארציבישאף ווידער ארויסגערוקט דעם קאפ, און געזאגט צום פורמאַן, וואָס האָט מיט גאוה אויף אים געקוקט:

„ס'איז מערקווירדיק, ווי דיינע פערד זענען דרעסירט, אָבער דו האסט קנאפ רעליגיעזע בילדונג. ס'זענען נישטא קיין פערצן עוואַנגעליעס נאָר פיר; ס'זענען נישטא קיין זעכציק סאַקראַ־מענטן נאָר זיבן.

— איר זענט גערעכט, הייליקער פאָטער, אָבער איך בין אויך גערעכט. ווילט פארשטיין הייליקער פאָטער: פיר און זיבן זענען צו קורצע ציפער מען זאָל מיט זיי קע־נען אַ שעלט טאן כדבעי, אָבער מיר פורמאַנעס וואס קוּנ? מיר מאכן ווי פאר אונז איז בעסער, און פאסן צו די רעליגיע צו אונזערע פראפעסיאָנעלע נויטבאדערפעניש".

„דער דאזיקער אנעקדאָט האָט ארויסגערופן אן אלגעמיינעם געלעכטער דער פאפ איז געווארן צוטומלט, און ביי מיר האט זיך די שטימונג געבעסערט. טינקוצא האט געשיינט: זי איז געווען שטאָלץ מיט מיר.

„אך פאַרוואס האבן זיך די באדינגונגען אזוי צוזאמענ־געלייגט? פאַרוואָס האב איך זיך נישט געראטעוועט פאר דער דראמע ווייל די לאנגע אָנסופיקע דראמע האט זיך אנגעהויבן מיט דריי וואכן שפעטער — דאָס זענען געווען דריי יסורימדיקע וואָכן, ווען יעדער קוש, וואס איך האב באקומען פון מיין כלה האבן מיר געגעבן אנצוהערן, אז איך זאל נעמען די פיס און די הענט און איך זאל מאכן פליטה, ווו דער ווינט וועט מיך טראגן. די דאזיקע דראמע האָט זיך אנגעהויבן מיט מיין חתונה.

„איצט בין איך שוין צוגעקומען צום העסלעכן פארברעכן, וואָס האָט צעבראכן מיין לעבן און דעם לעבן פון דער אומ־

שולדיקער טינקוצאַ. איך בין צוגעקומען, מיין דרייסטער מיכאַיל, צו אייער פ א ר ד א ר ב נ ק י י ט , צו אייער ג ו ו א ל ד ט א ט , צו אייערע ש ל ע כ ט ע מ י ד ו ת און פארשידענע אנדערע פלאגן, וואָס די צוויי פיסיקע חיות באנוצן עס אונטער די פארמען פון מנהגים, זיטן און טראַדיציעס, — פארסמנדיק דערמיט ס'לעבן און טיראניזירנדיק די אומשולדיקע, ווייל פונקס ווי מיין כלה, אזוי בין איך אויך געווען אומשולדיק אין מיין קרענקלעכן טאט.

„איר ווייסט מסתם נישט, מיכאיל, אין וואס ס'האנדלט זיך. איר ווייסט מסתם נישט וועגן דעם מנהג, וואָס ס'הערשט ביי אונז. בעת דער התונה-סעודה קומען אן אַ סך ווייבער אייגענע און פרעמדע, פילן אן דעם שלאף-צימער פון דעם יונגן פאר פאלק, עטלעכע שעה נאכדעם ווי זיי האבן זיך דארט אפגעזונדערט. תיכף ווערט דאס ייִנגע פארל ארויסגעטריבן אין אן אנדער צימער, און דעמאלט הייבט מען אן צו בישטערן אין דער חופה-בעט, כדי דארט צו געפינען סימנים פון דעם יונגן ווייבלס אומשולדיקייט. די דאזיקע סימנים טראגן זיי אפט מאל מיט טריאומף צו באווייזן פאר די געסט, וועלכע זיצן בשעת מעשה אין סעודה-זאל. איך האב נאך געזען עפעס בעסערס; איך האב געזען, ווי מען האָט אזא מין שטאנדאר געטראגן אויף אַ שטעקן אויפן וועג פון פעטראָי קיין קאַזאַסן: דעם שטאנדאר האבן ארומגעריגלט אַ מחנה משוגעים, וועלכע האבן געפּייטשעט ארום זייער טראמפיי; זיי זענען געגאנגען אין דער באגלייטונג פון אַ ציגיינער, וועלכער האט געפיפעט אויף אַ פידל און זיי האבן געטראגן דעם „רויטן בראנפן" צו דער גליקלעכער מאמע פון דער אומגליקלעכער בסולה.

„צי קענט איר מיכאיל, אַ מער בארבארישע און אַ מער העסלעכע זאך? איז דען דא אַ גרעסערע פארדארבנקייט, אַ גרעסערער גוואלדטאט, אַ גרעסערער סאדיזם, וועלכע זאלן זיין אומענטשלעכער ווילדער און אומדערהערטער ווי די דאזיקע שמחה, ווי דער דאזיקער ספעקטאקל, ווי די דאזיקע פארברעכערישע און שענדלעכע פראצעדור?...

„איך האב דערפון געוווסט... איך האב דערפון געוווסט אינם טאג פון דער חופה. נישט בלויז די דאזיקע העסלעכע מנהגים האבן מיך כסדר אויפגערעגט; אבער אין אַ סכנהדיקער שעה, ווען אלע מיינע חושים האבן מיך פארראטן, איז דעמאלט געלעגן אין מיינע לעבנס-אינטערעסן צו באזייטיקן, אוועקצושטיפן צו אלדע רוחות דעם דאזיקן טרויערדיקן מאסקאראד.

„איך האב צוגערופן דעם טאטן און דער מומע און גערעדט מיט זיי. דער טאטע, הגם ער האט געליבט דעם אפשוילעכן מנהג, דאָך האָט ער זיך שטארק נישט קעגנגעשטעלט. אבער די אלטע מומע האָט זיך פארביסן איינגעעקשנט, אז דער מנהג דארף זיין אפגעהיט, ווי אן אלטע טראדיציע פון דער נאציע, די אפהיטערין פונם כבוד.

ס'איז געווען אין אַ זונטיקדיקן נאָכמיטאָג. מיט גרויס פראכט האָט דער חופה-צוג זיך געריררט צום קלויסטער צו. אלע זענען געגאנגען צופוס, אחוץ צוויי קאוואלערן, וועלכע האבן געמאכט א ווארע. נאכדעם איז געגאנגען דער טרעגער פון צוויי גרויסע מאסקוועור ליכט, וועלכע זענען געלעגן אויף אַ זילבערנעם געבלימטן טאץ, אינקרוסטירט מיט גאלד. ערשט שפעטער זענען אלע נאכגעגאנגען. ארויסגייענדיק פון קלויסטער זענען די קאוואלערן אוועק פאראויס, אויסגעשאסן פון זייערע פיסטאָלעטן, געלאזט פלאטערן אין דער לופטן לאנגע סערוועטן צוגאבונדענע צו זייערע ארעמס און געלאזט טאנצן זייערע פערד, די גריוועס אויסעפוצט מיט סטענגעט און מיט זילבערנע פעדעם. אויפן טאץ איז שוין איצט געלעגן די טראדיציאנעלע ברויט מיט זאלץ. באלד נאך זיי האב איך מיך געשלעפט, ציטערנדיק פון שרעק און עלנט, מיט אַ ליכט אין האנד און מיט טינקוצען אונטערן ארעם זי איז געווען גליקלעך אונטער אירע באפוצונגען, מיט וועלכע זי איז איינגאנצען געווען באדעקט. הינטער אונז האָבן געררושט צוועלף מוזיקאנטן, וועלכע האבן געשפילט אויף פיר אינסטרומענטן: פידל, פאָבאי, קלארנעט און קארנעט. אויף די שייד-וועגן האבן די ווייבער, וועלכע האבן זיך צוריקגעקערט פון פאנטאן, געגאסן וואסער אונטער די טריט פון די חופה-לייט, אלס אַ וווּנש,

„און אין אָוונד, האט די גורל-שעה פאר מיר געשלאָגן. ס'זענען אַרום טיש געזעסן אַ צוואַנציק געסט, קרובים, פאַרשטייט זיך. די דרשות פון די בדחנים האבן אַרויסגערופן אַ אומבעשרייבלעכע שמחה, און איך האָב געמוזט האַלטן פּאַסאַן, זיך משוגע מאַכן צוזאַמען מיט זיי, דערציילנדיק זיי מעשיות. איינער פון דער דאָזיקער חברה, צוהיצט פונם ווייַן, האָט דערציילט, ווי איינמאָל האָט ביי זיי אין דערפל פּאַסירט אַזאַ מין מעשה. אַ יונגער מאַן האט אין דער חופה-נאַכט נישט געפונען ביים ווייב די סימנים פון אומשילדיקייט, האָט ער איר דאָרט אויפן אָרט צובראָכן די ביינער; נאָכדעם אויף צומאָרגנס אין דער פרי האָט ער איר אַרויפגעשליידערט אויף אַ וואָגן, מיטן פּלייצע צו די אָקסן, מיטן פנים אַהינטער, ווו ס'האָט זיך אויף אַ שטעקן געוואַקלט אַ טאָפּ פון איבערגעבראָכענעם דעק. מיט אַזאַ פּאַראַד האט ער איר צוריקגעבראַכט צו אירע איבערגעשראָקענע עלטערן.

„איך האב באטראכט טינקוצען: זי איז געבליבן רויק, זיכער, אין איר אומשולדיקייט. איך האָב מיך אויפגערעגט און געשריגן, אז דאס וואָס ס'קומט פאר צווישן אַ פאַר פאָלק דאַרף קיינעם נישט אנגיין.

„אָט וועלן מיר באַלד זען, צו ס'וועט קיינעם נישט אָנגיין!" „האבן אפּגעענטפערט עטלעכע קרובים.

„און באמת, דער דאָזיקער „באַלד" איז געווען זייער אַ שיינער, ווייל באַלד האט געקלונגען האַלב-נאַכט און איך האב מיך אַרומגעזען, ווי שטיקלאַך ברויט האבן אנגעהויבן פליען פון אַלע זייטן גלייך אין מיין פנים אַריין. אַביסל שפּעטער זענען די שטיקלעך געוואָרן גרעסער, און לסוף האט מען מיך מכבד געווען מיט גרויסע מוצאס.

„וואס זאָל עס באַדייטן"? האב איך אַ פרעג געטאָן.

„דאָס באַדייט, אז איר זאָלט אייך אויפהייבן און גיין טאָן דאָס, וואָס איר דאַרפט טאָן! האט זיך אַ אונטערפירערין אָפּגערופן.

„איך שווער אייך, מיינע פריינט, אז איך האב נישט

פאַרשטאַנען; כ׳האָב עס אָבער פאַרשטאַנען, ווען מיין אונטער־פירער האָט מיך אָפּגעפירט אָן אַ זייט און מיר אַריינגערוימט בסוד וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך. בעת ער האָט מיט מיר גערעדט, האָט די אונטערפירערין און די מומע געמאַכט טניקוצעס טואַלעט אינם שלאָף־חדר, וואָס איז פאַר אונז באַשטימט געוואָרן. נאָכדעם זענען זיי צו מיר צוגעקומען און מיך אַרומגענומען, און שום טענות האָבן זיי פאַר מיר אויפגעעפנט די טיר, מיך אַריינגעשטופּט און צוגעמאַכט איר הינטער מיין פּלייצע.

„אין דער רגע, אין דער סאַמער טראַגישער פון מיין לעבן, דערמאָן איך מיך, ווי דורך אַ נעפּל, אַז איך האָב דערזען דעם קאָפּ, דעם געטליך שיינעם קאָפּ פון טינקוצען, וועלכער איז גע־לעגן אויפן ווייסן קישן, די שוואַרצע שעוועליור צושפּרייט אַרום און אַרום. און דאָס איז געווען אַלץ פאַר יענעם אָוונט; איך בין גע־פאַלן אין חלשות, אין מיטן צימער...

„אַ שטאַרקער פיבער האָט מיך געמאַטערט אין אַ משך פון פיר און צוואַנציק שעה; פופציק טעג בין איך געווען קראַנק. איך ווייס נישט וואָס איך האָב גערעדט, ווען איך בין נישט גע־ווען ביי די געדאַנקען, אָבער איך ווייס, אַז אַ קנאַפּע צאָל מענטשן זענען מיך געקומען באַזוכן. ווען איך בין געזונט געוואָרן, האָב איך זיך געפונען צווישן אַ וועלט מיט שונאים. מיין שווער און מיין מומע האָבן געבעטן דערקלערונגען, איבער דער חרפה, וואָס איך האָב געבראַכט אויף זייער הויז. איך האָב מיך געפּרוווט ראַטעווען, טענהנדיק אַז איך בין געווען ג ע ב ו נ ד ן *) זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום רחמנות איבער מיך און האָבן מיך נאָך מער פיינט געקריגן.

„פון דער רגע אָן ביז מיט צען חדשים שפּעטער האָט מען זיך באַוואָפנט מיט שנאה צו מיר. מען האָט מיר נישט צוגעלאָזט צום געשעפט; מען האָט מיר קיין זאַך נישט אָנפאַרטרויט; דאָס געלט האָט מען די גאַנצע צייט געהאַלטן פאַרשלאָסן, פּונקט

*) אַ פאָראורטייל ביים נאָק, אַז דער כּישוף איז פעיק צוצונעמען ביי אַ מאַן זיין מענליכע פעהיקייט.

ווי איך וואלט געווען אַ גנב. מיט מײַנע אייגענע מיטלען, האָב איך גאָרנישט געקענט אויפטאָן — סיידן ווערן אַ סאַלעפּגדי — ווייל מיין גאַנץ ביסל געלט האב איך אויסגעגעבן אויף חתונה־מתּנות. און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שרעקלעכע לעבן, וואס טרייבט אויף מיר אָן אָן אימה ביז היינטיקן טאָג.

* *
*

איך וועל אייך נישט קענען איבערגעבן אַלע פּרטים; ס'איז פאר מיר צו שווער.

פארבאריקאדירט אין דעם דאָזיקן אומגליקלעכן הויז, האָב איך נישט געטאָרט ארויסשטעלן אַ פוס אויפן גאַס, אַ חוץ אין זייער זעלטענע פאלן, אדער אַמאָל ביינאַכט. מען האָט מיר פאר־ווערט צו באווייזן זיך אפילו אין געשעפט. קיין שום וויזיטן... קיין שום באקאנטשאַפט... קיין שום אַרבעט... אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט, וואָס איך האָב פאָרגעלגייט, האט זיך אויסגעלאָזט אויף ביידן... ביים טיש איז מען תמיד געזעסן ווי טויב־שטומע... און איך, אין פאנטאַפל און אין אַ העמד, פלעג איך ארומשפאצירן פון איין צימער אין צווייטן, ווי אַ פאַראַזיט, ווי אַ צוּדרייטער, אָדער ווי עפּעס אַ פּענסיאָנער.

ביידע שוואָגערס פלעגן קומען יעדער זונטיק. איך האָב זיי געבעטן זיי זאָלן מיך מיטנעמען קיין גאַלאַץ אַלס אַ מיט־העלפער, היות איך האָב אַ השגחה אין זייערע געשעפטן. זיי האבן מיר אָבער גערעדט פון אַ גט. איר ווײַט דאך מסתּם זאָגן, אז ס'איז געווען דער בעסטער אויסוועג. זאָג איך, אז עס הייבט זיך גארנישט אָן.

„מיין ווייב האָט זיך נאך דער חתונה לגמרי אפגעוווינט פון איר משפחה. איר גאַנץ לעבן האט זיך איינגעוואָרצלט אין מיינעם, אין דעם דאזיקן עלענדן צוקאָלעטשעטן לעבן. אָן טרערן און אָן שום כעס, האָט זי אויפגענומען איר אומגליק מיט אַ אומדערווארטן מוט. זי האָט באמת געמיינט, אז איך בין געבונדן דורך עפּעס אַ כּשופמאַכערין, און זי האָט געבעטן דעם דערבאַרעמדיקן גאָט, מיט התלהבות, — ער זאָל מנצח זיין

דעם טיוול, און צושיקן אַ רפואה שלימה, דעם מאַן אירן, וועלכן, זי ליבט.

„ביידע פאַרשפּאַרט, האָבן מיר פאַרבראַכט די טעג צוזאַ־מען, אויסגיסנדיק איינער פאַר דעם צווייטן די העכסטע געפילן. איך האָב געבעטן זי זאָל מיר מוחל זיין... זי האָט מיר געענט־פערט. אַז זי ווייסט נישט, מיט וואָס איך האָב מיך פאַרזינדיקט. אַך, ווי קען איך פאַרגעסן דאָס איינציקע מענטשלעכע וועזן וועלכעס האָט מיך פאַרשטאַנען און געהאַט מיטלייד מיט מיר? און ווער קען פאַרזיכערן, אַז ווען נישט די שנאה, וואָס האָט אונז פאַרסמט, וואָלט איך נישט געוואָרן אַ מאַן און אַ נאָרמאַ־לער מענטש?... איצט בין איך שוין נישט געווען אַזוי שרעקעוו־דיק ווי פריער, איך האָב שוין מער נישט מורא געהאַט פאַר מיין ווייב. ס'איז שוין פאַרשוווּנדן געוואָרן דער פּחד, וואָס האָט אָפּגע־שטעלט די בלוט אין מיינע אָדערן, ווען איך פלעג זיך צו איר צו־רירן. ס'זענען אַפילו איצט געווען מאָמענטן פון מטושטעשע פאַר־לאַנגען, שוואַכע תאווה־אימפּולסן האָבן זיך געגראַבלט אין מיין גוף, און מיר געמאַכט רויטלען, ווען זי האָט מיך געדריקט אין אירע אָרעמס, מיך געקושט און פאַרזיכערט איר אייביקע ליבע.

„אָבער וואָס די ליבע שאַפט מיט שוועריגקייטן, דאָס צו־שטערט די שנאה אין איין רגע, און דאָס וועל איך קיינמאָל נישט מוחל זיין די מענטשן. יעדער פרימאָרגן ווי טינקוצאַ פלעגט נאָר אַרויס פון איר צימער, פלעגן ביידע סאָוועס אויף איר צאַנ־פּאַלן פּאָדערנדיק נייס. אַז זי פלעגט זיך אָפּזאָגן צו ריידן מיט זיי פלעגן די פּאָר מכשפהס אָנפאַלן אויף איר מיט זייערע עצות. זיי פלעגן איר אָנריידן, זי זאָל אַוועק פון מיר. זיי פלעגן איר אַזוי פיל מאַטערן, אַז זיי פלעגן איר דערפירן ביז פאַרצווייפלונג.

„די נגישות און די דאָזיקע סיסטעמאַטישע צושטערונג פון דעם, וואָס די נאַטור האָט זיך געמאַטערט צו פאַריכטן, האָט גע־דויערט זעקס חדשים. ביידע תּלינים פון גאַלאַץ האָבן אָנגע־הויבן שטאַרק אָנצוגרייפן. זיי האָבן מיר באַליידיקט און געפאָ־דערט איך זאָל מיך צשיידן מיט מיין ווייב. די לאַגע איז גע־וואָרן זייער אַ שווערע. צוגעדריקט איינער צום צווייטן, פלעגן

איר אָפט נישט וועלן גיין צום טיש, מיר פלעגן זיך טיילמאָל בענוגענען מיט איין מאָל עסן אַ טאָג. פלוצלונג איז ביי אונז אויסגעוואָקסן דער געדאנק מיר זאָלן זיך ראטעווען.

„זי האט מיך געפרעגט צי איך קען פארדינען חיונה, מיטן ביסל געלט וואָס ס'איז מיר פארבליבן. מיט גרויס באגייסטערונג האב איך איר געשילדערט אונזער צוקונפט, מיין ליבע, די פריי־הייט פון וועלכער זי וועט געניסן, זייענדיק ווייט פון דעם דאָ־זיקן טרויערדיקן הויז. די פארשטעלונג וועגן דעם דאָזיקן גליק האָבן אויף איר געווירקט ביז טרערן. אַרומגענומען ווי צוויי ברידער, פארלוירן אין אַ פיינטלעכער וועלט, פלעגן ביי אונז די קליידער תמיד זיין איינגענעצט מיט אונזערע אייגענע טרערן. און דאָך האָבן מיר איבערגעלעבט די בעסטע שעהן, דעם העכסטן גליק, וואָס אַ מענטש קען געניסן אויף דער דאָזיקער ערד.

„אָבער די דאָזיקע שעהן זענען געווען די לעצטע פון אונזער צוזאמענלעבן. די שטורעמדיקע כוואַליע פון דער מענטש־לעכער שנאה איז אָנגעלאָפן.

„ס'איז געווען סוף פעברואַר... מיר האָבן אָפּגעשטעלט אונזער פּלאַן. מיר האָבן באשלאָסן אָפּצוּוואַרטן נאָך אַ חודש, און נאָכדעם סוף מערץ אַנטלויפן אויף אַ זעגל־שיף קיין סטאַמבול.

„אָבער זינט עטלעכע טעג האָבן מיר באַמערקט אַ מאָדנע ענדערונג אין דער האַלטונג פון ביידע תּלינים: זיי האָבן פלוצ־לונג אויפגעהערט יעדן פרימאָרגן צו באזוכן מיין ווייב, זיי האבן איר מער נישט טעראָריזירט, און מיר האט דער אַלטער איינמאָל געמאָלדן, אַז איך קען אַרויסגיין און אַריינקומען, ווי ס'וועט מיר געפעלן. איך בין געבליבן שטיין, ווי אַ צעקראָכענער... איך בין אַוועקגעלאָפן צו טינקוצען, אָבער זי האָט זיך פאנאנדערגעוויינט:

„איך גלויב, אַז ס'וועט אונז טרעפן אַן אומגליק!״ האָט זי צו מיר געזאָגט.

„ס'חלומט מיך פסדר שלעכטע חלומות: איך זע דיך באַנאכט אַרומגערינגלט מיט מחנות ווייבעדיקע קינדער, און זיך, באפוצט מיט גאָלד און מיט טייערע שטיינער... ס'איז אַ שלעכטער סימן!... הער ווייסט וואָס מיט דיר וועט געשען?... דען חדשים ליידן מיר

שוין פון דער דאָזיקער געפאנגענשאפט, לאָמיר ליידן גאָר עטלעכע וואָכן!...

„ביי די דאָזיקע ווערטער האב איך דערפילט, פונקט ווי מען וואלט מיר אַ מעסער ארייגערוקט אין האַרצן אריין, און ס׳האָט ביי מיר אָנגעהויבן צו ווארפן העגט און פיס. מיינע טייערע פריינט, דער גורל פון יעדער מענטש איז שוין פאָראויס בעשטימט געווארן. אויפן צווייטן טאָג איז געווען אַ ליכטיקער פרימאָרגן, פון אַ רויקן ווינטער... א דיקער שניי האָט באדעקט די ערד מיט זיין ווייסן ריינעם לייליך. און די גלעקעלעך פון די שליטנס, וועלכע האבן זיך געטראָגן אין אַלע ריכטונגען, האָבן אָנגעפילט די לופט מיט זייער בענקענדיקער קלינגעריי. איך בין געבליבן שטיין ביים פענצטער און ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז די ווענט לייגן זיך איין אויף מיר און אז איך ווער משוגע... אַ אויסערגעוויינטלעכער כּח האט מיך גערופן אין דרויסן, צום דאָזיקן ד ר ו י ס ן, וואָס איז — די באוועגונג, דאָס לעבן, דער שטראָמיקער סוד פון פרייער עקזיסטענץ, וועלכע איך האָב שוין זיבנ אַ יאָר צייט נישט געקענט. איך האָב זיך געוואָרפן צו מיין ווייבס פיס און איר געבעטן רחמים זי זאָל מיך לאָזן אַרויסגיין אויף אַ שעה, אויף אַ האַלבע שעה, אויף פינף מינוט, אַבי ווייט זיין פון די דאזיקע ווענט, פון דעם דאָזיקן דאַך, פון דעם עלנט!...

„זי האט מיך אויסגעהערט און עס מיר דערלויבט. זי האָט מיר בעעצהט מיטצונעמען מיין קינזשאַל, צוויי פיסטאָלעטן און מיר אָנגעזאָגט איך זאָל קיינעם נאָנט צו זיך נישט צולאָזן. איך האָב איר אַ קוש געטאָן אין די פאַנטאָפל, גענומען מיין פוטער, מיין אסטראכאַנער היטל און אַראָפּ אין געשעפט אַריין.

„און דערמיט האָב איך אומגליקליך געמאַכט זיך און דער ארימער טינקוצאַ!... אָבער נישט באלד! באַלד איז מיר גאָרנישט געשען; נישט אין דעם פרימאָרגן, און נישט אויף צומאָרגנס, ווען איך בין ארויס אויפן שפאַציר. דאָס האָט געמוזט פאַסירן איינמאָל, ווען איך בין דורכגעגאנגען דורכן געשעפט; דעמאָלט האָט עס מיך מסתם דערקענט אַ פאַררעטער. וועלכער דער אלטער האָט פארבאלטן הינטער אַ טיר, און ער האָט עס מיר דעמאַסקירט

אין אונטער פּוּנם לעצטן זונטיק, וואס כ'האָב פאַרבראַכט אין דער דאָזיקער שטוב, איך בין צוריקגעקומען אַהיים, בעגייסטערט פון די מאַיעסטעטישע דונײַ־בילדער, אויף וועלכן ס'האט זיך געטראָגן די גרויסע אייז־קריעס. ארײַנקומענדיק, האָב איך צום לעצטן מאָל ארומגענומען דער, וועלכע איז צען חדשים געווען די צערט־ליכסטע ווײַב און די אומשולדיקסטע בתולה.

„מיר זענען פאַרבליבן רויק... אבער ווען מיר זענען אַראָפּ עסן האָבן מיר דערפילט, ווי עפּעס אַ טראַגישע משא דריקט אונז, אז מיר האָבן זיך שיער נישט פאַנאַנדערגעווײנט. נאָכן עסן האָט טינקוצאַ אַ פרעג געטאָן:

„פאַרוואס זענען די ברידער נישטאָ?

— זיי קומען באַלד", האָט דער טאַטע אָפּגעענטפערט.

„מיר האָבן פאַרויכערט די לולקעס און געטרונקען טער־קישע קאַווע. אין דרויסן איז געווען שטיל און פינצטער. ס'האט אנ־געהויבן שפּעט צו ווערן. באַמערקנדיק פלוצלונג דעם רמז־בליק צווישן טאַטן און דער מומע, האָט זיך טינקוצאַ פאַנאַנדערגעווײנט.

„אין דער רגע האָט די טיר אַ סקריפּ געטאָן, און אירע ביידע ברידער, מיט טריבע פּנימער פון עקזעקוטאָרן, האָבן דער־שײַנט, אין דער באַגלייטונג פון איינעם אַ מענטש. דערזעען דעם דאָזיקן מענטשן, בין איך געוואָרן בלאַס ווי דער טויט.

„ס'איז געווען אַ גרעק, מײַנער אַן אַמאָליקער פרײַנט און איצט מײַן מסור.

בלײַבנדיק שטיין בײַ דער אָפענער טיר, האָט דאָס ערשטע וואָרט גענומען דער פאַררעטער, אנווײַזנדיק מיט דער האַנט אויף מיר האט ער געזאָגט אין רומעניש:

„אָט דאָס איז ער, דער הער איזוואָראַנו?... נו, פאַרשטייט זיך, אז ער איז געבונדן: דאָס איז דאָך סטאַוראָ! דער סאַלעפגדי און דער אַ. ..."

ביים לעצטן וואָרט, וועלכער האָט ארויסגעגעבן מײַן מום אין אויך זײַנעם, האָט טינקוצאַ ארויסגעלאָזט אַ געשריי און גע־פאַלן אויף דער ערד, בעת איך...

ביידע ברידער האָבן געפונען די געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אָן מיר, זיי האָבן מיך אָנגעכאַפּט, אראָפּגעשלעפּט אין געשעפט, מיך געטראָטן מיט די פיס, געקלאַפּט אין קאָפּ, אין פנים, איבערן ברוסט, אזוי לאַנג ביז איך האָב געחלשט. נאָכדעם...

„נאָכדעם האָב איך מיך אויפגעכאַפּט אין דרויסן אויפן שניי, פארן פארריגלטן טויער. איך בין געווען אַ דערפרוירענער... די גלידער, די ברוסט, דער קאָפּ צעקלאַפּט... און פון אלע ווינטערדיקע בגדים בין איך געבליבן אין איין העמד, מיט אַ בלויזן קאָפּ.

„איך האָב אויפגעזאַמלט מיינע כחות און אוועק בעטן נאַכטלעגער ביים טערק, וועלכער האָט מיר צוגעשטעלט סאלעפּ מיט אַכצן חדשים צוריק. ער האָט מיך אויפגענומען, ווי אַ קריסט און ארומגעגאַנגען ארום מיר ווי אַ ברודער.

„אין פיר טעג ארום, איז דער דאָזיקער בראַווער טערק מיר געקומען איבערגעבן די נייס — נישט וויסנדיק צו וועמען ער רעדט עס, — אז די גאַנצע שטאָט איז היינט אויפגערודערט: טינקוצען האָט מען ארויסגעשלעפּט פון וואסער אויפן לינקן ברעג פון דונײַ.

— — — — — — —

„פון דעמאָלט אָן זענען שוין אדורך פינף און דרייסיק יאָר; און יעדער יאָר אינם דאָזיקן פאַטאַלן טאָג, קום איך אויפן ברעג פון דונײַ, ווי ס'טראָגן זיך די קריעס, און בעט מחילה ביי טונקוצען. פאר דעם בזיון, וואָס איך האָב איר פאַרשאַפט.

„ביי אייך אויך, אַדריאַן, בעט איך מחילה פאר דער באַליידיקונג...

* *

*

אויפן X... וועג, צווישן צוויי קאָרן-פעלדער, האָט זיך געצויגן אַ וועגעלע מיט דריי מענטשן. פּאָרויס, פארן פערדס אויגן, וועלכער האָט געניסט אין דער פרימאָרגעדיקער פרישקייט, האט דער מאָרגנשטערן געפינקלט איבערן רויטן מזרח-האָריזאָנט.

אַ זשאַוואָראָנקל האָט זיך אַ הייב געטאָן פון פעלד און ארויף

ווי אַ פייל צום הימל צו. סטאַווראַ האָט איר נאָכגעקוקט מיט זיין בליק, ביז זי איז אַראָפּגעפאַלן צוריק ווי אַ שטיין. מיט אייגן צוגעפעסטיקטע צום אָרט, ווו זי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן זינגען; ער האָט געזונגען אויף דער דאָזי־קער אוניווערזעלער שפּראַך, וואָס ס׳קענען בלויז די מענטשן, וועלכע האָבן נישט קיין פאָטערלאַנד, און מיט דער דאָזיקער מעלאָדיע, וואָס מען קען נישט איבערגעבן אויפן פּאַפּיר:

וואָלט איך געווען אַ זשאַווראָנעקל,
ווי ער וואָלט איך געשוועבט אונטערן הימל;
איך וואָלט אָבער צוריק שוין נישט אַראָפּ אויף דר ערד,
ווו די מענטשן זייען תבואה,
ווו די מענטשן שניידן תבואה,
ווו מען זייט און מען שניידט, נישט וויסנדיק פאַרוואָס...

II

קירא, קיראַלינאַ

אין וועלדל, ווו דאָס וועגעלע מיט די דריי יאַרידניקעס האט זיך אָפּגעשטעלט, כדי אָפּצוּעסן פרישטיק, האָבן זיך סטאַווראָס באַגלייטער צוגעטשעפּעט צו אים, ער זאָל זיי דערציילן די געשיכטע פון זיין קינדהייט און וועגן זיין שוועסטער, פון וועלכער ער האָט דערמאָנט אין אָנפאַנג פון זיין דערציילונג, אין שייער. סטאַווראָ האט זיך געלאָזט בעטן, נישט ווייל ער האָט נישט געהאט קיין חשק צו דערציילן. אדרבה, דער צושטאַנד פון זיין נשמה איז איצט געווען געשטימט פאר די דאָזיקע ווייטע ערינערונגען, נאָר ס׳איז תמיד אזוי, ווען מען וויל אנרירן די פארזשאַווערטע שלוזן, וואָס פארשטעלן דעם וועג פאר די וואסערן פון ע ב ר: ס׳איז דעמאָלט גוט צו לאָזן זיך בעטן.

ליגנדיק אויפן ווייכן מאָך, האָבן זיי געוויקלט די פּאַפּיראָסן, בעת דאָס פערד האָט געקייט דעם גראָז, געפּירקעט און געמאַכט קליינע טריט ארום זיי. סטאַווראָ האָט זיך אויפגעהויבן, אוועק אָנזאַמלען טרוקענע צווייגן און געמאַכט אַ פייער, און ווען דער פייער האָט געפלאַקערט איז ער אוועק צום וואָגן אויפזוכן קאַווע; ער האָט אויפגעקאָכט וואסער און אריינגעווארפן אין קופערנעם א י ב ר י ק צוקער מיט קאַווע. נאָכדעם האָט ער מיט דער פעיקייט פון אַ ק אַ פ ע ד ג י אָנגעגאָסן דעם שוימעדיקן און שמעקעדיקן געטראַנק, אין דריי טעפּעלאַך, וואָס רופן זיך אָן פ ע ל י ד ג אַ ן, דערלאנגט זיי, אנידערגעזעצט זיך מיט פארלייגטע פיס, אויפן טערקישן שטייגער, און אָנגעהויבן:

איך קען מיך נישט דערמאָנען דעם יאָר און נישט מיין עלטער, וואָס איך האָב אין יענער צייט געהאַט. דאָס געדענק איך יאָ אַז, ווען די דאָזיקע דראַמע האָט זיך אָפּגעשפּילט איז פאָרגעקומען די קרימער מלחמה.

אלס קליין קינד, דערמאָן איך מיך די רשעות פון אַ טאַטן וואָס שלאָגט יעדער טאָג דער מאַמען, און איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס און פאַר ווען. מיין מאַמע פלעגט אָפּט אוועקגיין פון שטוב, פלעגט ער איר שלאָגן פאַרן אוועקגאַנג און נאָכן קומען. איך פלעג נישט וויסן, צי ער שלאָגט איר פאַרן אוועקגאַנג, כדי זי זאָל אוועקגיין, אָדער כדי זי זאָל נישט גיין, און נאָך איר קומען, צוליב דעם וואָס זי איז אוועק, אדער צוליב דעם וואָס זי איז צוריק געקומען.

איך דערמאן מיך נאָך, אז אין יענער פאַרנעפּלטער צייט האָט זיך לעבן טאַטן געהאַלטן מיין ברודער דער בכור, אזאַ שלאק ווי ער, בעת לעבן מיין מוטער האָט תמיד געיאָמערט מיין שוועסטער קירא, מיט פיר יאָר עלטער פון מיר, צו וועלכער ס׳האָט מיך געצויגן.

ביסלעכווייז ווערט דער נעפּל צושפּרייט, איך ווער עלטער און הייב אָן צו פאַרשטיין. און איך פאַרשטיי גאַנץ אינטערעסאַנטע זאכן... איך האָב דעמאָלט געקענט אלט זיין פון אכט ביז ניין יאָר; מיין שוועסטער — פון צוועלף ביז דרייצן. זי איז געווען אזוי שיין, אז איך האָב זיך אַ גאנצן טאָג נישט אָפּגעשיידט פון איר, כדי צו באטראכטן איר פון קאָפּ ביז צו די פיס. זי פלעגט זיך פוצן פון אינדערפרי ביז ביי נאכט, און מיין מוטער פלעגט אויך טאָן דאסזעלבע, ווייל זי איז געווען אויך אזוי שיין ווי איר טאָכטער.

מיט אַ שאכטל פון עבען־האלץ פלעגן זיי ביידע אָפּשטיין פארן שפּיגל, פלעגן זיך פארבן די ברעמען מיט ק י נ אָ ר אָ ס, איינגעווייקט אין אייל, די אויבער־ברעמען מיט א שטיקל באזיליק, האָלץ מיט אַ קארבאניזירטן שפּיץ, און די ליפּן, די באקן, די נעגל פלעגן זיי פארבן מיט אַ מין רויטן ק ו ר מ י ז. און ווען די דאזיקע דויערהאפטע אפעראציע האט זיך געענדיקט, פלעג.

זיי זיך ארומנעמען, פלעגן זיך באשענקען מיט צאַרטע ווערטער, און ערשט שפּעטער זיך נעמען צו מיין טואַלעט. נאכדעם פלעגן מיר זאלבעדריט זיך אננעמען פאר די הענט און מיר פלעגן טאנצן אויפן טערקישן, אָדער גריכישן שטייגער, ארומנעמענדיק זיך. אזוי ארום האבן מיר פאַרמירט אַ פאַמיליע פאר זיך...

איצט פלעגט שוין דער טאטע מיטן בכור נישט קומען מער יעדער אוונט אַהיים. זיי זענען ביידע געווען סטעלמאכערס, די בעסטע בעלי־מלאכות פון יענעם געגנט. זייער ווארשטאט האָט זיך געפונען אויפן צווייטן עק שטאָט, אינעם קווארטאל ק א ר א ק י אָ י, בעת מיר האבן געוווינט אינעם ט ש ע ט א ט ז ו אַ י קווארטאל. פון אונז צו זיי האט מען געדארפט דורכגיין די גאנצע שטאָט. די הויז אויף קאַראַקיאָי האט געהערט צו מיין טאטן. ער האט דאָרט געהאט צוויי געזעלנס, וועלכע ער האט געהאלטן אויף אלעם גרייטן, אויך אן אלטן דינער, וועלכער האט זיך באשעפ־טיקט מיט זייער באלעבאטישקייט. זיי זענען געווען זאלבעזיבעט. מיר פלעגן דארט קיינמאָל נישט קומען, און איך האב קוים געוווסט, ווו ס'געפינט זיך דער ווארשטאט פון טאטן, פאר וועלכן איך האב שטארק מורא געהאט. אין דער ט ש ע ט א ט ז ו א י קווארטל איז מען געווען ביי מיין מאמען, ווו מען האָט נישט ארייגעטאָן קיין פינגער און קאלטע וואסער: מען האט זיך בלויז געוויילט... ווינטער פלעגט מען טרינקען טיי, זומער סיראפּן, און אַ גאנץ יאָר פלעגט מען עסן קאַדאַיפן, סאַראַיליען*) מען פלעגט טרינקען קאַווע, מען פלעגט רויכערן נאַרגילן, **) מען פלעגט זיך פארבן און מען פלעגט טאנצן... ס'איז געווען אַ לוסטיק לעבן...

יאָ, ס'איז געווען אַ פיין לעבן, נישט גערעכנט די טעג, ווען דער טאטע, אדער זיין בכור, אדער ביידע צוזאמען, פלעגן זיך ארייברייסן אינמיטן דער שמחה, פלעגן אויסבויקערן דער מא־

---

*) אַזעלכע מינים טערקישע זיסע געבעקס

**) נארגיל: אזא מין לולקע.

מעס ביינער, פלעגן מכבד זיין מיט אַ פּאָר פויסטן קירען, און אויף מיין קאָפּ צוברעכן זייער שטעקן, ווייל איצט פלעג איך אויך נעמען אַ אָנטייל אין טאנץ. היות מיר פלעגן רעדן פליסיק אויף טערקיש, האבן זיי דיביידע ווייבער גערופן פּאַטשאַאוראַס*) און מיך קיטשוק פּייציוויינג**) די ביידע אומגליק־ליכע פלעגן זיך ווארפן צו די פיס פון זייערע טיראַנען, פלעגן זיי ארומכאפּן און בעטן נישט טשעפּן זייערע פּנימער:

„נישט איבערן פּנים!" פלעגן זיי שרייען, „אין נאָמען פון גאָט און פון דער הייליקער מוטער, שלאָגט נישט אין פּנים!... טשעפּעט נישט די אויגן!... מיר בעטן מחילה!"...

אך! דאָס פּנים, די אויגן, די שיינקייט פון די ביידע פרויען!... ס'איז נישט געווען קיין איינע, וואס זאל זיך קענען מיט זיי פארמעסטן!... זיי האבן געהאט גאָלדענע האָר, לאנג ביז די פיס; די פארב פון פּנים אַ ווייסע, ברעמען און שווארצאפּלען שווארץ ווי עבען־האָלץ. ווייל אויפן רומענישן בוים, פון מיין נאמעס צד, זענען געווען איינגעאימפּט דריי פארשיידענע ראסן: די טער־קישע, רוסישע און גריכישע, אָפּהענגיק פון די אָקופּאַנטן, וועלכע האבן געוועלטיקט אין דעם דאָזיקן לאנד, אין עבר.

צו זעכצן יאָר האט מיין מאַמע געבוירן איר בכור. אבער אינם מאָמענט ווען איך האב אויפגעעפנט די אויגן, וואָלט קיי־נער נישט געגלויבט, אז זי איז אַ מאמע פון דריי קינדער... און די דאזיקע פרוי, וועלכע איז ווי באשאפן געווארן פאר קושן און צערטלעכקייטן פלעגט קריגן געשלאָגן ביז בלוט. אויב אָבער דער טאטע פלעגט איר נישט געבן קיין צערטלעכקייטן פלעגן איר דערפאר אירע געליבטע פארגעלטן אויפן בעסטן אויפן. און איך האב קיינמאָל נישט געוווסט, צי מיין מאמע האט פריער אָנגע־הויבן אָפּצונארן איר מאן און דערפאר האט זי געקריגן געשלאָגן, אדער מיין פאָטער האט געמאכט אַ התחלה מיט זיין שלאָגן און דער פועל־יוצא איז געווען וואס זי האט אים פארראַטן. אלנפאלס

*) פּאַטשאַאוראַ: זונה

**) קליינער אָלפאָנס

די שמחות האבן ביי אונז קיינמאָל נישט אויפגעהערט, ווייל די געשריַיען פון תענוג פלעגן זיך תמיד אויסמישן מיט די גע־שרייען פון ווייטיק און ווי נאר די קרעכצן פלעגן פאַרשווונד־ווערן, פלעגן תיכף אויסברעכן געלעכטערס אויף זייערע פאַר־ווייטע פנימער.

איך פלעג בלייבן שטיין אויף דער וואך, עסנדיק זיסוואַרג, בעת די פאַרליבטע, מיט זייערע פיינע מאנירן, פלעגן דאָרט זיצן, ווי טערקן, אויפן טעפּיך, פלעגן זינגען און טאנצן מיט די פרויען, שפילנדיק זיי אריענטאַלישע אַריעס אויף אַ גיטאַרע, אקאָמפּאנירט מיט קאסטאנעטן און מיט אַ טאַמבור. מיין מאמע און קירא, גע־קליידט אין זיידנס און צושמאָלצן פון תענוג, פלעגן אויספירן דעם טיכל־טאנץ פלעגן זיך דרייען, בייגן, ווי פארשיכורטע, נאָכ־דעם, דאס פנים צופלאמט פון היץ, פלעגן זיי זיך אנידערוואַרפן אויף גרויסע קישנס, פארבאַלטן זייערע פיס אונטער זייערע לאנגע קליידער און זיך אָפּקילן מיטן פאָכער. מען האט געטרונקען די בעסטע ליקערן און גערויכערט די בעסטע קטורתן. די מענער זענען געווען שיין און יונג. תמיד שווארצע. זיי זענען געווען פיין געקליידט, מיט שפּיציקע וואנסעס, מיט צוגעקעמטע בערד, און זייערע האר, פארגלעטיקט אדער פריזירט, האָבן ארויסגע־געבן א שטארק ריח פון מאנדל־אייל, באגאסן מיט מוסקוס. דאס זענען געווען טערקן, גריכן, און זעלטן אויך רומענער, ווייל די נאציאָנאליטעט האט דא קיין ראָל נישט געשפּילט. דער עיקר האט זיך געפאדערט פון די פאַרליבטע, זיי זאָלן זיין יונג, שיין, דעליקאט, דיסקרעט.

מיין לאגע איז געווען נישט פון די דאנקבארע... קיינעם האב איך נאך ביז איצטיקן מאמענט נישט דערציילט וועגן מיינע רעמאַלטיקע יסורים.

מיין ארבעט איז געווען צו זיצן אויפן פענצטער, און היטן מ׳זאל נישט זיין קיין איבערראשונג. איך האב די דאזיקע אר־בעט דערפילט זייער גערן, ווייל איך האָב שטערבליך פיינט גע־האט די מענטשן פון קאַראַקיאַי, וועלכע פלעגן אונז שלאָגן

אבער אין מיין הארץ איז פארגעקומען אַ שרעקלעכער קאַמף צווישן מיין חוב און מייב אייפערזוכט.

איך בין געווען שטערבלעך אייפערזיכטיק.

דאס הויז איז געשטאנען טיף אין אַ גרויסן הויף, ארומגערינגלט מיט ווענט. פון איין זייט זענען די פענצטער ארויסגעגאנגען אויפן הויף פון דער צווייטער זייט זענען די פענצטער ארויסגעגאנגען אויף אַ הויכקייט צום פּאַרט. אריינקומען צו אונז האט מען נאר געקענט פון פראָנט, און צו ראטעווען זיך איז געווען אַ סך לייכטער; און ווען די הויכקייט וואלט געקענט רעדן, וואלט זי ארויסגעגעבן אַ סך מענטשן, וועלכע האבן זיך אראָפּגעלאזן אויף איר משופּעדיקייט!...

ארויפגעקראָכן אויפן פענצטער, האָב איך געקוקט אויפן לאמטערן, וואָס האט געברענט אַ גאנצע נאכט איבערן טיר, און מיינע אוירן זענען געווען אנגעשפּיצט, צי ס׳טוען אמאָל נישט אַ סקריפּ די פארזשאווערטע ריגלען.

איך פלעג אָבער אויך וועלן ווארפן אַ בליק אויף דער פארוויילונג פון אינעווייניק. מיין מאמע און קירא זענען געווען אזוי שיין, אז מען האָט געקענט משוגע ווערן צוקוקנדיק זיך בלויז צו זייערע טאליעס, וועלכע וואָלטן געקענט דורכגיין דורך אַ רינג, און אויף זייערע ברוסטן, רונדע ווי ארבוזן. זייערע צולאזטע האר זענען ג ווען צושאָטן אויף זייערע באקעטע אקסלען; זייערע שטערנס, איינגערעמט אין רויטע סטענגעס, און זייערע לאנגע ברעמען האָבן טייוולאָניש געגלאַנצט. פּונקט ווי זיי וואָלטן, אויפגעשאַרט דעם פייער אין זייערע אויגן, פול מיט תאוה.

וועלנדיק געפעלן ווערן די פרויען, פלעגן די געסט אפטמאָל זיין זייער קאָמיש מיט זייערע אומזיניקע פלוידערייען אָט, איינער פון זיי, ווע נדיק איינמאָל מאכן אַ קאָמפּלימענט מיין מאמען, האָט ער איר געזאָגט, אז „פון אלטע הינער איז דער זופּ זייער אַ גוטער”, אַ אויפגערעגטע האָט די ארעמע פרוי אים אַ שליידער געטאָן דעם פּאָכער אין קאָפּ אריין, און זיך פאנאנדערגעוויינט. א צווייטער גאַסט האָט זיך דעמאלט אויפגעהויבן מיט כעס און אים אַ שפּיי געטאָן גלייך אין פּנים: זיי האָבן זיך

ביידע אָנגעכאפּט פאר די קעפּ, ארומגעדרייט זיך איבערן צימער און איבערגעדרייט די בארגילן. מיר האבן פון דעם דאזיקן בילד געלאפט ביז טרערן. כדי מאכן שלום צווישן זיי, האט מיין מאמע זיי ארומגענומען.

מיט ארומארמונגען און מיט קושן פלעגט זי אבער צאָלן פאר פארשידענע זאכן. פאר אַ שיינעם קול, פאר אַ שיין ווערטל, פאר אַ שיינע שפּיל פלעגט זי געבן אירע קושן. דאס זעלבע פלעגט זי טאָן דעמאלט, ווען זי פלעגט איינעם וועלן מאכן לוס-טיק, ווען זי פלעגט וועלן אויסמעקן דעם איינדרוק פון אַ שלעכט ווארט, באַרויקן אַ אויפגערעגטן פון אייפערזוכט, ארויסצופירן אַ שוטה פון זיין פערלעגנהייט.

קירא, פון איר זייט, האט זיך אויסגעצייכנט אויף איר אופן: פיזיש זייער גוט ענטוויקלט פון איר פערצנטן יאָר אָן פלעגט מען איר תמיד געבן מיט צוויי יאָר עלטער. לייכטזיניק און ביטרע, מיטן אַ קליינעם, עטוואָס אראָפּגעלאָזטן נעזל, מיט דער ארויסגערוקטער גאָמבקע, מיט די צוויי חן-גריבעלעך, ווי דער גאָט פון ליבע האט איינגעפלאנצט צוויי קערנדלאך פון סימעט-רישע שיינקייט, האָט קירא, מיט איר שטיפעריי און שפּאסעריי, שטאַרק נישט צופרידן געשטעלט אירע געליבטע און מיך בתוכם. די ערשטע האָבן געוואלט באקומען מער; אבער איך האב גע-האלטן, אַז זי האט זיי געגעבן צו פיל.

די פארהערער, וועלכע פלעגן קומען צו אונז, פלעגט מען רופן מוסאפירן *) און די דאזיקע מוסאַפירן פלעגן איר קושן די הענט און די סאנדאלן ביי יעדער געלעגנהייט. זי פלעגט זיי ציטשן פארן נאָז, אָדער פארן באַרד; זי פלעגט זיי ארייַנגיסן פּיראַפּ אין די רויכערדיקע נארגיל-ליולקעס; זי פלעגט זיי דער-לאַנגען טרינקען פון איר גלאָז און פלעגט צוברעכן די גלאָז, כדי זיי אויפצורייצן. אבער אין אַ רגע ארום פלעגט זי קומען און צולייגן דעם שפּיץ פון אירע לאָקנס צום מויל פונם מאַן, וועלכן זי האָט באַליידיקט.

---

*) מוסאַפיר אויף רומעניש באזוכער.

דאָס אַלץ פלעגט מיך שטאַרק אויפרעגן, ווייל איך האָב קיראַן געליבט מער פון מיין מוטער... איך האב איר פאַרהערט און נישט געקענט פאַרטראָגן קיין שום צערטלעכקייט פון אַ פרעמדן.

איך דערמאָן מיך, ווי איינמאָל אין אַ אָוונט האט מיין אייפערזוכט איבערגעשטיגן אַלע גרענעצן. און פאַרגעקומען איז עס אַזוי: ווען אין מיטן טאַנצן האבן זיך ביי איר אויפגעבונדן די שנירלעך פון די סאַנדאַלן, האט זי אַנידערגעשטעלט די פיס אויף די קני פון אַ מוסאַפיר און געבעטן ער זאָל איר פאַרבינדן. איר פאַרשטייט סאַרא גליק פאַר דעם דאַזיקן הויט־שינדער! ער האט זיך גענומען צו דער אַרבעט, און געצויגן וואָס לענגער זיין פאַרגעניגן, בעת איך בין געשטאַנען און מיך צוגעקוקט מיט וואָלפישע אויגן. נאָכדעם האט דער פאַסקודניק גענומען טאַפּן ביי איר דעם קנעכל און אפילו נאָך העכער. און זי... זי האט קיין וואָרט נישט גערעדט... זי האט זיך געמאַכט פלא ידע!

פאַרלירנדיק דעם קאָפּ פון כעס, האָב איך אַ געשריי געטאָן:

„דער טאַטע!... ראַטעוועט אייך!"...

און אין איין אויגנבליק האבן ביידע מוסאַפירן אַריבערגעשפּרונגען די פענצטער און פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. איינער פון זיי, אַ גרעק, האט יאָגנדיק זיך, איבערגעלאָזט זיין פעסקע און די גיטאַרע, וואָס מיין מאַמע האט אָנגעכאַפּט און אַרויסגעשליידערט דורכן פענצטער, בעת קיראַ האָט שנעל פאַרשטעקט די צוויי איבעריקע נאַרגילן.

נאָכדעם ווי דער כעס איז ביי מיר אַריבער, האט די דאַזיקע לוסטיקע סצענע געמאַכט אויף מיר אַזאַ ווירקונג, אַז פון ווילדע שמחה, בין איך אַראָפּגעפאַלן פון פענצטער, זיך געקייקלט אויף דער ערד פון געלעכטער און געוואָרן אַזש בלוי פון מאַנגל אין אָטעם. מיין מאַמע האָט געמיינט, אַז איך בין משוגע פון שרעק צוליבן טאַטנס קומען. ביידע פרויען האָבן אָנגעהויבן שטאַרק נו שרייען זיי האָבן פאַרגעסן אָן טאַטן, דעם שד, און פאַרצווייפלטע האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף מיר.

„דער טאַטע איז נישטאָ!"... האב איך, ענדליך, געקענט אַרויסריידן; איך בין בלויז געווען אין כעס, וואָס קיראַ האָט זיך

געלאָזט טאפּן די פּיס!... און איך האב מיך נוקם געווען!... און מער גארנישט!"...

פון גרויס שמחה האָבן זיי זיך נאך שטארקער פּאנאנדער־געשריגן, זיי האָבן מיך נישקשהדיק אָנגעהויבן צו פּאטשן אין הינטן, נאָכדעם מיך ארומגענומען און אָנגעהויבן צו טאנצן אי־בערן צימער. ביידע צדדים זענען געווען צופרידן: זיי, וואָס זיי זענען אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק און איך מיטן דאָפּעלען שטראָף פון זייערע צערטלעכקייטן.

* *

*

אויף אַזאַ אופן זענען פארבייגעלאָפן נאָך צוויי אדער דריי יאָר פון מיין יוגנט, וועלכע זענען מיר גוט פארבליבן אין מיין זכרון, איך בין שוין אלט געווען עלף יאָר; קירא פּופּצן, איך בין מיט איר געווען תמיד צוזאמען. אַ תאוה, וועגן וועלכער איך האָב מיך ערשט שפּעטער אָפּגעגעבן אַ דין וחשבן, האָט מיך געהאלטן צוגעבונדן צו איר. איך בין איר אומעטום נאכגעגאנגען, ווי אַ הונט, איך פלעג נאָך איר לויערן, ווען זי פלעגט מאכן דעם טואַלעט, איך פלעג קושן אירע בגדים, וואָס זענען געווען דורכגעזאפּט מיט איר ריח; און דאס ארעמע מיידל פלעגט זיך שוואַך פארטיידיקן, האלטנדיק מיך פאר אן אומשולדיקן. אמת גערעדט, האָב איך נישט געהאט קיין שום באשטימטע כוונות, איך האב נישט געוווסט וואס איך האב געוואָלט, אָבער איך פלעג שטארבן פון תענוג, און מיך פארשיכורן לעבן איר.

מען דארף נאך דאס דערמאנען, אַז אין מיין מאַמעס הויז האָט מען זיך געפונען אין גיהנום פון ליבע. אלץ איז גע־ווען ליבע: ביידע ווייבער, זייערע געליבטע, זייערע טואַלעטן, די ליקערן, די ריחות, די געזאנגען און די טענץ, אפילו די קאָמישע, און צוגלייך דראַמאַטישע פּליטה פון די געליבטע, האָבן גע־שמעקט מיט תאווה, בלויז דעם טאטנס אנקומען און דער איינ־קויפן טאבאַק זענען געווען נישט אינטערעסאנט און אָן ליבע. מיר פלעגן עס אָבער אָנגעמען ווי אויסליין-געלט פארן פארגע־ניגן. מיין מאמע פלעגט זאָגן:

„יעדער גליק איז אַ מטבע מיט צוויי זייטן; פאַר אונזער לעבן, אפילו, באַצאָלן מיר מיטן טויט... דעריבער דאַרפן מיר לעבן, לעבט, מיינע קינדער, לויט אייער געשמאַק, מיטן תנאי נישט חרטה צו האָבן, אין טאָג פון יום־הדין".

באַגלייט דורך אַזאַ מין „פילאָזאָפיע", קען מען פאַרשטיין, אַז איך מיט קיראַן האָבן מיר בחפזון נאָכגעטאָן דער מאַמעס ביישפּיל.

אוועקגעבנדיק, איר אייגענעם פאַרמעגן אין די הענט פון אירע צוויי ברידער, קאָנטראַבאַנדניקעס פון אָריענטאַלישע אַר־טיקלען, האָט זי באַפרידיקט אַלע תענוגים, וואָס אירע קאַפּריזן האָבן געפאָדערט; זי האָט געמאַכט מען זאָל איר פאַרהערן, גע־ביטן די געליבטע אַזוי אָפט, ווי מען בייט אַ בגד. זי האָט זיך געלאָזט שלאָגן פון טאַטן, פאַרשטעלנדיק בלויז דאָס פנים. און גאָר שנעל פלעגט זי אַריבערגיין צו נייע פאַרוויילונגען.

זי האָט אפילו געהאַט גוטע מידות אויך. ווען זי האָט געוווּסט, אַז זי האָט זיך פאַרזינדיקט און זי האָט מורא געהאַט, אַז דעם מאַנס צאָרן זאָל נישט אויסגיין אויך צו אונדז, פלעגט זי אַזוי לאַנג האַלטן די טיר פאַרריגלט, ביז מיר פלעגן נישט האָבן אַרויסגעשפּרונגען דורך די פענצטער; נאָכדעם פלעגט זי איר דרייסט אויפעפענען און אַריינכאַפּן אַליין דעם גאַנצן חלק.

קומענדיק נאָכדעם, אין עטלעכע שעה אַרום, פלעגן מיר איר טרעפן, ליגנדיק אויף דער סאָפע, דאָס פנים באַדעקט מיט ווייס־ברויט, איינגענעצט אין רויטן וויין, כדי אַזוי אַרום אויס־צוציען די געשווילעכץ און די סיניאַקעס. זי פלעגט זיך אויפ־הייבן מיט אַ משוגענעם שמייכל, און מיט אַ שפּיגל אין האַנט, פלעגט זי צו אונדז זאָגן, באַווייזנדיק די סיניאַקעס:

„אַ קלייניקייט... נישט אמת? אין אַ משך פון צוויי טעג פאַרבלייבט נישט קיין סימן... און דעמאָלט וועלן מיר ווידער איינלאַדן די מוסאַפירן!... מען לאַכט זיך אויס פון אַזעלכע קלעפּ!"...

מיר פלעגן זיין שטאַרק באַאומרויקט פאַר איר קערפּער. ס'פלעגט זיין אַ שרעק צו קוקן אויף איר... זי פלעגט אויסרופן

„אַך, דער קערפּער!... נאַרישקייטן!... דעם קערפּער זעט מען נישט!"...

און ווי נאָר די ביילן פלעגן פארגיין, פלעגן זיך די יום-טובים ווידער אנהייבן.

אין שטוב ביי אונז פלעגט מען נישט קאכן, ווייל די מאמע האָט פיינט געהאט דעם ריח פון געפּרעגלטע ציבעלע. אלע שפּייזן פלעגט מען אונז צושיקן פון אַ לאָקאַנדע *); זופּן, געריכטן, צו-קער-קוכנס, קרעם, — אלץ פלעגט אונז ווערן צוגעשיקט אין קופּער-נע געפעס. יעדער מאָנטיק פלעגט קומען אַ וועשן צונעמען די וועש פון דער וואָך און איבערלאָזן די ריינע, וואָס זי פלעגט מיט זיך מיטברענגען. איינשליסליך מיטן אלטן טערק, דעם סוחר פון פּאָמאדעס און אפּטייק-זאכן, פלעג איך אלעמען זען אריינ-קומען אָפט צו אונז אין שטוב אריין — אויסער די מוסאָפירן, פארשטייט זיך, וועלכע פלעגן נישט תמיד זיין זיכער, אז זיי וועלן ארויסגיין מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן זיי זענען אריינ-געקומען. דאָס גלייכן, מיין טאַטע און מיין ברודער, וועלכע זע-נען געווען אומגעבעטענע מוסאָפירן און געמאכט אונז נישט קיין אנגענעמע וויזיטן. היות שוין צוויי יאר, ווי דער טאַטע האט נישט געלעבט מיט דער מאַמען, און קומען פלעגט ער בלויז דריי, פיר מאָל אין חודש, כדי אונז צו שלאָגן, פלעגט דעריבער אין שטוב הערשן אַ רויקייט.

נישט האבנדיק אויף זיך קיין עול פון הויז-באלעבאטיש-קייט, פלעגן ביידע פרויען תמיד פארברענגען זייער צייט אין רו, אין באָד, אויף אנטאָן זיך, אויפן טרינקען, אויף רויכערן, און אין אויפנעמען זייערע „געליבטע". זיי האָבן אפילו נישט פאר-געסן תפילה צו טאָן, אָבער קיינמאָל פלעגן זיי נישט גיין אין קלויסטער; און די צייט, וואָס זיי פלעגן ווידמען דעם גוטן גאט איז געווען זייער קורץ. מיין מוטער פלעגט זיך ענטשולדיקן דער-פאר, בזה הלשון:

„דער אויבערשטער, זעט דאך גוט, אז איך ווידערשפּעניג

*) לאָקאַנדע: אכסניה.

אים נישט: איך בלייב די זעלבע, ווי ער האט מיך באשאפן... איך הער מיך הכנעהדיק צו, צו די געשרייען און די באפעלן פון מיין הארץ"...

קירא פלעגט זיך אריינמישן:

„מאמע, צי מיינסטו נישט, אז דער טייוול מישט זיך דא אויך אמאל אריין?

— ניין" פלעגט זי ענטפערן: „איך גלויב נישט אין טייוול; גאט איז שטארקער פון אים... און אויב מיר זענען אזעלכע ווי מיר זענען, איז עס דערפאר, ווייל גאט וויל אזוי"...

און, באמת, מיין מאמע איז געווען שטארק צופרידן דערפון, וואס איר גאט האט פון איר פארלאנגט: ווייל ער האט פון איר קיין גרויסע זאכן נישט געפאדערט.

צוערשט האט גאט געוואלט, אז זיי זאלן פון פרימארגן ליגן אין בעט, אזוי לאנג ווי ס'ווערט זיך זיי גלוסטן — א גוט ארט ווו מען קען קייען סוכארקעס, אויף פוטער אדער אויף האניק, און טרינקען קאווע. נאכדעם האט ער זיי באפעלן זיי זאלן זיך אויספוצן און אנשמירן זייערע קערפערס מיט וויינרויך־עלעקסיר; זיי זאלן האלטן דאס פנים אויף מילך־רויך, קאכנדיק דאס מילך אויף א קליין פייער; זיי זאלן מאכן גלאנציק די האר, רייבנדיק זיי מיט מאנדל־אייל, דורכגעוועבט מיט מוסקוס־ריחות; און די נעגל זאלן אויך גלאנצן, דורכפירנדיק איבער זיי א פענזל, איינגעווייקט אין באלזאם פון מאהאן־האלץ־אנילין. נאכדעם האט ער זיי געהייסן זיך באשפטיקן מיטן טואלעט פון די ברעמען, ליפן און די באקן. דאס אלץ פארענדיקט, האט מען געדארפט גיין צו פרישטיק, רויכערן, און גיין מאכן די ס'עסטע *); נאכדעם זיך אויפהייבן צו דער שקיעה, ברענען קטורת, טרינקען פארשיידענע געטראנקען, און שפעטער: געזאנגען, טענץ, ששון ושמחה, וואס פלעגט זיך פארציען ביז האלבע־נאכט.

מיין מאמע איז געווען פיל רייכער פון מיין טאטן, און

* ס'עסטע: די נאכמיטאג רו; מען בענוצט דאסווארט פאר סתם רו

נישט געקוקט אויף אירע גוואלדיקע הוצאות, פלעגט זיך איר פארמעגן, וועלכער איז געווען אין אומגאנג, אין אירע ברידערס טונקעלע געשעפטן, תמיד פארגרעסערן. די פארדינסטן זענען געווען אַזוי גרויס, אַז זי האט אָפגעלייגט אַ סכום פאר קיראַן און מיר.

איך קען זייער שוואך דער מאמעס געשיכטע. דאך דערמאן איך מיך, ווי זי האט אַמאָל דערציילט, אז אירע עלטערן זענען געווען רייכע שענקערס. איר טאטע, אַ גוטער און פרומער טערק, איז סוף 18-טן יאָרהונדערט געשיקט געווארן פון סטאַמבול, מיט א פירמאן*) פון דער הויכער-פאָרטע, כדי אויפצועפענען אַן אכסניה אין איבראַילאַ. מען האט אים געגעבן אַ דערלויבעניש, ער זאָל אויפנעמען ביי אלע הויכע פערזענליכקייטן, וועלכער דער סאלטאן האט געשיקט אין זיין פאכאליק**). ער האט געהאַט דריי ווייבער, צוויי גריכינס און איינע אַ רומענערין. די לעצטע איז געוון די מאמע פון מיין מאמע. די צוויי אנדערע זענען געווען מאמעס פון דריי יינגלעך, פון וועלכע איינער איז משוגע געווארן און האט זיך אויפגעהאָנגען. מיין מאמע און אירע צוויי ברידער פון אנדערע מאמעס, האבן אלץ איבערגעראָיעט אין שטוב מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס ארויף. אין דער דאָזיקער שטוב האָט מען דוכט זיך קיין שום אנדערע זאכן נישט געטאָן, נאָר געציילט געלט, און געבעטן צוויי געטער, אין דריי פאַרשיידענע שפּראכן.

די ביידע יונגען האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף קאָנטראבאנד, און מיין מאמע, דעמאָלט זייער יונג, איז שוין געווען גרייט זיי נאָכצוגיין, האָט זיך אבער דעם גוטן טערק פאַרוואָל מיין מאַמען חתונה מאכן מיט אַ שטרענגן, שלעכטן מענטש, מיט מיין טאטן, וועלכער האָט זיך „איינגעכלאָפּטשעט” אין איר. „מסתם איז דאס געווען דעמאָלט, פלעגט מיין מאמע טענהן, ווען גאט האָט זיך געווישט דעם נאָז”. מיין זיידע האָט געגעבן מיין

*) פירמאן: אזא מין האנדעלס-פאטענט, אין טערקיי.

**) פאכאליק: ווו ס'זיצט א פאשע — ביי אונז: גובערניע.

טאַטן אַ סך געלד און האָט אָפּגעשריבן אויף מיין מאַמען אַ גרויסן חלק פון זיין פאַרמעגן, געבנדיק איר דאָס רעכט אָנצופירן דער־מיט, בתנאי, אַז זי בלייבט ביים מאַן. אויף אַזאַ אופן האָט זי געמוזט בלייבן צוגעשמידט צום מענטשן, וועלכן זי האָט געהאַסט, אויס מורא — מען זאָל איר נישט אָפּנעמען די ירושה. זי האָט אָבער אויך געוווּסט, וויאַזוי נושא־חן זיין ביים טערק. זי האָט זיך צו אים געלעקט, און נאָך עטלעכע יאָרן פון שווערער טרייקייט האָט זי געוווּנען זיין צוטרוי. ביי זיין שטאַרבן האָט זי באַוויזן אַרויסצורייסן איר באַשטימטן חלק ירושה, און דעם באַקומענעם קאַפּיטאַל האָט זי אַריינגעלייגט אין די הענט פון אירע צוויי ברידער, וועלכע האָבן איר ליב געהאַט.

דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ יום־טובדיקער לעבן, אַ לעבן פון תענוגים און פון משוגענע ליבעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגע־שפּילט אונטער מיינע אויגן, און קעגן וועלכע מיין טאַטע האָט אפילו מיט זיין רשעות גאָרנישט געקענט אויפטאָן. מיין מאַמע וואָלט אים געוויס אַוועקגעגעבן איר חלק ירושה, ווען ער וואָלט איר געשאָנקען איר פרייהייט, אָבער ער האָט זיך געוואָלט נוקם זיין פאַר זיין שאַנד. איינעם טאָג, ווען ער איז פון איהר אַוועק אויף זיין נייע דירה, האָט ער אויפגעקליבן אַלע זאַכן, וואָס האָבן צו אים געהערט און געזאָגט צו דער מאַמען, אָנווייזנדיק אויף מיר און קיראַן:

„די צוויי שלאַנגען לאָז איך דיר איבער. זיי זענען נישט מיינע קינדער, זיי זענען ווי די מאַמע!...

— איר וואָלט וועלן זיי זאָלן ענליך זיין צום טאַטן?״ האָט זי געענטפערט: „איר זייט אַ טרוקענער מענטש, אַ מת, וועלכער שטערט די לעבעדיקע צו לעבן... ס׳וווּנדערט מיך זייער שטאַרק וואָס אייער טרוקנקייט האָט געקענט מאַכן אויפבליִען דאָס צווייטע טרוקענע צווייגל, וועלכער איז אייער זון, אָבער נישט מיינער״.

און מיין מאַמע האָט גוט געזאָגט, אַז דער דאָזיקער מת לאָזט אונז נישט לעבן. ער האָט געטאָן וואָס ער האט געקענט, וויסנדיק, אַז זי ליבט דעם פּנים ווי דאָס לעבן, פּלעגט ער איר

תמיד שלאָגן אין תוך פון איר לעבן. די לעצטע צייט פלעגט די אומגליקלעכע מוזן זיך קורירן אכט אָדער צען טעג, כדי ס׳זאלן פאַרשווונדן ווערן די סיניאַקעס און די געשווילעכץ. אין דער צייט האָט קיין שום רייד נישט געקענט זיין וועגן אויפנעמען מוסאפירן. דאס האָט איר אריינגעוואָרפן אין אַ מרה־שחורה, זי האָט אונז נישט געצערטלט ווי פריער, און צום ערשטן מאָל האָב איך איר געזעהן וויינען פון פארצווייפלונג.

פון דער דאָזיקער פארצווייפלונג פלעגט זי זוכן איר רעוואַנש מיט אַ צענפאַכיקן כעס, כדי נאָך מער אויפצורעגן דעם אכזר. ס׳איז איר אזוי געלונגען, אז זיין כעס איז געווען פאר אונז פאטאל.

איינמאָל אין אוונט, איז אין שטוב געווען אַ סך מוסאַפירן. ס׳איז געווען, לכל הפחות, זיבן. מיין מאמע האָט אָנגעהאָנגען זיבן קאנדעלאברעס אויף די ווענט, נישט רעכענענדיק דעם גרויסן הענג־לאָמפּ אויפן סופיט. איך האָב איבערגעציילט די ליכט. איך האָב אָנגעציילט פיר און צוואַנציק. די ליכט האָט געבלענדט די אויגן. אין דעם זעלבן טאָג האָט אָפּגעבראכט אַ שלאָסער, אַ גרויסן ריגל צו דער מאסיווער הויף־טיר, וועלכן מען האָט פאַרמאַכט מיט אַ שליסל. פאַרזיכערט זיך אויף אַזאַ אופן, האָט זי זיך איבערגעגעבן אירע תענוגים, וועלכע זענען מיר געווען באקאַנט. איך קלער נאָך היינט אַז זי האָט פאָרגעפילט דעם סוף פון איר גליקלעך לעבן, דערי־בער האָט זי געוואָלט אריינכאפּן אַז גענ־סן וואס מער פון לעבן.

פון די זיבן געסט, זענען דריי געווען בארימטע באַל־מוזיקאנטן פון יענער צייט. אויפעפענדיק דעם באל האָט זי יעדען פון זיי דאַרלאַנגט א לעדערן בייטעלע, וווּ ס׳האָבן זיך געפונען צו צען צוועלף־פראנקעדיקע דוקאטן, איינגעהילט אין אַ קליין זיידן אויסגעהאָפטענע טיכעלע, און זי האָט געזאָגט:

„פאַליקאַריאַס!...*) יעדער פון אייך האָט אין די בייטעלעך פינף מאָל מער, וויפל ער פאַרדינט, שפּילנדיק

*) פאַליקאַריאַ: דרייסטע מענטשן, אין גריכיש.

א גאנצע נאכט!... איך גיב עס אייך נישט אויס גרויסמוטיקייט... אין דעם דאזיקן הויז צאָלט מען פארן פארגעניגן זייער טייער, און ס'איז גאַנץ מעגליך, אז איר זאָלט היינטיקע נאַכט נאָך דארפן אַרויסגיין דורך די דאָזיקע פענצטער. צי האָט איר פלינקע פיס?"...

און זי האָט אויפגעעפנט די פענצטער, וועלכע האָבן ארויס-געפירט צום גראָבן, די פאליקאריאַסן האָבן זיך איינגעבויגן, געקוקט,געוויגן דעם גאָלד, הייבנדיק די ביטלען אין זייערע הענט און איינגעגאנגען אויף מיין מאַמעס פאָרשלאַג. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די שפּיל, דער געזאנג און די טענץ.

די דריי אינסטרומענטן: קלארנעט, פלייטע און גיטארע האָבן זייער פיין געארבעט. קירא און די מאמע זענען געזעסן איינע לעבן דער צווייטער, צופרידן אויסגעהערט דעם טרויער-דיקן סאָלאָ, נאָכדעם די רוישנדיקע מוזיק פון די רומענישע דאָ י נ אַ ס , די שווארצע טערקישע מ אַ נ י ע ס, און די גריכישע פאסטאָראַלן, אַקאָמפּאנירט דורך אַ האנט-פּאטשעריי, און דורך קולות פון די פיר מוסאַפירן.

נאָך יעדער שפּיל און געזאנג פלעגט מיין מאמע דערלאַנ-גען ליקער, קאווע אין נארגילן. צוויי גרויסע טאצן מיט קאַ ד אַ י פ ן און ס אַ ר אַ י ע האָט מען דערלאַנגט די פיינשמע-קערס. היות איך האָב אין יענעם אָוונט נישט געשטאַנען אויפן וואך, האב איך געטאנצט מיט מיין שוועסטער, מיט מיין מאמען, אליין, און מיט ביידע צוזאמען, ביז ס'האָט זיך מיר פארדרייט דער קאָפּ. דער טאַנץ איז געווען די גרעסטע תאווה פון מיין קורצער קינדהייט, אין דער דאָזיקער הויז. פארן טאנצן פלעגט מיר קירא שענקען אירע צווילדעוועטע צערטלעכקייטן. דער אראבישער בויך-טאנץ, וועלכן איך האב אליין אויסגעפירט, איז געווען אזוי רייך אין באוועגונגען, אינם אוונט פון לעצטן באַל, אז אלע דריי מוזיקאנטן, אלע גרויסע מבינים, האָבן מיך שטאַרק נערימט און פעסט צו זיך צוגעדריקט. קירא איז געווען פון מיר אויפן זיבעטן הימל. מיין מאמע האט אויסגערופן:

„יאָ... דער דאזיקער איז מיין זון! ס'איז אין דעם קיין ספק נישטאָ!"...

בעת אַ פּויזע, ווען אַלע מענער זענען געזעסן אויף טעפּיכער, מיט אונטערגעלייגטע פיס, אויפן טערקישן אופן און געראויכערט די נאַרגילן, האָט קירא אַ פרעג געטאָן, וואָס ס׳איז געוואָרן מיט איינעם פון אירע בעסטע פאַרהערערס.

„ער האָט זיך אויסגעלונקען א פוס, ווען ער האָט זיך דעם לעצטן אוונט אַראָפּגעלאָזט פון אייער פענצטער!”... האָט געענט־פערט אַ גאַסט.

און ביי אַן אַלגעמיינעם געלעכטער, האָט ער דערציילט, ווי אַזוי דער דאָזיקער חברה־מאַן ליגט אין דער רגע אַ אויפגע־בראכטער אין בעט. און זיין גאַנצן כעס לאָזט ער אויס צום מא־סאזשיסט. דעם גיטארע שפּילער, וועלכער איז געוועזן דיק, איז די דאָזיקע מעשה אריין אין קאָפּ. ער איז צוגעגאנגען צום פענצ־טער און אויסגעמאָסטן דעם שטח מיטן אויג. אַ מוסאפיר האָט אים באַרויקט:

„ס׳איז נישט זייער הויך!... אין גאַנצן צוויי מעטער, נישט מער. מען דאַרף אבער צופיל נישט טאַנצן פאַראויס, נאָר אַראָפּ־לאָזן זיך פּאַמעלאך, און האַלטן זיך פעסט אויפן אָפּהאַנג. אין דער־נידער וועט איר שוין געפינען אייער פעסקע און אייער גיטאַרע!”...

מען האָט געלאַכט, אין נאָכדעם ווידער אנגעהויבן צו טאַנצן.

* *
*

די דאזיקע געשעעניש האט פּאַסירט אין יוני, נישט לאַנג פאַרן שניט.

פון דער זייט פון הויף זענען די פענצטער געוועזן באַ־האָנגען מיט גרויסע שווערע קורטינען, בעת די פענצטער צום גאַרטן צו, האָבן געהאט קליינע נידעריקע פאָרהענגלעך. מיר זע־נען געוועזן שטאַרק פאַרמאַטערט, ווען דער מאַרגנשטערן האט, אין דערפרי, געוואָרפן זיין באַגילטע ווייסקייט אויף די שויבן פון די פענצטער. מען האָט געגענעצט... די לופט איז געוועזן פאַרשטונ־קען פונם נאַרגילן־רויך, הגם מען האָט דאָרט געראויכערט פאַר־שיידענע קטורת.

מיין מאַמע איז צוגעגאנגען צו אַ פענצטער, אים אויפגע־

עפנט און געצויגן אין זיך די פרישע לופט... איך מיט קיראַן זענען מיר געשטאַנען נ׳בן איר און באַטראַכט, ווי דער מאָרגנ־שטערן האָט באַלויכטן די בלאַטעס און דעם ווערבן־וואַלד. נאָכ־דעם האָט זי זיך אייסגעדרייט צו די געסט:

„אַלזאָ, מיינע פריינט דער באַל איז געענדיקט!... מיר גייען שוין שלאָפן״ האָט מיין מאַמע געזאָגט.

אין דעם דאָזיקן אויגנבליק זענען מיר אויפגעציטערט געוואָרן דורך אַ גערויש פון אַ קערפּער, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויפן הויף, און אין אַ רגע אַרום האָבן מיר דערהערט, ווי ס׳קריפּעט דער ריגל פון טיר. מיין מאַמע האָט אַ געשריי געטאָן:

„ראַטעוועט אייך!... זיי האָבן אַריבערגעקלעטערט די וואַנט.

און בעת דער טאַטע מיטן זון האָבן געטראַסקעט אין טיר, האָבן די געסט אָנגעהויבן צו טאַנצן דורך דיביידע פענצטער, פאַרגעסן וועגן פאַרזיכטיקייט, פונקט ווי אין דרויסן וואָלטן פאַר זיי געלעגן אויסגעשפּרייט מאַטראַצן און פערינעס. די מוזיקאַנטן האָבן זיך די ערשטע אַרויסגעטראָגן, און נאָך זיי די איבעריקע געסט, וועלכע האבן זיי נאָך אַ שטופּ געטאָן אין די הינטנס, הגם פריער האָבן זיי זיי געעצהט, מען זאָל צו וויט נישט שפּרינגען. אין עטלעכע רגעס איז די שטוב געוואָרן פּוסט, די מ ו ס אַ פ י ר ן האָבן זיך איינער נאָכן צווייטן אַראָפּגעקויקלט אויפן זאַמדיקן בערגל. אָבער פאַררייבן די סימנים פונם יום־טוב, האָט גאָר קיין שום רייד נ׳שט געקענט זיין.

און דעמאַלט איז די מאַמע דרייסט געגאַנגען זיי עפענען. תיכף האָט מען איר אָנגעכאַפּט פאַר די האָר און אַנידערגעשליידערט אויף דער ערד. דער ברודער האָט דאָס זעלבע געטאָן מיט קיראַן. און איך, אויפגערעגט דערפון, וואָס מען האָט מיין שוועסטער אַזוי אכזריותדיק געשלאָגן, האָב איך געכאַפּט אַ לולקע און דערלאַנגט מיין עלטערן ברודער איבערן קאָפּ. דעמאָלט האָט ער אָפּגעלאָזט קירען, זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ, וואָס האָט געבלוטיקט און תיכף זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיר. ער איז אַלט געוועזן אַ יאָר צוואַנציק, און איז געוועזן זייער שטאַרק. ער האָט מיך אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז וואַנען ס׳איז

אים פארמיאוסט געווארן און ביז וואנען ס'האָט מיר אנגעהויבן צו גיין בלוט פון נאָז און פון מויל.

מיין מאַמען האט מען געשלאגן אַ מינוט צום טויט. זי איז געלעגן אַ פאַרחלשטע, די קליידער צופליקט, דאָס לייב באַקעט און דער טאַטע האט נאך געהאַלטן אין איין שלאגן. דער ברודער איז געגאַנגען אָפוואשן דעם צעבלוטיקטן קאָפ, און קיראַ איז אַוועקגעלאָפן צו אַ שופלאד, פון וואנען זי האָט זיך צוריקגעקערט מיט אַ שטילעט אין האנט. אויפגעצאפלטע זענען מיר געשטאנען פארן שוידערלעכן בילד, וואָס האָט זך פאַרגעשטעלט פאר אונזערע אויגן: דער טאַטע האט געכאַפט אַ סאַנדאַל מיט אַ הילצערנעם אָפּצאַס, וואָס איינער אַ מוסאַפיר האָט אין איילעניש פארלוירן, און מיט דעם אָפּצאס האָט ער געהאקט איבערן פנים פון דער ארעמער פרוי, וועלכע האָט קוים גערירט מיט אירע אפגעשוואכטע הענט. איר פנים, פארגאסן מיט בלוט, האָט אויסגעקוקט ווי א גרויסער ווונד.

קיראַ האָט זיך דערנענטערט צום רוצח, כדי ארייננרוקן אים דעם שטילעט אין פלייצע אריין, אָבער זי איז אומגעפאַלן און געחלשט. דער טאַטע האָט איר אויפגעהויבן און איר אריינגעוואָרפן אין אַ גרויסע וואנט-שאפע, וועלכע מען רופט יאַטאַק, און האָט צוגעמאַכט דעם ריגל. מיך האָט ער איבערגעלאזט אונטער דער השגחה פון ברודער, וועלכער האָט באנדאזשירט דעם קאָפ מיט אַ גרויסע נאָז-טיכל. נאָכדעם האָט ער גענומען דער מאמען אויפן פלייצע, ארויסגעטראָגן איר אויפן הויף פון וואנען ס'האָבן זיך אין עטלעכע רגעס ארום דערטראגן צו מיינע אויערן, דאָס גערויש פון שווערן קעלער-צודעק, וואָס איז אראָפגעפאלן אויף מיין אומגליקלעכע מאַמע און איר צוגעמאכט ווי אין א קבר. אריינקומענדיק צוריק האָט ער מיך באדראָט מיט די פויסטן, און אויפעפענדיק מיינע אויגן האב איך געמיינט, אז מיינע לעצטע מינוטן האבן זיך דערנענטערט. אבער ער האט מיך נישט געטשעפעט און געזאָגט:

„יאָ, אַזוי איז די מעשה!... דו האָסט צושפאָלטן דעם קאפ פון דיין עלטערן ברודער. און דיין שוועסטער די זונה האט מיך

געוואלט ממיתן!... אַלזאָ איצט האָב איך מיט אייך אַלעמען פארענדיקט!״

זיי האָבן פארלאָשן די ליכט און מיך מיטגעפירט מיט זיך. פארבייגייענדיק דעם הויף האָב איך געוואָרפן אַ בליק אויפן צודעק פון קעלער: אַ גרויסער הענג־שלאָס האָט געשטעקט אין צוויי אייזערנע רינגען, אויסשליסנדיק יעדע מעגליכקייט צו אנט־לויפן. איך האָב געקלאָגט ביים געדאנק, אז מיין אָרעמע מאמע, אַ פארוווּנדעטע, אַ צובייזטע, אַ לעבעדיקע נאָך, ליגט דאָרט באַ־גראָבן אינם שווידערליכן קבר, בעת קירא ווערט דערשטיקט פון פארצווייפלונג אין דער וואנט־שאַפע.

אין דרויסן איז שוין געווען טאָג... מיטן ראַנעץ אויפן פּלייצע, מיט שפּיציקע שטעקנס אונטער די הענט זענען די טערקישע קוילן-ברענער געגאנגען אין פארט אויף דער אַרבעט. און ווו גיי איך?...

מיר זענען אנגעקומען אין טאטנס הויז. מען האָט מיך געהייסן דרייען דעם שאַרף־שטיין אויף וועלכן די געזעלנס האָבן געשארפט זייערע העק, זייערע דלאטעס און זייערע שערן. ארום מיר האָבן זיך געוואַלגערט דעמב, ליפּע, און טאָפּאָל, שטיקלאך פון צעבראכענע וועגענער, רעדער, שפּריכעס, זווענעס, דישעלן, פּיאַסטעס; און דאָס אַלץ איז געווען אויסגעמישט מיט חמרים שפּענער און פליטעלעך.

ביז מיטאָג האָט מען מיר גאָרנישט געגעבן צו עסן. נישט צוגעוווינט צו דער ארבעט בין איך געפאַלן פון שוואכקייט. מיין ברודער האט מיר אַ שמיץ געטאָן, און די אַלטע דינסט האָט מיר געבראכט צום עסן, ברויט און וואסער.

אָבער דאָס ערגסטע איז געווען דאָס, וואָס איך האָב מיך ארומגעזען אַז איך בין אונטער דער אויפזיכט פון אַלעמען, און ס'איז נישט געווען קיין עצה, ווי זיך צו ראַטעווען. נאָך מיטאג האָב איך ווידער געדרייט דעם ראָד, און אַז איך האָב עס שוין מער נישט געקענט, איז מיין ברודער צוגעקומען און מיר דער־לאַנגט אַ פּאָר בריקן מיט די פיס. ער און זיין טאטע, אָנגעטאָן אין לעדערנע פאַרטוכער ווי אַלע ארבעטער, האָבן געארבעט,

אַרומשפּרייזנדיק אַהין און צוריק, ערנסט, אָנגעבלאָזן, מיט אנגע־כמורעטע ברעמען. אַ שרעקלעכער אומעט האָט דאָרט געהערשט; מען האָט געהערט בלויז דעם גערויש פון די ווארשטאטן, פאַר־שיידענע דערקלערונגען און קורצע באפעלן.

אין אוונט האָט מען מיך פארמאכט אין אַ צימער, ווו די פענצטער האָבן געהאט אייזערנע קראַטן. אין דער פינצטערניש, אויף אַ ראָגאָזשע וואָס איז געווען אנידערגעווארפן אויף דער ערד, האָב איך אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאכט. געוויינט און געטראכט וועגן די טייערע וועזנס, וועלכע זענען געווען נאָך אומגליקלע־כער פון מיר.

דער מארגעדיקער טאָג איז געווען ענליך צום ערשטן. מיט אַנגסט האָב איך מיך געשטעלט די שאלה, צי מיין טאטנס אַכ־זריות וועט דערגיין אזוי ווייט, אז ער וועט איבערלאָזן אויף הפקרביידע פארשלאָסענע, געשלאָגענע און קראנקע ווייבער. ווען דער אוונט האָט זיך אָנגערוקט האב איך באשלאָסן וויניקער צו ווייגען און פּרוּוון, פאר יעדער פּרייז זיך צו באפרייען.

איך האָב באמערקט, אז אויפן הויף זענען געשטאנען לייטערס פון פארשיידענע גרויסן, און אין מיין תפיסה זענען געווען אָנגעלייגט כל'ערליי שפּריכעס, קליינע און גרויסע, דאָס איז געווען מיין פרייהייט!... די דינסט האָט מיר געבראַכט מיטאָג, ברויט מיט קעז, און ביין צו מיר אַ זאָג געטאָן:

„ס'איז נישט אזוי, ווי דאָרט ביי אייך אין שטוב?... אזוי ווי דו זעסט, באשטייט נישט דאָס לעבן בלויז פון פארגעניגנס: ס'זענען דאָ אויך צרות, כע! כע!"...

און זי האָט מיך פארשלאָסן. איך בין תיכּף איינגעשלאָפן. ווען איך האָב מיך אויפגעכאפּט איז נאָך געווען פינצטער. איך בין געבליבן אויפגעוואכט און געוויינט, דערמאָנענדיק זיך וועגן מיין מאמעס צובלוטיקטן פּנים. נאָכדעם האָבן די הענער אנגע־הויבן צו קרייען, און איך האָב געזען, אז ס'הייבט אָן צו טאָגן. דאָס גאנצע הויז איז געווען איינגעזונקען אין טיפן שלאָף. שנעל האָב איך אויפגעעפנט דעם פענצטער און, מיט אַ שפּריכע, האָב איך לייכט פאנאַנדערגעשפּרייט צוויי דינע קראַטן. אויפן הויף

האט אַ האַק געשטעקט אין אַ שטאַם. איך האָב איר ארויסגע-ריסן, גענומען אַ קליין לייטער אונטערן אָרעם, און ארויפגעקראָכן אויף אַ צווייטן, כדי צו קענען אריבערקלעטערן די וואַנט. אויף יענער זייט, בין איך געלאָפן מיט אלע כחות אין דער ריכטונג צום פאָרט.

ס'איז נאָך געווען קליינער טאָג, ווען איך בין צוגעקומען צום באַרג, איבער וועלכן אונזער הויז איז געשלאָפן אין אַ פאַר-צווייפלטן שלאָף. און מיט איין אטעם בין איך ארויפגעקראָכן אויפן באַרג, פון וועלכן ס'איז מיר תמיד אויסגעקומען אַראָפצו-לאָזן זיך.

ארויפקומענדיק אין דער הויך, האָב איך מיט האַרץ-קלאַ-פעניש אנגעשפאַרט דעם לייטער און אַ קלאַפּ געטאָן אַ שויב, וועלכע איז צופליגן געוואָרן אויף שטיקלעך. און דעמאָלט, נאָך אַ רגע אויסערגעוויינלעכע געמיט-באַוועגונג, האָב איך דערהערט די שוואכע שטימע פון קירען, וועלכע האָט זיך דערטראָגן פון וואַנט-שאַפע:

„דאָס ביסטו, דראַגאָמירן?"

דערהערנדיק ווי ס'רופט מיך אָן מיטן נאָמען מיין טייערע שוועסטער, די פארשפאַרטע אין יאַטאַק, האָב איך אַ ציטער גע-טאָן און אויסגערופן:

„דאָס בין איך!... איך בין געקומען אייך באַפרייען!"...

און דורכן חלל פון פענצטער האָב איך מיך אריינגע-וואָרפן אינעווייניק און אויפגערוקט. דעם ריגל קירען, בלאַס ווי דער טויט, מיט אַ פאַרשוואָלענעם פנים פון געוויין, האָט זיך מיר ארויפגעוואָרפן אויפן האַלדז פרעגנדיק:

„און די מאַמע?... ווו איז די מאַמע?...

— זי איז פאַרשלאָסן אין קעלער: מען דאַרף איר פון דאָרט תיכף באַפרייען, און צוזאַמען אַנטלויפן"!...

די הויז-טיר איז געווען צוגעשלאָסן. איך האָב אויפגעעפנט אַ פענצטער און אַרויסגעשפרונגען אויפן הויף. מיט עטלעכע קלעפּ פון דער האַק האָב איך צעבראָכן די האַקעס און אין דער באַגלייטונג פון קירען, האָב איך מיך אַראָפּגעלאָזט אין

קעלער אריין. א פארדומפּענער ריח, א ריח פון זויערן קרויט און פון פארפוילטע גרינסן האט אונז דערלאנגט אין נאז; ווייל זינט צוויי, אדער דריי יאר איז שוין קיינער אין קעלער נישט געווען. טשערעפּאכעס האבן זיך דארט לאנגזאם באוועגט, און זייערע אייער, אביסל גרעסער ווי פויגלשע, זענען געווען אויס-געלייגט לענג אויס די ווענט. אט אין דער דאזיקער עלנדקייט האט מיין מאמע געלעבט צוויי מעת-לעת.

ווען מיר האבן זי געפונען, איז זי געשטאנען, דעם קאפּ איינגעהילט אין די שמאטעס פון אירע קליידער, וועלכע האבן שוין מער נישט עקזיסטירט. מיר האבן איר צוגעהאלפן ארויפשטייגן דורכן קלעפּעדיקן לייטער; און אין דרויסן, בא-טראכטנדיק דעם בילד, וואס פון אונזער פּרעכטיקער מוטער איז געווארן, זענען מיר איר געפאלן צו די פיס, ווי פאר א מער-טירערין. איין אויג איז געווען פארבארגן אונטער א באנדאזש. דערפאר אבער האט מען פון דעם איבעריקן טייל פון איר אנגעשוואלן פנים, געקענט האבן א פארשטעלונג וועגן איר צו-שטאנד. די נאז צוקלאפּט, די ליפּן צופלאצט, די האלדז און די ברוסט באדעקט מיט פארגליווערט בלוט. די הענט זענען אויך געווען צובלוטיקט, און איין פינגער צוקוועטש.

זי האט אונז אויפגעהויבן, און געזאגט מיט א הייזעריקער שטימע:

„קודם כל, לאמיר זיך ראטעווען!... און נעמט מיט, מיט זיך אביסל עסנוואַרג".

מיר זענען פארבליבן אין צימער, ווו זיי האבן זיך בחפזון ארומגעוואשן און זיך איבערגעטאן. מיין מאמע האט מיטגענומען די קאסעטקע מיט אירע צירונג און געלט. און מיר האבן זיך אנגעהויבן אראפּלאזן פון בארג, נאכדעם, ווי מיר האבן ארייגעווארפן דעם לייטער אינווייניק און צוגעמאכט דעם פענצטער, דורך וועלכן אזוי פיל מוסאפירן האבן זיך געראטעוועט. ס'איז שוין געווען פארגעשריבן, אז צו לעצט זאל אויך די באלעבאסטע פונם הויז דורך דארט אדורכגיין!

מיט אַ שעה שפּעטער האָבן מיר שוין געשפּרייזט אויפן וועג צו קאַזאַס, וועלכער איז געווען פולשטענדיק פאַרלוירן צווישן די תבואה-פעלדער. פאַר צוויי בערגלעך, וועלכע מען האָט צו יענער צייט אנגערופן טאַביעס*), האָט מיין מאַמע זיך אָפּגעשטעלט... דאָרט, זיצנדיק אויפן גראָז צווישן די צוויי טאַביעס, וועלכע האָבן אונז פאַרבאַהאַלטן, דאָט די מאַמע זיך צו אונז געווענדעט מיט די דאָזיקע ווערטער:

„מיינע קינדער!... איך האָב דאָס ערגסטע דערוואַרט פון אייער טאַטן, איך האָב זיך אָבער נישט געריכט, אַז ער וועט מיך אַזוי צוקאַלעטשען, נישט הרגענענדיק אויפן אָרט. ווייסט אַז מיין לינקער אויג איז מיר איינגאַנצען אַרויס פון אויגן-ראַם, פאַר מיר איז עס ערגער ווי דער טויט... איך בין באַשאַפן געוואָרן פון גאָט, כדי צו געניסן פון די תענוגים פון גוף, פונקט אַזוי ווי ער האָט באַשאַפן דעם מוילוורף, צו לעבן ווייט פון דער ליכט און פונקט ווי דאָס דאָזיקע באַשעפעניש, וואָס האָט אַלץ, כדי זי זאָל קענען לעבן אין דער ערד, אַזוי האָב איך געהאַט אַלץ, כדי צו געניסן פונם פאַרגעניגן-לעבן. איך האָב זיך געטאָן אַ נדר צו נעמען דאָס לעבן, אויב מענטשן וועלן מיך וועלן צווינגען צו אַן אַנדער לעבן ווי דעם, וועלכן איך פיל אין מיין קערפּער. איצט טראַכט איך וועגן דעם דאָזיקן נדר. איך פאַרלאָז אייך... איך גיי מיך קורירן ווייט פון אייך. אויב ס׳וועט מיר געלינגען צו ראַטעווען מיין אויג, און אויסצומען יעדן סימן פון העסלעכקייט, בלייב איך לעבן און מיר וועלן זיך נאָך זען... אויב מיין אויג איז פאַרלוירן, וועט איר מיך שוין קיינמאָל נישט אָנזען... און אָט וואָס איך וויל אייך זאָגן:

„דו, קירא, אויב — ווי איך רעכן, — דו פילסט דיך נישט מסוגל צו לעבן אין צניעות, וואָס קומט פון גאָט, און מען פילט זיך מיט איר צופרידן, — זיי נישט קיין צנועה, זיי נישט קיין געצווונגענע, טרוקענע צנועה, זיי שוין בעסער אַן אויסגעלאַסענע,

*) טאַבעי: רעדוט; מיליטערישע אָקאָפּעס

אבער אַן אויסגעלאַסענע, מיט אַ האַרץ, מיט מוט און כאַראַקטער דאָס איז פיל בעסער. און דו, דראַגאָמיר, אויב דו קענסט נישט זיין קיין מענטש מיט כשרע מידות, זיי אַזוי ווי דיין שוועסטער און ווי דיין מאַמע. זיי אַפילו אַ גנב, אָבער אַ גנב וואָס האָט האַרץ, ווייל אַ מענטש אָן האַרץ, מיינע קינדער, איז אַ מת, וואָס שטערט די לעבעדיקע צו לעבן. דאָס איז אייער טאַטע!...

„איצט וועט איר דאָ פאַרבלייבן ווו מיר זענען, ביז די זון וועט זיך אראָפּלאָזן אויף דריי מעטער פון האָריזאָנט. אויב ס'וועט פאַלן אַ רעגן, אָדער ס'וועט דונערן, גייט אייך נישט שיצן אונטער די ביימער, נאָר פאַרבאַהאַלט אייך אין לאָך, וואָס איר זעט דאָ אין בערגל. נאָך פאַרן אָוונט-געבעט, וועלן דאָ צו אייך קומען צוויי רייטערס און וועלן אייך נעמען אונטער זייער שוץ. דאָס זענען מיינע ברידער, צוויי מענטשן מיט הערצער, וואָס האַלטן וואָרט. איך קען אייך איצט צו זיי נישט נעמען, כאָטש איך גיי דאַרט, ווייל איר זייט נאָך קינדער, איר וואָלט זיי אַמאָל נישט ווילנדיק נאָך געקענט פאַרראַטן. און אין פאַל, אויב זיי וועלן נישט קומען פאַר דער קינדעשעה, גייט אַליין אַוועק צוריק אין שטאָט אין בעט אין מיין נאָמען אַ צימער אין דער לאָקאַנדע ווו מען קאָכט פאַר אונז. אָבער איר זאָלט איך נישט דערוועגן צו פאַרלאָזן דעם צימער, איידער מיינע ברידער וועלן קומען צו אייך! נאָך איין זאַך וויל איך אייך אָנזאָגן: אונזער גוף איז מסוגל צו פאַרשיידענע שרעקלעכע קרענק. נישט איך און נישט איר, האָבן מיר, גאָט צו דאַנקען, נישט געקענט די דאָזיקע יסורים, אָבער זיי עקזיסטירן, און אָן אַ צאָל זענען די, וואָס ליידן פון זיי. טראַכט וועגן זיי אין אייערע גליקלעכע מאָמענטן, און צוטיילט יעדער יאָר אַ טייל פון אייער געלט, אין די הייזער, ווו די דאָזיקע חולאים היילן זיך! איך לאָז אייך איבער געננוג געלט ביי מיינע ברידער"...

ווען זי האָט געענדיקט ריידן האָט זי אַרויסגענומען פון איר קאַסעטקע צוויי רינגען, וועלכע זי האָט איינגעוויקלט אין אַ זיידענע נאָז-טיכל און פאַרבאַהאַלטן אויף קיראַס ברוסט. נאָכ-

דעם האָט זי אונז לאנג געהאַלדזט און אוועק געגאַנגען, איינ־געהילט אין איר מאַנטל.

בעת זי איז אָפּגעגאַנגען אַ דרייסיק טריט פון אונז, האָט זי זיך אומגעדרייט און צוגעלייגט אירע הענט צו אירע ליפּן; נאָכדעם האט זי אויפגעהויבן איין האנט זייער הויך, אונז אנ־געוויזן מיטן ווייז-פינגער דעם הימלישן געוועלב, זיך אויסגע־דרייט און פארשוווּנדן געוואָרן.

„וואָס זאל עס באדייטן?“ האָב איך קיראַן געפרעגט.

„דאָס באדייט, מיין טייערער ברודער, אז מיר וועלן זיך טרעפן אויפן הימל“, האט זי מיר אָפּגעענטפערט.

קיינמאָל מער האָב איך שוין מיין מאַמען נישט געזען...

פארבליבן אליין, האבן מיר פארגעסן, אז מיר זענען אויס־געהונגערט, און, אָרומגענומענערהייט, האָבן מיר אזוי לאנג גע־וויינט, ביז די היץ פון דער זון, און אונזער אויסגעמאַטערטקייט האָט אונז אריינגעוואָרפן אין א טיפן שלאָף. ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאפּט האבן מיר געהאט דעם איינדרוק, אז מיר געהערן שוין נישט מער צו דער וועלט, אז עפּעס אַ שרעקלעכע זאך איז פארגעקומען; און מיר האָבן נישט געוווּסט צו דאָס איז אַ קאָש־מאַר, אָדער אונזער לעבן איז ביז איצט געווען אַ חלום. אַ רעי־פּאַק־פעלד איז געלעגן פאר אונזערע אויגן, און אַ לייכט ווינטל האט צו אונז דערטראָגן אירע שמעקעדיקע ריחות. זומער־פויגאַ־לאך, שפּרינגערס, בינען האָבן אונז כסדר אויפגערעקט מיט זיי־ער שמחה, אין וועלכער מיר האָבן נישט גיקענט נעמען קיין אַנטייל.

די שעה פון אוונט־תפילה איז אָנגעקומען... אַראָפּלאַזנדיק זיך צום האָריזאָנט, האָט די זון פארלוירן איר גלאַנץ... מיר האָבן זיך באַאומרויקט און מיר האָבן אוגגעהויבן צופּעסטיקן אונזערע בליקן אויפן פאַראיינזאַמטן וועג, אין דער ריכטונג ווו די מאַמע איז פארשוווּנדן. מיר זענען ארויפגעשטיגן אויף אַ בערגל און מיר האָבן דערזען אַ וואָלקן שטויב, ווייט ווייט אויפן קאַזאַסוער וועג. אין עטלעכע רגעס ארום האָבן זיך באַ־וויזן צוויי רייטערס, וועלכע האָבן זיך געטראָגן אין גאַלאָפּ,

איבערלאזנדיק הינטער זיך גרויסע שמויב-זיילן. איך בין אַראָפּ פון בערגל, מורא האבנדיק נישט צוטראטן צו זיין פון די פערדישע קאַפּיטעס, וועמענס ריטמישער גאַלאָפּ ס'האָט זיך דערטראגן צו מיינע אויערן. קירא איז מיר נישט נאָכגעגאנגען. זי איז געשטאנען אויבן און דאָס קליידל האָט ביי איר געפלאטערט אויפן ווינט. זי האָט געפאכעט מיטן נאָז-טיכל, און ווען דיביידע רייטערס האָבן זיך דערנענטערט האט זי אַזש אַ געשריי געטאָן פון פרייד. זיי זענען אראָפּ פון די פערד, אנגענומען זיי פאר די צוימען, אַרויפגעפירט זיי אויפן פעלד, און ארויסנעמענדיק די מונשטוקן פון זייערע מיילער האבן זיי, זיי געלאזט זיך פאשען צווישן די ט אַ ב י ע ס, וועלכע האָבן די פערד פארבהאלטן פון וועג. קירא איז שנעל אַראָפּ פון בערגל, זיך באַפרייט פון שלייער, וואָס האָט איר געדריקט דעם קאָפּ, אזוי אז איר גאָלדענע קוטשמע האָט זיך צולאָזן איבער אירע אקסלען. זי האָט זיך אַווארף געטאָן צו די פיס פון אונזערע אומבאַקאַנטע פעטערס, וועלכע זענען געשטאנען פאַר אונזערע אויגן, ווי צוויי גרויסע ברייטע דעמבעס. דאָס זענען געווען צוויי קאָלאָסן פון זעלבן גרויס, פון אַ יאָר פערציק ביז פופציק. איינער יינגער פון צווייטן. זיי האָבן געטראגן טורבאנען אוף זייערע גאָלע קעפּ, זייערע בערד און די אראפּגעלאָזטע וואָנסעס האָבן פארדעקט זייערע מיילער. זייערע גרויסע אויגן האָבן אייך אדורכגעדרונגען מיט זייערע קלאָרע, אָפנהערציקע בליקן, זייערע מאָכנאַטע הענט זענען געווען ענליך צו בערישע לאַפּעס. זיי זענען געווען שווארץ ווי טייוולאָנים אין זייערע געבאַס *), וועלכע האָבן זיי איינגעהילט פון האַלדז ביז ארונטער די קני. אַ קורצע ווײַלע זענען זיי געבליבן צוגעפעסטיקט צום אָרט און אונז באַטראכט. איך בין געשטאנען און ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אז דאָס זענען צוויי לעגענדארע געשטאלטן קירא איז אלץ געלעגן לעבן זייערע פיס. נאכדעם האָבן זיי אראפּגענומען זייערע מאנטלען, און איך האָב דערזען, אז זיי זענען געקליידט אויפן

*) געבאַ: אַ פוטערשער מאַנטל.

טערקישן מאַניר: מאַרינאַרקעס אָן אַרבלען, ברייטע הויזן, ברייטע גאַרטלען פֿון רויטן וואָל. אָבער הויפּטזעכלעך, בין איך געווען איבעראַשט דערפֿון, וואָס זיי זענען געווען באַוואָפֿנט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, ווי אמתע אַנטאַרטן *): אויף די אַקסלען איז געווען אַריבערגעוואָרפֿן אַ מושקעט מיט אַ קורצע דולע און אין די גאַרטלען האָבן געשטעקט פּיסטאָלעטן און מעסערס.

אין דעם זעלבן מאָמענט האָט קיראַס שרעקלעכער כּעס אויסגעבראָכן ווי אַ דונער. דורך איין איינציקע בקשה ביי די דאָזיקע צוויי מעכטיקע מענער, האָט זי פֿאַרטיליקט אַ גאַנצע משפּחה און אַליין אויך געפֿאַלן אַ קרבן פֿון איר נקמה־דורשט.

דער עלטערער פֿון די צוויי האָט אויפֿגעהויבן קיראַן און אַריינגעקוקט איר אין די אויגן, אַרויפֿלייגנדיק זיינע הענט אויף אירע אַקסלען. אויף זיין באַוואַקסענעם פּנים האָט זיך באַוויזן אַ גרימאַסע, און דאָס האָט מיך אַרויפֿגעפֿירט אויף אַ געדאַנק, אַז ער האָט מסתּם אַ שמייכל געטאָן. דער שמייכל האָט זיך דייטלעכער אויסגעדריקט אין זיינע אויגן. ער האָט געזאָגט אויף רומעניש, מיט אַ מעטאַלישע, נידעריקע שטימע:

„טאָכטערקע!... זאָג נאָר מיר, אויף וועלכער פֿון די דריי לשונות קענסטו דיך בעסער אויפֿריידן: אויף טערקיש, אויף גריכיש, אָדער אויף רומעניש?...

— אויף רומעניש, העלדישער מאַן!" האָט זי מוטיק געענטפֿערט, אָנקוקנדיק אים מיט אַ אויסערגעוויינלעכער דרייסטקייט.

„און דיין נאָמען?

— קיראַ.

— אַלזאָ, קיראַלינע, איך נעם דיך אַרום, ווי אַ פֿעטער, אָבער גליקלעך וועט זיין דער שטערבליכער, וועלכער וועט, אַלס געליבטער, אַראָפּבייסן דיינע קאַרשן!"...

ער האָט איר אַ קוש געטאָן און איבערגעגעבן איר צו זיין ברודער; נאָכדעם:

---

*) אַנטאַרט: גריכישער רויבער.

„און דו דרייסטער דראגאָמיר: דו האָסט מיר עפּעס אַ אי־בערגעשראקענע מינע!... האָט ער געזאָגט, ארומנעמענדיק מיך.

און ער האָט מוסיף געווען, אַרויפלייגנדיק זיין מושקעט אויפן מאַנטל.

„אפשר טרייבן אָן אויף דיר אונזערע בערד אַ פּחד?"

זאָגנדיק דאָס, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן גראָז און מיך גענומען לעבן זיך. איך האָב נישט געהאט קיין מוט אָפּצוענטפרן, ער איז צוגעשטאַנען:

„זאָג, דראַגאָמיר, אפשר האָסטו מורא פאר עפּעס?

— יאָ" האָב איך געענטפערט ציטערנדיק.

„פאַר וועמען האסטו מורא?...

— פאַר אייערע כלי־זין, וועלכע איר האָט אַ ביסל צו פיל"!...

ער האָט אויסגעבראכן מיט אַ הילכיקן געלעכטער:

„כאַ!... כאַ!... מיין בראַווער דראַגאָמיר!... מען האָט קיינמאָל נישט צו פיל געווער, ווען מען איז ברוגז מיט גאָט, און אויף דער גערעכטיקייט פון זיינע ברואים!... אָבער דו פארשטייסט עס נאָך נישט, אין דיינע יאָרן"...

אין די רגע האָט קיראַ זיך געשטעלט אויף די קני, אויפגעלייגט אירע ביידע הענט, ווי ביי אַ תפילה, און אַ געשריי געטאָן:

„איך פארשטיי עס!

— און וואָס פארשטייסטו, קירא קיראַלינאַ, דו יונגער שטאַם פון אַ רויז?

— איך פארשטיי, אַז די מענטשן זענען שלעכט און אַז דו שטראפסט זיי....

— בראַוואָ קיראַלינאַ!... האָט ער אַ געשריי געטאָן, קלאַ־פנדיק מיט די הענט. „צי טליעט זיך אפשר אין דיין הארץ עפּעס אַ נקמה־געפיל?...

— אַ הייליקע און גערעכטע נקמה!"...

און אַרויסרעדנדיק די דאַזיקע ווערטער, האָט זי אויפ־געהויבן דעם שווערן מושקעט, וועלכער איז געלעגן אויפן מאנטל, אים ארומגענומען און אַ געשריי געטאָן:

נישט שפּעטער, ווי היינט אין אוונט, וועסטו מיט אים אַריינשיסן אין מיין טאַטנס הארץ!... און דיין ברודער וועט אָפּטאָן די זעלבע רעכט מיט מיין עלטערן ברודער!... טוט עס, איך פאַרשווער אייך מיטן נאָמען פון אונזער מאַמע, וועלכע האָט אונז פאַרלאָזן!... זייט אייך נוקם פאַר צוויי יתומים, און איך וועל זיין אייער דינסט!... איר וועט מיך מיטנעמען מיט זיך!"...

דער פעטער האָט צוגענומען דאָס געווער פון אירע הענט, זיך אנגעכמורעט און געזאָגט:

— „קירא... גאָט האָט געטאָן אַ עוולה, וואָס ער האָט דיך באַשאַפן פאַר אַ פרוי!... שמועסנדיק וועגן נקמה, האָב איך געטראַכט וועגן די שטעקנס מיט וועלכע דו וועסט מכבד זיין די פאַרליבטע, וועלכע וואָלטן דיך געקושט קעגן דיין ווילן... אָבער דו רעדסט גאָר פון אַזעלכע זאַכן, וועלכע מיר האָבן אַליין אין זינען: דו גיסט אייל אויפן פייער"...

און נאָך אַ קורצע הפסקה:

„זאָג מיר נאָר, טייוולאָנישע טאָכטערקע, צי וועסטו דיך היינטיקן אוונט נישט איבערשרעקן, צוקוקנדיק זיך, ווי דיין טאטנס קאָפּ צופליט זיך אויף שטיקלאַך?"...

מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, רויטע ווי פייער, האָט זי געענטפערט:

„איך וועל איינגעצן מיינע הענט אין זיין בלוט און אין וועל זיך אָפּוואשן דאָס פנים!"...

דער פעטער האָט אנגעכמורעט זיינע ברעמען, און פאַרזונקען זיין בליק אין דער אנגעצונדענער שקיעה-זון, פונקט ווי ער וואָלט אנגעשפּיצט זיין אויער אויף אַ ווייטע פייפעלע פון אַ פאַסטוך, וואָס האָט זיך צויאָמערט. נאָכדעם האָט ער אנגעהויבן צו שמועסן מיט זיין ברודער אויף גריכיש, איבערהאקנדיק יעדעס וואָרט, כדי זיי מאַכן נאָך מער אומפאַרשטענדלעך.

אַרום אונז האָבן די פערד געצופּט דעם גראָז און געפּירקערט, בעת די נאַכט האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף די ביידע ט אַ ב י ע ס, וועלכע זענען געוואָרן שוואַרץ.

מיר האָבן געשוויגן. די לופט איז געוואָרן קיל, און קירא האט אָנגעהויבן ציטערן. דער פעטער האָט גענומען ביידע מאַנ־טלען און אונז איינגעהילט. און אין אַזאַ פּאָזע זענען מיר פאַר־בליבן ביז ס'איז לגמרי פינצטער געוואָרן. דעמאָלט האבן זיך ביידע מענער אויפגעהויבן. דער עלטערער האט זיך געווענדעט צו מיין שוועסטער:

„אַלזאָ, קירא קיראַלינאַ, זיסער שלאַנג, צולאָזטע מיידל; אַזוי בלייבט עס!... דיין פאַרלאַנג האָט אויפגעקאָכט מיין בלוט... מיר וועלן היינטיקן אוונט פּרווון... צוליב דעם צוועק וועסטו און דיין ברודער אונז דינען פאר אַ וועגטקע".

קירא האָט זיך אראפגעלאזט אויף אירע קני און אים אַ קוש געטאָן אין האנט. איך האָב איר נאָכגעטאָן, נעמענדיק די האַנט פון צווייטן, וועלכער האט מיך געפרעגט:

„און דו, דראַגאָמיר, דו פאַדערסט אויך נקמה?

— איך האָס מיין טאַטן און מיין ברודער", האָב איך געזאָגט.

דער עלטערער איז ארויפגעשפרונגען אויף זיין פערד און אויפגעהויבן קירען, זעצנדיק איר פאר זיך אין דער ברייט, בעת דער יינגערער האט מיך אוועקגעזעצט פון הינטן, צובינדנדיק מיך צו זיך מיט אַ רימען. פון פעלד זענען זיי ארויס טריט־באַ־טריט, אבער קוים האָבן זיי זיך געפונען אויפן וועג, האָט דער עלטערער באלד אַ דריק געטאָן מיט די שפּאָרן דעם בויך פון פערד, וועלכער איז אוועק אין אַ גאַלאָפּ. מיר זענען אים נאָכגעריטן אויף אַ שטח פון צוואנציק טריט.

מיר זענען געפלויגן ווי אָדלערס. נאָכדעם, אנקומענדיק ביי די גרענעצן פון שטאָט, האָבן זיי פארקירעוועט אויף לינקס. דורך אַ וועג, וואָס האט געפירט מיט אַ גלייכע ליניע צום דונײַ. זיי האבן זיך אַ טראָג געטאָן אין אַזאַ משונהדיקן גאַלאָפּ, אז ס'האט זיך מיר אויסגעדוכט, דאס שדים טראגן אונז. ביי דער קלארער לבנה־שיין, וואס האט געזילבערט דעם וועג, האב איך געזען ווי קירעס שעוועליור ווייעט און פלאטערט אין דער לופט, ווי צוווארפענע פלאקס.

אַ ביסל שפעטער האבן מיר אנגעהויבן אראפצולאָזן זיך

בארג אראָפּ; ס׳האט זיך באוויזן דער גלאנציקער פּאס פון טייך. די פערד האבן פארלאנגזאמט זייער לויף און, לסוף, זיך אפּגע־שטעלט אויפן ראנד פון אַ ווערבע־וועלדל. מיר זענען געווען אויף אַ ארט, וואָס ווערט אנגערופן קאַטאַגאַץ, אַ שעה גאנג צום פּארט און צו אונזער הויז. דארט האבן זיך ביידע רייטערס דערנענטערט איינער צום צווייטן און או סגעטוישט זיך מיט עט־לעכע ווערטער, וועלכע איך האב נישט פארשטאנען. נאכדעם האט דער עלטערער ארייגעשטעקט צוויי פינגער אין מויל, ארויס־געלאזט אַ הילכיקן פייף און, נאָך אַ קורצע הפסקה, ווידער צוויי מאָל קורץ אַ פייף געטאָן.

אין אַ רגע ארום, האט זיך פון וואלד באוויזן אַן אלטער טערק, מיט אַ לאנגע ווייסע באָרד; ער האט זיך דערנענטערט צו אונז, שלעפּנדיק זיינע גרויסע שטיוואלעס און, צוקומענדיק האָט ער פארלייגט די הענט אויפן ברוסט און געזאגט סאַלאַמאַלעק *).
מיינע פעטערס האבן אָפּגעענטפערט אויף טערקיש:

„גוט אוונט, איבראַיהם".

ער האָט אנגענומען די פערד פארן צוים און מיר זענען אים נאכגעגאנגען. נישט ווייט, אויפן צווייטן זייט פון וועלדל, ביים ברעג פון דוניי, איז געשטאנען דעם זקנס כאטקע, אנטער־געשוואונקט פון פארפלייצונגען. ער האט זיך באשעפטיקט מיט כאפן ראקעס און מיט פלאנצן ארבוזן. וועגן זיין דריטע באשעפ־טיקונג קענט איר זיך שוין אליין אָנשלאָגן. ער האט צוגעבונדן די פערד צווישן וואסער־ראָרן און ארײן אין זיין איינגעבויגענע כאטקע, ווו דער עלטערער פעטער איז אים נאכגעגאנגען; אביסל שפּעטער איז ער צוריק ארויס, געגומען קירען אונטערן ארעם און אוועק מיט איר, שטעלנדיק גרויסע טריט. זיין ברודער האָט דאָס זעלבע מיט מיר געטאָן. און טראגנדיק אונז, ווי צוויי קליינע קינדער, זענען די ביידע מענטשן אוועק אין דער ריכ־טונג צום פּארט, גייענדיק לענג אויס דעם טייך. זייערע פיס

---

*) סאַלאַמאַלעק: שלום־עליכם אויף טערקיש

האבן געזונקען אין בלאטע. טרוקענע צווייגן האבן זיך געבראָכן אונטער זייערע טריט.

* *
*

צוגעקומען צום בערגל, האבן מיר אנגעהויבן ארויפצושטייגן אויף אים. די שטוב איז געווען פארזונקען אין חושך, און מיר האָבן באמערקט, ווי די צובראָכענע פענצטער־ראמען זענען געווען פאר־קלאפט מיט ברעטער. אונזערע פעטערס האָבן אנגעשפיצט די אויערן; נאכדעם האָבן זיי אויפגעבראָכן די ברעטער מיט עטלע־כע קלעפּ פון די מושקעטן, און מיר זענען אריין אין שטוב. דער עלטערער האָט צו אונז געזאָגט:

„מיר גייען ארויס אין הויף און מיר וועלן זיך פארבאר־האלטן אין קעלער. דארט וועלן מיר פארבלייבן, אויב מען וועט דארפן, ביזן פרימארגן. מאכט צו דעם פענצטער, צינדט אָן עט־לעכע ליכט, עסט עפּעס און לייגט אייך אין די זאכן, אויף א די־וואן, איר פארשטייט?... אויף א דיוואן, און נישט אויסלעשן די ליכט! אויב זיי וועלן אנקומען און וועלן אייך אנהייבן צו שטעלן שאלות, זאגט זיי דעמאָלט, וואס איר ווילט. זיי וועלן אייך לאנג נישט האקן דעם מוח. אבער פאררוקט נישט די פאָרהאנגלעך פון די הויף־פענצטער! ס'איז זייער וויכטיק... און פארגעסט נישט צו בלייבן אויף דעם דיוואן.

זיי זענען פארשוואונדן געוואָרן דורכן פענצטער.

אַך! די שעהן פון דער דאָזיקער נאכט!... ווען איך זאָל אפילו לעבן טויזנט יאָר, וועל איך מיך פאַרן טויט דערמאָנען אָן די דאָזיקע שרעקלעכע רגעס...

איך האָב שרעקלעך פיינט געהאַט מיין טאַטן, דעם אכזר, און אויך דאָס צווייטע באַשעפעניש, וואָס איז געווען ענלעך צו אים. איך האָב מיט מיין גאַנצן הארץ געוווּנשן, אַז דער שווארץ יאָר זאָל זיי נעמען!... אָבער... אַז מען וויל עמיצער זאָל פאַרשוואונדן ווערן, איז דאָס א ענין פון שנאה, אבער ביי־צוזיין ביי זיין עקזעקוציע דאַרף מען האָבן... דאַרף מען האָבן וואָס?... איך ווייס אַפילו נישט וואָס!... איך האָב געוואָלט זאָגן,

אַז מען דאַרף האָבן אכזריות; אָבער קיראַ איז דאָך נישט גע־וועזן קיין אכזר, איך בין אין דעם זיכער.

נו?... ווי טרויערדיק ס'איז צו זיין אַ מענטש און פאַר־שטיין דאָס לעבן, נאָך ווייניקער פון אַ בהמה! צו וואָס איז נאָך דער רחמנות, זייט ביי זייט מיט דער שנאה?... און צו וואָס ליבט מען?... און צו וואָס טויט מען?... צו וואָס האָט מען אונז אַרייַנגעגעבן געפילן, וועלכע טוען שלעכטס יענעם און אונז אַליין?...

ווי נאָר מיר זענען פאַרבליבן אַליין און אָנגעצונדן די ליכט, האָב איך צוערשט אַרייַנגעקוקט קיראַן אין די־אויגן אַריין: זי איז געווען פאַנאַטיש אין איר מערדערישן פאַר־לאַנג. זי האָט געמאכט דערפון אַ יום־טוב. זי איז געווען באַגייסטערט. זי האָט זיך דעקאַלטירט און באַאַרבעט, פונקט ווי זי וואָלט זיך געגרייט אויפצונעמען די מוסאַפירן. זי האָט קיין איינציק רגע נישט אויפגעהערט צו זינגען. אויף איר לינ-קער באַק האָט זי געהאַט אַ בלויען פייל, גרויס ווי אַ נוס:

„גיב עס אַ שטאַרקן קוש, האָט זי צו מיר געזאָגט. היינ־טיקן אוונט וועט דער מושקעטן־פייער אים אַראָפּווישן!...

— קיראַ", האָב איך געזאָגט, קושנדיק איר וווּנד", וואָלטן מיר אפשר בעסער גערופן אונזערע פעטערס און זיך אָפּגע־טראָגן פון דאַנען?...

— ניין! „האָט זי אויסגערופן; צוערשט דאַרפן מיר באַ־שטראָפן די מערדער פון אונזער מאַמען!... נאָכדעם וועלן מיר אַוועקפאָרן.

— ס'וועט דאָך אָבער זיין אַ שרעקלעך בילד.

— ס'וועט זיין אַ שיין בילד!" האָט זי אַ געשריי געטאָן, אויפעפענענדיק אירע אָרעמס און מיך אַרומנעמענדיק.

די מינוטן האָבן זיך געצויגן פּאַמעלאַך, ווי אַ קאָשמאַר. איך האָב מיך געטרייסט מיט דער האָפנונג, אַז דער טאַטע מיטן ברודער וועלן נישט קומען היינט אין אוונט, אַז זיי וועלן שוין בכלל נישט קומען, און אַז די פעטערס וועט מיאוס ווערן

צו ווארטן און זיי וועלן זיך אפזאגן פון זייער פלאַן. אָבער דער באשלוס פון די אורזיטעלן *) איז שטארקער פון אונזער פארלאנג! — און ווער ווייסט, צי קירעס ווילן איז נישט געוועזן זייער ווילן?...

זי איז צוגעגאנגען צום שפיגל און אַ קוק געטאָן, צוגעגאנגען צו די פענצטער פון הויף און זיך צוגעהערט, געגלעט זיך די האָר, געטאנצט מיט איר שלייער, און זיך געווארפן אויף די קישנס מיט אַ משוגענעם געלעכטער. מיטאַמאָל האט זי זיך פארטראכט, זיך אויפגעהויבן, אוועק אין שכנותדיקן צימער און געקומען צוריק מיט אַ קליינעם קינזשאַל:

„דו זעסט עס?” האט זי צו מיר שטיל געזאָגט: „אויב דו וועסט ארויסגעבן די אנוועזנהייט פון אונזערע פעטערס, וועל איך עס מיר אריינזעצן אין הארצן אריין. און דו וועסט בלייבן אייבער אליין!... איך שווער עס דיר, מיט מיין מאמען!”

איך בין געווארן אַ אויפגעציטערטער. דער דאזיקער געדאנק איז מיר נישט געקומען אויפן רעיון. איך האב מיך אנגעהויבן צו בעטן ביי קירען:

„לייג עס אנידער צוריק אויפן ארט, קירא! וואָס שייך מיר, שווער איך דיר, מיט מיין מאמען, אז איך וועל גאָרנישט זאָגן...”

אבער דאָך האט זי דעם קינזשאַל פארשטעקט אין בוזעם.

זי האט קוים באוויזן אים צו פארבאהאלטן, ווי די ריגלען פון טיר האָבן געמאכט אַ גוואלדיקן יאָמער, וואס האט מיר אַ ריס געטאָן דאָס הארץ, ווי די געוואלדן פון אַ גוסס. קירא האָט זיך געטרייסלט, אירע אויגן האבן געשפריצט מיט פייער, און זי האט זיך אנידערגעווארפן אויפן דיוואן, ביי מיין רעכטער זייט, ארייַנשושקענדיק מיר אין אויער:

„מען דארף נישט קוקן צו די פענצטער פון הויף, פאר קיין פאל נישט! פאר קיין פאל נישט!...”

די טיר האט זיך אויפגעעפנט. אַ פארגליווערטער, אַ צוגע-

---

*) אורזיטעלן: די דריי פעעס, וועלכע געפינען זיך ביים געבורט.

שמידטער צום אָרט האָב איך דערזען דעם טאַטן און נאָך אים זיין בכור, מיט אַ איינגעקנייטשטן שטערן, און מיט אויפגע־דריקטע פויסטן...

ער האָט מער נישט געהאַט קיין צייט, ווי אונז אַ פרעג צו טאָן, אַנווייזנדיק אויפן אָפענעם פענצטער צום פּאָרט צו:

„ווער האָט עס צובראָכן? ווו איז אייער מאַמע?"

צוויי שאָסן האָבן כמעט גלייכצייטיק דורכגעקלאַפּט די שויבן, געמאַכט אויפציטערן די שטוב און אָנגעפילט דעם צימער מיט אַ געדיכטן רויך, וואָס האָט געשמעקט מיט געסמאַלעטע שמאַטעס און מיט פולווער. אויפגעדריקט אין קירעס אָרעמס, האָב איך, אין דער דאָזיקער שרעקלעכער רגע, מער נישט געקענט זען, ווי מיין ברודער, וואָס איז אַניז עגעפאַלן און מיין טאַטן, וואָס איז אַנטלאָפן דורכן פענצטער, צום פּאָרט צו. איך האָב צוגע־מאַכט די אויגן. איך האָב זיי אָבער תיכף צוריק אויפגעמאַכט און דערזען מיין ברודער, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד, מיט אַ צושפּאָלטענעם קאָפּ, פונקט ווי אַן אַרבוז, וואָס מען צוהאַקט אָן אַ וואַנט, און מיינע צוויי פעטערס, וואָס האָבן פיר מאָל נאָכ־געשאָסן מיין טאַטן, שטייענדיק אַריבערגעבויגן איבערן פענצטער, דורך וועלכן ער האָט זיך געראַטעוועט.

אָפּלאָזנדיק מיך, האָט קירא אַ שפרונג געטאָן אויפן מיטן צימער און אַ געשריי געטאָן:

„איר האָט אים נישט געטראָפן!... ס'האָט אים בלויז אָפּ־געריסן דעם לינקן אויער.

אָנשטאָט אַ תשובה האָבן זיי אויסגעלאָשן אַלע ליכט. דער יינגערער איז אַרויס אויפן הויף, בעת דער עלטערער האָט אונז אַריינגעשטופּט אין אַריינגאַנג. ער האָט אונז אַנידער־געזעצט אויף אַ דיוואַן, און דאָרט, אין דער פינצטערניש, האָט ער צו אונז געזאָגט:

„איך האַלדז אייך, קיראַלינאַ און דראַגאָמיר, אפשר צום לעצטן מאָל... אייער טאַטע איז דער דריטער אויף וועלכן איך שיס און טרעף נישט, און אויב איך זאָל גלויבן מיין אורזיטאַ, דאַרף איך אומקומען פון די הענט פון מיין דריטן

שונא, וועלכן מיין ביקס וועט נישט טרעפן, אין א ליכטיקער לבנה-נאכט. ס׳פארשטייט זיך, אז אך וועל נאך שיצן מיין פעל, אָבער פון גורל איז שווער צו אנטלויפן. הערט זשע מיך אויס!...

דער באַלעבאָס פון אכסניה, פון וואַנען אייער מאַמע פלעגט נעמען עסן, וועט תיכף קומען אייך נעמען. ער וועט אייך געבן צוויי צימערן און אַלץ אין וואָס איר וועט אייך נויטיקן. מאָרגן וועט ער ווידער קומען אַהער, כדי צוצונעמען אייערע זאכן. אין דעם דאָזיקן הויז וועט אייער פוס זיך שוין קיינמאָל נישט געפינען!...

— איר נעמט אונז נישט מיט מיט אייך? האָט קירא געפרעגט, מיט א ציטערדיקן קול.

„ניין, איך האָב נישט דאָס רעכט... אונזער לעבן איז האַרט, און איר זענט דערצויגן געוואָרן אין פוך...

— אָבער אויב אַזוי, וועט דאָך אונז דער טאַטע הרגענען?...

— ער וועט אייך נישט הרגענען... אגב אורחא, וועלן מיר אים אין א קורצע צייט אַרום ווידער נעמען אויפן ציל, און דעמאָלט וועט ער שוין מער נישט אַנטרינען: ער וועט שוין אומקומען אויף אַזא, אָדער אויף אַן אַנדער אופן; ווייל מיר זענען צוויי און ער איז איינער. לעבט לויט אייער געשמאַק און האַלט אייך אַזוי, פּונקט ווי איר וואָלט אונז קיינמאָל נישט געקענט. איר וועט אונז אָנזען ערשט נאָכדעם, ווי דער הויבט וועט פאַרשווונדן ווערן. אויב איר וועט וועלן וויסן פון צייט צו צייט, צי מיר לעבן נאָך, קומט צום בעל-אכסניה און זאָגט אים דעם נאָמען: קאָסמאַ. ער וועט אייך שוין זאָגן וואָס ער ווייסט. אָבער מער וועט וויסן איבראַהים, דער פישער פון ראַקעס פון קאַטאַגאַץ. און אויב איר וועט הערן שרייען אונטער אייער פענצטער: „פרישע ראַקעס!... ראַקעס!... גייט שנעל אַרויס און גייט אים נאָך ביז אונטערן שטאָט: ער וועט פון אונז האָבן עפּעס א ידיעה פאַר אייך. אויב די מאַכט וועט אייך פרעגן איבער דעם, וואָס ס׳איז פאַרגעקומען היינטיקע נאַכט, זאָגט זיי אַלץ וואָס איר האָט געזען. אָבער זאָגט זיי נישט דאָס, וואָס איר טראַכט. טראַכט, בכלל, נישט!...״

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן... ס'האָבן זיך דערהערט טריט אויפן הויף, דער פעטער האָט אונז אַרומגענומען און פאַרשוווּנדן געוואָרן. תיכף נאָך דעם זענען מיר אויך אַוועק.

די אכסניה איז געלעגן אויף אַ פופציק טריט פון אונזער הויז און האָט פאַרנומען אַ ענלעכע פּאָזיציע. אָבער סאַראַ חילוק צווישן דעם קאָמפאַרט פון אונזערע צימערן, און דער עלנדקייט פון די צימערן, וועלכע מען האָט פאַר אונז צוגעגרייט!.. מיר האָבן געוויינט מיט ביטערע טרערן.

צום גליק האָבן די צימערן געהאַט אַ מעלה, וואָס זיי זענען אַרויסגעקומען צום דונײַ און זיך קאָמוניקירט מיט אייבאַנדער.

געפינענדיק זיך פאַרן פלאָם פון דער איינציקער ליכט, פאַר די אָרעמע מעבל, פאַרן אָפּגענוצטן טעפּיך, האָט זיך קירא אַ וואָרף געטאָן, אין די זאַכן אויפן בעט, און געוויינט נאָך שטאַרקער פון מיר.

מורא האָבנדיק צו בלייבן אַליין אין מיין צימער, האָב איך, מיט אויגן פול מיט שוידער, גענומען אַ דעקע און זיך אויסגעצויגן אויפן דיוואַן פון מיין שוועסטערס צימער. צובראָכן פון דריי טעג ליידן, בין איך תיכף אנטשלאָפן געוואָרן, איבערלאָזנדיק די ליכט אָנגעצונדן, און מיין שוועסטער אין טרערן.

*   *

*

אויף צומאָרגנס פרי ווען די ערשטע זונען-שטראַלן האָבן דורכגעדרונגען און מיין צימער, בין איך געווען זייער צופרידן. אך, ווי שיין ס'האט זיך מיר דעמאָלט אויסגעוויזן דער צימער! אבער דער געדאַנק, אז איך קען נאך אנקוקן מיין טאטן, האט מיר משוגע געמאכט. איך האב אויפגעוועקט קירען, וועלכע איז געשלאָפן, און איר פארגעלייגט מיר זאָלן זיך ראטעווען. זי איז געווען אין דער זעלבער מיינונג וואָס איך. מיט רויטע אויגן, מיט א אנגעשוואָלענעם פנים, איז זי פארבליבן אין איר בעט, אין אַ פאַרשמאַכטן צושטאַנד. איך האָב געמיינט, אַז דאָס געוויסן מאַטערט איר, האָב איך איר דערפון געפרעגט:

„ניין", האט זי מיר געענטפערט; „מיך פאַרדריסט שטאַרק, וואס דער טאַטע איז אַנטרונגען... ווען ער וואָלט „אוועקגעפאָרן" אינם זעלביקן וועג וואָס זיין זון, וואָלטן מיר איצט געווען ביי זיך אין דערהיים... די ארעמקייט פון אונזער איצטיקן ווינאָרט רופט אין מיר ארויס אַן עקל..."

און זי האָט געוואָרפן אַ בליק פול מיט שנאה אויפן צי־מער. מיר זענען ארויסגעגאַנגען. אינם קילן פרימאָרגן, איז דער בעל־אכסניה געשטאַנען פאַרן טיר און געריכערט זיין נאַרגיל. ער האָט אונז באַגריסט:

„זאָגט מיר איך בעט אייך, פאַרוואָס גייט איר אַזוי פרי אוועק?" האָט ער געפרעגט אויף טערקיש, אין זייער אַ העפ־לעכן טאָן.

„אַבו־האַסאַן, מיר שרעקן זיך פאַר פּאָליציע און פאַר אונזער טאַטן", האָט קירא געענטפערט, אויף דער זעלבער שפּראַך.

— איך נעם די אחריות אויף זיך פריילן, כל זמן איר וועט בלייבן אין מיין הויז.

און, וואַרפנדיק אַ בליק אַהינטער, האָט ער גאַנץ שטיל מוסיף געווען:

„דעריבער זענט איר טאַקע דא."

איך האָב קיינמאָל נישט געוווסט ווער דער דאָזיקער מענטש איז, און וואָסערע געשעפטן ער האָט געהאַט מיט מיין מאַמעס משפחה. דאָס אָבער ווייס איך, אַז קיינער איז אונז טאַקע נישט געקומען שטערן, און דער טאַטע האָט זיך קיינ־מאָל נישט באַוויזן. היות מיר האָבן אָבער אין דעם נישט גע־גלויבט, פלעגן מיר זיך פון צייט צו צייט דערווייטערן פון אונזער הויז; און דעמאָלט האָט זיך פאַר אונז אָנגעהויבן דאָס שיינע, טרויערדיקע לעבן, וואָס האָט געדויערט אַ חודש, און איז געווען פול מיט זון און וואַנדערונגען.

ס'איז געווען אַ נייס פאַר אונז, אַ אומבאַקאַנטע תאווה, אַן אנדער לעבן. צוויי פייגעלעך, וועלכע זענען אנטרונגען גע־

וואַרן פון זייער שטייג האָבן אויסגעפּרוווט זייערע פליגלען, וואַרפנ-דיק זיך גיריק אין דער זוניקער ליכט!...

די אכסניה האט געהאַט אַן אַרויסגאַנג פון דער הינטער-שטער זייט, זייער אַ שמוציקן, אָבער זייער אַ פּראַקטישן פאַר אונז, ווייל ער האט אונז געגעבן די מעגליכקייט אוועקצוגיין און צו קומען אומבאַמערקט. ס'איז געווען אַ קליין טירל, וועלכעס האָט געפירט צו פּרימיטיווע שטיגן, און פון דאָרט האָט מען געקענט גיין צום פאַרט. אונזערע פענצטער זענען אויסגעקומען פונקט איבער די דאָזיקע שטיגן. ווען מיר, האָבן זיך שוין גע-האט צוגעוווינט צום אומגליק, פלעגן מיר מיט אַ געלעכטער זאָגן, אַז דאָס איז בעסער ווי אין שטוב: ווייל דער באַרג אונטער דער מאַמעס פענצטער האָט נישט געהאַט קיין שטיגן.

מיר פלעגן זיך אַרויסלאָזן גאַנץ פרי, נאָך פרישטיק, און צוריקקומען מיטאָג צייט. מיטאָג פלעגט מען אונז דערלאַנגען אין אונזערע צימערן. נאָכמיטאָג פלעגן מיר ווידער אוועקגיין. קיראַ האָט שטאַרק ליב געהאַט אויפצוקלייבן ווייצן-זאַנגען, מאַכן פון זיי גאַרבן און אוועקשענקען זיי די בעטלערס, וועלכע פלעגן זיך אַרומשלעפן איבער די פעלדער. אָדער מיר פלעגן אַרומ-לויפן איבער ניט באַאַרבעטע פעלדער, ווו ס פלעגן זיך פּאַשען טויזנטער שעפסן, וועלכע פלעגן, זיך כסדר באַוועגן, איבערלאָזנ-דיק אויף דער ערד זייערע מיסט און אויך וואָל. וואָס פלעגט זיך פאַרטשעפּען אָן די דערנער. אַלטע ווייבער פלעגן אַרומגיין פון דאָרן צו דאָרן און אַראָפּנעמען דעם וואָל. מיר האָבן זיי נאָכ-געטאָן און זיי נאָכדעם אוועקגעשענקט אונזער פריילאַכן רויב.

איינמאָל האָבן מיר אוועקגעשפּרייזט צו די צוויי בערגלאַך, ווו אונזער מאַמע האט אונז איבערגעלאָזט, און מיר האָבן ענט-דעקט, אַז דעמאָלט האָבן מיר פאַרגעסן דאָרט דאָס פּעקל מיט שפּייז. בלאָנקענדיקע הינט האָבן עס אויפגעריסן און אויפגעפרעסן, איבערלאָזנדיק בלויז שטיקלאַך שמאַטעס.

מיר האָבן געגאָסן טרערן. די ערינערונגען פון אונזער אומגליק האָבן זיך אונז פאַרגעשטעלט אין אַ מער טרויעריקער ליכט איצט, ווען מיר האָבן זיי שוין געהאַלטן ביים פאַרגעסן.

דער דאָזיקער קינרערישער טרויער האָט זיך אויסגעמישט מיט דער שטאַרקער שמחה, וואָס האָט געבריזט אין אונזער הארץ. דערצויגן „אין פוך״, ווי דער פעטער קאָסמאַ האָט זיך אויסגעדריקט, האָבן מיר „אָראַנזשעריי־בלומען״, געקענט בלויז די פארגעניגנס פון אונזער מאַמעס שטוב: טענץ, געזאַנגען, קאָקעטעריע און אַכילה. דאָס איז געווען זייער פיין. אָבער איצט האָבן מיר ענדעקט, אַז ס'איז דאָ אַ „דרויסן״, און אַז דער דאָזיקער „דרויסן״, וואָס איז רייך מיט ליכט, באַגאָסן מיט ווילדע ריחות, איז פיל שענער! מיר האָבן ביז דעמאָלט נישט געוווסט, וואָס הייסט עס אַזוינס — נאָכלויפן נאָך אַ זומער־פויגעלע, גלעטן אַ גרינעם שפרינגער, אָנצוכאַפן אַ געהאָרנטן בין, צוהערן זיך ווי די פויגעלעך זינגען אין זייער גרויסע מלוכה, ווי אַ אומבעמערקלעכער גריל קרייצט דורך ביים אנקום פון דער פינצטערער נאַכט זיינע געשרייען מיט דעם ווייטן פאַסטוך־פייפל, ווי די בין קריכט אַרויס הינטער זיך פון אַ בוים, מיט פיסעלעך באַדעקט פון בלומען־שטויב. און דער עיקר האָבן מיר נישט געהאַט קיין שום אַנונג פון דעם תענוג, וואָס דאָס האַרץ פילט ווען דער קערפער באַדט זיך אין די צערטלעכקייטן פון ווינטוועלכער בלאזט אויף די פריילעכע זומער־פעלדער.

באַקענענדיק זיך מיט דעם אַלעם, האָבן מיר פאַרגעסן דעם געשמאַק פון די זיסוואַרג. מיר האָבן פאַרגעסן די תאווה פון די טענץ, דעם רויך פון די נאַרגילן און דעם ריח פון די קטורת. מיר האָבן פאַרגעסן אונזער צוקאַלעטשעטע מאמע און דעם פאַרלאַנג פון נקמה. דער קאָליר פון קירעס הויט איז אין משך פון אַ קורצע צייט ברוין געוואָרן. אין קיינמאָל האָט נאָך קיין שענערע פרוי נישט ארומגעלאָפן איבער פעלדער: מיט אויגן פייכט פון ליבע, מיט צושויבערטע האר, מיט אַ קליידל אומבאַשיידן פאררימן, מיט ברוסטן תאווהדיק איבערגעגעבן צו דער געטליכער זון!...

צו יענער צייט האט זיך אין דער ארומיקער סביבה געשאפן אַ לעגענדע: מען האָט געשמועסט, אז מיין מאמעס גע-

ליבטע האָבן דערהרגעט מיין ברודער און אפגעהאקט מיין טאטנס ליבקן אויער!... מען האָט אפילו אנגערופן די נעמען פון צוויי מוסאפירן, וועלכע זענען צופעליק אין יענעם טראגישן אוונט אוועקגעפאָרן קיין סטאמבול. מיר האָבן פארשטאנען, אז דער טאטע האלט די גאנצע מעשה בסוד און האָט אפילו קיינעם נישט אנגעקלאָגט.

בארויקט פון זיין גלייכגילטיקייט בנוגע אונז, האָבן מיר זיך אַ נעם געטאָן פון דער ניי צו אונזערע באלאדן; אָבער זייער שנעל איז ביי קירען אפגעפאלן דער חשק דערצו. דאס איז געווען דערפאר, ווייל אונזערע גוטע מוסאפירן האָבן זיך אנגעהויבן צו דרייען ארום איר נייער וווינונג און זינגען איר סערענאדעס אונטער די פענצטער, וואָס זענען ארויסגעגאנגען צום פאָרט, ווו ס'זענען געווען זייער קנאפ דורכגייער. אָנגעטשעפעט אויף די טרעפ פון די שטיגן, וועלכע האָבן זיך קוים געהאלטן, איז זייער צאָל פון טאָג צו טאג געוואקסן. און ס'איז געווען זייער קאמיש זיך צוצוקוקן צו די דאָזיקע מענטשן, ווי זיי פלעגן ריטשען, סקריפען מיט זייערע אינסטרומענטן, זידלען זיך ווי גנבים אויף אַ יאריד, און צייטנווייז, זיך אפילו אראָפקויקלען פון די טרעפ, ווי אנגעפילטע זעק.

קיראַ און איך האָבן מיר געהאַט שטארק פארגעניגן זיך צוצוקוקן דורכן פענצטער צו די דאָזיקע אידיאָטן וועלכע האָבן געסקאָמלעט נאָך אַ ראַנדעוו. אַבו־האַסאַן פלעגט גיסן עמערס קאלטע וואַסער אויף זייערע קעפ. אָבער די ליבע איז שטאַרקער פאַר וואַסער און זיי פלעגן נישט אויפהערן אונז פריילעך צו מאַכן. כדי זיי ארויסצוברענגען פון די כלים האָט קירא ווי־דער גענומען זיך פוצן און צו קאקעטירען. אויף אַזאַ אופן פלעגט אויסקומען אליין ארויסצוגיין יעדן פרימארגן. איך פלעגעס טאָן מיטן גוטן ווילן, אָבער אַזוי ווייט פלעג איך שוין נישט אוועקגיין. דער דונאי פלעגט מיך צו זיך צוציהען מיט א אומגעהוירן כח. איך האָב שוין געהאט אריבער עלף יאָר און קיינמאָל האָב איך נאָך נישט געהאט דעם פאַרגעניגן צו טראגן

יך איבערן טייך אין איינער פון די באַרזשעס, ווו די שי־פערס זינגען, טרויעריק, שווימענדיק מיטן שטראם.

צו יענער צייט האָט נאָך דער פּאָרט נישט געהאט קיין ברעג און מען האָט געקענט גיין אַ צען, צוואנציק טריט, ביז די וואַסער פלעגט דערגרייכן צום ברוסט. כדי אריינצוקומען אין אַ באַרזשע פלעגט מען דארפן דורכגיין אַ הילצערן בריקל. די זעגל־שיפן זענען געשטאנען איינגעאַנקערט פון דערווייטנס, און געריבן זיך אָן די הילצערנע בריקן, געמאכט פון פלעקע־נער און ברעטער. גאנצע מחנות טרעגערס, טערקן, אַרמענער, רומענער, מיט זעק אויף די פּלייצעס, זענען געלאָפן אַהין און צוריק אויף די ב יקלאַך, וואָס האָבן זיך געבויגן אונטער דער משא.

פון דערווייטנס האָב איך אנגעהויבן צו באטראכטן דעם דאָ־זיקן עולם; נאָכדעם האָב איך מיך צונויפגעמישט מיט יינגלעך פון פיר אדער פינף גאַציעס, וועלכע האָבן געוווינט אין שטאט. איך האָב אנטייל גענומען אין זייעס שפּיל. איך האָב ליב גע־האט זיך צוצוקוקן ווי זיי באָדן זיך נאַקעטע, ווי קליינע ברוינע טייוולאנים. איך האָב מיך אַפילו געוואלט באָדן צוזאַמען מיט זיי, איך האָב אבער באקומען פּחד, זעענדיק ווי זיי שלאגן זיך אין וואַסער און ווי זיי טובלען אפּ איינער דעם צווייטנס קעפּ, פּשוט דער־שטיקט צו ווערן. איינמאָל האבן זיי מיטגעבראכט מיט זיך אַ קליינעם הברהניק אַ בלאנדן ווי איך, וועלכער האָט זיך כמעט ווי דערטרונקען און מער נישט געאטמט.

דעמאָלט האב איך זיי אוועקגעווארפן און אנגעהויבן צו באטראכטן די בארק אַגדיס, וועלכע זענען געלעגן אויסגע־צויגן אין זייערע בארזשעס, געדרעמלט אויפן זון, גערייכערט אָדער געזונגען. איינמאָל האב איך איינעם פון זיי געבעטן אויף טערקיש ער זאָל זיך מיט מיר דורכשפּאַצירן איבערן וואסער. ער האט מיר געענטפערט, אז אויב מען וויל אדורכשפּאצירן זיך דארף מען באצאָלן עטלעכע פּאַראַס. איך האָב אבער דעמאָלט נאָך נישט געוויסט, וואס ס'הייסט האבן געלט ביי זיך און באַ־צאָלן. ער האט מיך אנגעקוקט, ווי א משוגענעם און מיר דער־

קלערט, אז ער ציט זיין חיונה דערפון, וואס ער פירט מענטשן איבערן וואסער. און ריידנדיק, האָט ער מיר באטראכט פון קאָפּ ביז די פיס, געקוקט אויף מיינע ריינע בגדים, געקוקט הינטער מיר, געבלינדלט מיט אַ אויג און, לסוף, אויסגערופן:

„אך! די דאזיקע רייכע קינדער!... זיי ווייסן אפילו נישט, אז מען דארף האבן געלט צום לעבן!"

אויסדרייענדיק זיך, האָב איך באמערקט אן אלטן טערק, שיין און רייך געקליידעט, וועלכער איז געשטאנען אויף אַ קורצן שטח פון מיר, אָנגעלענט אויף זיין סענקאטן קרומען-שטעקן און אויסגעהערט אונזער גאנצן געשפרעך. ער האָט מיך צוגערופן און מיר געזאָגט:

„ביסטו אַ טערק?.. דו רעדסט זייער גוט אויף דער דאָ־זיקער שפראך.

— ניין", האָב איך געזאָגט, „איך בין אַ רומענער".

אַ לאנגע צייט איז ער געשטאנען, מיך פאנאנדערגעפרעגט, פיין, ארנטלעך: אבער איך האָב אים נישט געגעבן קיין תשובות אויף אלע זיינע פראגן. און דאָך איז ער מיר געווען סימפאַ־טיש... אך! פאר וואס האב איך נישט פאַרגעפילט דעם אומגליק?..

פאר מיר איז געשטאנען די העסלעכע בריאה, וועלכע האָט צובראָכן מיין לעבן און אויך קירעס. דאס איז געווען גַ נ א ז י ם־ ע פ ע נ ד י, אַ אייגנטימער פון זעגל־שיפן, וועלכער האט עליפערט פרויען־פלייש אין הארעם, פונקט ווי אַ סך אנדערע פון דער דאזיקער עפּאכע.

דער פאסקודניק האט זיך געהאלטן מיט מיר זייער העפליך, ערנסט, איינגעהאַלטן. געזעגנענדיק זיך מיט מיר איז ער אוועק צו זיין שיפל וואָס איז געווען, אויסגעבעט מיט דעקעס, און מיר געזאָגט מיט אַ גלייכגילטיקן טאָן:

„אויב דו וועסט אמאָל האָבן חשק דורכצושפאצירן זיך איבערן וואסער אליין, אָדער מיט דיין שוועסטער, בין איך מוכן ומזומן אייך פארצולייגן מיין שיפל".

און ער האָט זיך געווענדעט צו זיין שיפער, דעם אַראַבער, אים געגעבן אַ באפעל און אוועקגעפארן אין זיין שיפל. איך בין

געוואָרן באַגייסטערט פון דעם דאָזיקן פאָרשלאַג, און געהאַט שטאַרק חרטה, וואָס איך האָב עס תיכף נישט אויסגענוצט. איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל אים שוין מער נישט באַגעגענען.

מיט אַ בליציקער שנעלקייט בין איך אַוועקגעלאָפן צו דער אַכסניה, און דערזעענדיק קירען אין פענצטער האָב איך איר געשיקט לופט-קושן.

„ס'איז זייער נישט פיין פון דיין זייט!", האָט זי צו מיר געזאָגט. „דו גייסט אַוועק אויף דיינע פאַרווייליגען, און מיך לאָזטו דאָ אַליין זיך לאַנגווייליקן!...

— מאָרגן וועסטו הנאה האָבן פון פאָרן אין אַ ב ע י ס שיפל ווי אַ פּרינצעסן!" האָב איך אויסגערופן, אַרומנעמענדיק זי.

און איך האָב איר דערציילט אין איין אָטעם, וועגן דעם גליק, וואָס האָט מיך באַגעגנט. אָך, פאַרוואָס איז זי נישט געווען קליגער, מער בעהאַווענט פון מיר!... זי האָט געשלונגען מיינע ווערטער, און אויף אַזוי פיל פאַרלוירן דעם קאָפּ, אַז זי האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן וואַרטנדיק אויף דער שעה, ווען זי וועט פאָרן איבערן דונײַ אין דעם פּרעכטיקן זעגל-שיפל.

אויף צומאָרגנס האָט זי אַ גאַנצן פרימאָרגן פאַרבראַכט ביי איר טואַלעט און ביי מיינעם. מיטאָג-צייט זענען מיר אַוועק צום פּאָרט, דער אַראַבער מיטן שיפל האָט דאָרט געוואַרט, אָבער דער טערק איז נישט געווען. קירא האָט זיך צו אים דרייסט געווענדעט:

„צו האָסטו נאָך אַלץ דעם באַפעל, מיט אונז אַדורכצושפּאַצירן זיך?

— יאָ", האָט דער אַראַבער געענטפערט, אויפשטעלנדיק זיך. זי איז אַרויף אויפן בריקל און אַריינגעטאַנצט אין שיפל, ווי אַ הירש ן. ווען איך בין איר נאָכגעגאַנגען האָב איך פון הינטען דערהערט ווערטער, וועלכע זענען מיר אַרויף אויפן רעיון ערשט שפּעטער אין מיין אומגליק:

„סאַ פיינער יאַנד-פאַנגן!"

איך האָב איבערגעגעבן די דאָזיקע ווערטער קירען און האָב איר געפרעגט דעם באַדייטונג:

„זיי זענען אידיאָטן, האָט זי געזאָגט.

אַ שוואַכער ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן, און מיר האָבן צום ערשטן מאָל דערזען דעם תענוג פון אזא מין שפּאַציר. דער זעגל איז קוים געווען אָנגעבלאָזן. דער ברעג האָט זיך דערווייטערט, און מיטאמאָל האָבן מיר אָנגעהויבן צו שפּרינגען אויף די קליינע כוואַליעס פון אָפענעם טייך. קירא האָט זיך איבער־געשראָקן און געשריגן:

„פאָר נישט אין מיטן טייך!... צוריק אין פּאָרט אַריין!"

דער אראַבער האָט אַ דריי געטאָן דעם רודער, און מיר האָבן זיך דערנענטערט צום ברעג. אונזער הויז האָט דערשיינט אויפן ראַנד פון דער פּלאַכלאַנד, איינגעהילט אין אומעט; און אַ ביסל ווייטער איז געשטאַנען די אַכסניה, מיט אויפגעעפנטע פענצטער פון אונזער צימער. מיר זענען פאַרבייגעפאָרן די מחנות אַרבע־טער, די אומצאָליקע שיפלעך און די בריקלעך. מיר זענען שוין כמעט געווען אויף דעם צווייטן עק, ווי מיטאמאָל האָט זיך די שלופּקע דערנענטערט צו אַ איינזאַמען בריקל און זיך אָפּגע־שטעלט. ביים אַרויסגאַנג האָט אונז אָפּגעוואַרט דער טערק. ער איז צוגעקומען צו קירען, איר העפליך באַגריסט, און איר גע־האָלפן אַרויסשטייגן אויפן ברעג. איר איז עס שטאַרק געפעלן געוואָרן. דער מאַן האָט געהאַט גראַציעזע באַוועגונגען, עלעגאַנטע מאַנירן, וועלכע מיר האָבן קיינמאָל נישט אָנגעזען ביי אונזערע אומגעלומפּערטע מוסאַפירן.

אָך, דאָס אָרעמע מענטשלעכע האַרץ, וואָס גיט זיך איבער דעם תענוג פון לעבן!... ווי בלינד מיר זענען!... צוליב וואָסער שיכּרות האָבן מיר נישט באַמערקט די שנעלע און פאַרדעכטיקע אַנוועזנהייט פון טערק ווען מיר זענען אָנגעקומען, און זיין גע־שיקטע אָפּוועזנהייט ביי אונזער אַרויספאָר?

ער איז אָבער געווען נאָך געשיקטער און דעריבער האָט ער געוווּנען קירעס צוטרוי. צוליב זיין רייכקייט, זיין איינגע־האַלטנקייט און זיין ווייסע באָרד, איז קירעס נאַרישקייט אוועק

אזוי ווייט, אז זי האָט געבעטן אַ דערלויבעניש צו באזוכן זיין זעגל-שיף. דאָס האָט ער טאַקע געוואָלט. אבער דער מאן איז געווען זיכער מיט זיין קרבן, און ער האָט איר אפּגעענטפערט אין זייער אַ קאַלטן טערקיש:

„נישט תיכף ומיד, רייצנדע פריילן. מיין שיפל איז אויפן צווייטן זייט טייך, ווו מען דארף עס אנלאדן; און היות איר זייט נישט צוגעוווינט צו וואסער-ווירבלען, קענט איר נאך קראנק ווערן. אבער גאר גיך וועל איך באפרידיקן אייער נייגעריקייט... און דערווייל בין איך גליקלעך צו האלטן מיין שלופּקע צו אייער דינסט, און ס'וועט זיין פאר מיר אַ כבוד, ווען איר וועט זיך מיטן שיפל באנוצן.

ביי די דאָזיקע ווערטער האט ער אונז באגריסט מיט אַ ברייטן סאַלאַמאַלעק, וואָס האָט געמאַכט כוואַליען זיינע זיידענע בגדים. צוגעלעגט זיינע הענט צום שטערן, צו די ליפּן, צום ברוסט, איז ער ארייננגעשטיגן אין שיפל.

* *

*

דער דאָזיקער נייער פארגעניגן האָט אונז ארויסגעשלאָגן פון קאָפּ דער מאמען, דעם טאטן, די פעטערס, די מוסאַפירן און אַפילו גאָט אליין. מיטן גוף און נשמה האָבן מיר זיך אי-בערגעגעבן אין די נעגל פון אונזער אַדל-מאַן. דריי טעג כסדר האָבן מיר שפּאצירט איבערן דונײַ, און יעדעס מאָל האָבן מיר געוואַגט צו פאָרן אלץ ווייטער און ווייטער; נאָכדעם האט זיך די שיפל איינמאָל אזוי דערווייטערט, אז אומבאמערקט האָבן מיר זיך געפונען אויפן וואסער פון צווייטן ברעג. ענדליך איז אונזער נייגעריקייט געוואָרן באפרידיקט, מיר האָבן זיך געפונען אויפן זעגל-שיף. ס'איז געווען אַ גרויסע נייע שיף. דער ריח פון סמאָ-לע האָט אונז אַ שלאָג געטאָן אין נאָז. און פון אלע דערקלע-רונגען, וואס דער אראבער האָט אונז געגעבן וועגן די זעגלען

די מאטשטן, און דעם גאנצן וואלד שטריק, האָבן מיר גאַרנישט פארשטאנען.

נאַזים־עפענדי האָט אונז אויפגענומען אין אַ טערקישן קאפטאַן, אין פאנטאָפל, אין אַ פרעכטיקן קאַיוטע־סאלאָן, וועלכער האָט זיך געפונען ביים פאָק־זעגל. קיינמאָל האָבן נאָך אונזערע אויגן נישט אָנגעזען אַזאַ עשירות אין אריענט־טעפּיכער, אין מעשווארג, אין קישנס, געהאָפּטענע מיט גאָלדענע פעדים, און מיניאַטור־רענע האלץ שטאכטן. אַ גאַנצער ארסענאַל מיט וואָפן: מושקעטן, טערקישע שווערדן, יאַטאַגאַנען, אלץ אינקרוסטירט מיט גאָלד, מיט זילבער און מיט העלפאנט־ביין. פארשיידענע אומבעקאנטע שמעקעדיקע ריחות האבן אונז אנגענעם געקיצלט אין די נאָזלעכער. אויף די ווענט, באַדעקטע מיט טעפּיכער, איז אויף אַ חשובן אָרט געהאָנגען דער פּאָרטרעט פון סולטאַן אבדול־מעדזשיד און דער סימבאָל פון טערקיי, אין ראמען, מיט פערזן פון קאָראַן, אין אַ שיינעם אַראַבישן שריפט. דארט זענען אויך געהאנגען פּאָטרעטן פון אָדאַליסקן פון אַ אויסערגעוויינלעכער שיינקייט, וועלכע האָבן צוגעצויגן קירעס בליקן. זי האָט אויסגערופן:

„ווי שיין זיי זענען!

— איר זייט אויך שיין, פריילין!" האָט דער טערק איר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט.

מען האט אונז דערלאנגט טערקישע באַקלאַוואַס *); קאַווע אין פרעכטיקע, באַצירטע פעלידזשאַנעס, וווּנדער־שיינע נאַרגילן מיט שמעקעדיקן טומבאַק.

אונזער טערק איז געווען זייער העפליך, פריילעך און גוט. אויף אַ גאַנץ דיסקרעטן אופן, האָט ער קירען אַ פרעג געטאָן וועגן אונזערע עלטערן; און זי, נישט, ארויסזאגנדיק אים אַלץ, האָט זי אים דאָך אויסגעזאָגט צו פיל: זי האָט זיך אים געאיילט צו וויסן געבן, אז זי האָט ליב צו טאנצן. נאַזימ־עפענדי, צו־

*) באקלאווא: טערקישע צוקער־געבעקס.

פרידן פון דעם דאָזיקן טאָג, האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אָפּגע־
זעגנט מיט אונז און געזאָגט:

„נו, גוט איר וועט דאָ טאנצן, ען ס'וועט אייך געפעלן!"

און מען האָט אונז צוריק אָפּגעפירט אויפן רומענישן
ברעג.

איך בין געווען שטארק צופרידן מיט מיין ענטדעקונג;
איך האָב אין קיין שום זאַך נישט געספּקט... קירא איז געווען
נאָך מער צופרידן און נאָך ווייניקער פון מיר געצווייפלט.
מיר האָבן פאַרוואָרפן אונזערע פריערדיקע רגילות און זיך אָפּ־
געזאָגט פון אונזערע באַליבטע זאכן. אונזער לעבן איז לגמרי
פארשלונגען געוואָרן, דורך דער דאָזיקער פאטאַלער זעגל־שיף.
יעדער טאָג פלעגן מיר פארן אויפן דונײַ און אין אונזערע
צימערס פלעגן מיר קומען בלויז עסן און שלאָפן. נאָך מער!
קירא האָט איצט איינגעפונען, אַז איר טואַלעט איז נישט גענוג רייך, אַז אונזערע צימערן זענען אונערטרעגליך. זי האָט
געוואָלט אַז קאָסמאַ זאָל וואָס שנעלער פטרן אונזער טאַטן, כדי
זי זאָל ווידער קענען זיך באַזעצן אין אונזער הויז, ווערן
אַ עלעגאַנטע דאַמע, און אויפנעמען, נישט נאָר מוסאַפירן, נאר
אויך באַזים־עפענדיס! אומגליקלעכע!

אַ גאַנצע וואָך האָבן מיר כסדר באַזוכט דעם טערקס קאַ־
יוטע געטאַנצט און געהולעט. מיר האָבן זיך געפילט היימיש.
קירא האָט געשווווירן, אַז אָט דער איז „אַ אמתער טאַטע!" ער
האָט אַרויסגעשלעפּט פון זיינע קופערס פרעכטיקע טואַלעטן פון
אָדאַליסקעס און האָט זיי אויסגעשפּרייט פאַר אונזערע שטוינענ־
דיקע אויגן. איינמאָל האָט ער איר דערלויבט אנצוטאָן די דאָ־
זיקע בגדים. זי האט אויסגעזען ווי אַן אמתע אָדאַליסקע, ווי
אַ אָדאַליסקע אויף די פּאָרטרעטן. כדי איך זאָל נישט זיין איי־
פערזיכטיק, האָט ער זיך פאַרנומען מיט מיר אויך. ער האָט
מיך באַקליידט מיט אַ רויטע פעסקע, מיט ברייטע הויזן און
אריינגערוקט אַ פּיסטאָלעט אין מיין געהאַפטענעם גארטל. אזוי

אויסגעפוצט האָבן מיר שוין געהאַלטן דערביי, אַז מיר זאלן אים בעטן אויפצוהויבן דעם אנקער און אנציען דעם זעגל.

ער האט עס טאקע געטאן; אָבער נישט אין דעם אוונט. כדי מער חוזק צו מאכן פון אונז, האָט ער אונז אויסגעטאָן די זאַכן און אין דעם אוונט אונז אפגעשיקט אַהיים מיט אַ מויל פול מיט שפייעכץ.

אויף צומאָרגן פרי — אונזער לעצטער טאג אויפן רומענישן באדן — האָט קירא געוויינט פון כעס; דער טאַטע האט נאך אלץ געלעבט, און דער פעטער קאָסמאַ האט אים נישט צורעכט געמאכט! אבער אויב ער האָט פארזוימט אפצוטאן די דאָזיקע נוצלעכע ארבעט איז פונדעסטוועגן דאָך געווען איינער, אויף וועמען זי האָט געצילט?

באַגינען, האבן מיר דערהערט אונטער אונזערע פענצטער אַ הייזעריקע שטימע:

„פרישע ראַקעס!... ראַקעס!"

ענדלעך! אפשר שוין אַמאָל גוטע נייס?

דער פישער פון די ראַקעס איז געקומען צו דער צייט. מיר זענען שנעל אַראָפּגעלאָפן צו אים. געבויגן אונטער דער משא פון זיינע יאָרן, און בלי ספק אויך אונטער דער משא פון זיינע חטאים, האט דער אלטער איבראַהים זיך געדרייט אונטער אונזערע פענצטער ווארפנדיק גנבישע בליקן אויף אַלע זייטן. מיר זענען נאָך אים נאָכגעגאַנגען צו קאַטאַגאַץ; און דארט, ווייט פון פארט, האָט ער אונז אַריינגערוימט אַ סוד אין אויער.

„ווײ צו אייך!...

קאָסמאַן האָט דערשאסן אַ מענטש, וועלכן אייער טאַטע האט געדונגען. זיין ברודער איז פארוואונדעט, אָבער ער האט באוויזן צו אַנטלויפן אויף זיין פערד!"

אַך, וויפל טרערן מיר האבן פארגאסן! אונזער באַשיצער איז דערהרגעט געווארן. די אוריזיטע האט געהאלטן ווארט! וואָס וועט פון אונז איצט ווערן? דער טאַטע וועלכער שרעקט זיך שוין איצט פאר גארנישט, וועט זיכער קומען אונז אפנעמען.

מיר האבן איבערגעלעבט טויט־שרעק. שוין בעסער אין דוניי אריין, איידער צוריק צו גיין אין דער אכסניה. אבער אויפן ברעג האט אויף אונז געווארט די שלופקע; און אויפן זעגל־שיף האבן מיר זיך ארייגעווארפן אין די ארעמס פון נאזים־עפענדי, פונקט ווי מיר וואלטן געווען זיינע קינדער.

קירא, מיט אַ פּנים צעווייקט פון טרערן, האט דערציילט דעם דאזיקן טאטן דעם גאנצן אמת, פון אנהויב ביזן אומגליק־ליכן סוף, און אין גרויס פארצווייפלונג, האָט זי אויסגערופן:

„מיר וועלן זיך בעסער ארייננווארפן אין וואסער איידער גיין אַ היים!“

— אָבער ס׳לוינט זיך נישט נעמען צום הארצן! מיינע קינ־דער“, האָט געזאָגט דער רויבער, „איר זייט פון אייער זיידנס צד פון טערקישער אָפּשטאמונג. אַלזאָ, פיר איך אייך אוועק קיין סטאַמבול, ווו איר וועט זיכער באגעגענען אייער מאמען, וועלכע היילט זיך מסתמא דעם פארוואונדעטן אויג. מיר וועלן איר אויס־זוכן און איר וועט זיין גליקלעך!“

און ער האָט אונז געהאלדזט.

„יען פארט איר אָפּ?“ האָט קיראַ אויסגערופן.

„אין עטלעכע שעה ארום, ווי נאָר די זון וועט פארגיין“.

גליקלעך און געטרייסט דורך זיינע ווערטער, האָבן מיר זיך געווארפן צו זיינע פיס, און ארומגענומען זיינע קני. ער איז געווען אונזער רעטער!

און אין איין אוונט, אין העלישן טומל, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן פון בריק, זענען מיר געזעסן איינגעקוועטשט אין דער קאיוטע, און געריכערט טשיבוקעס מיט אָפּיום, אין נעפל פון אומבאוווסטזיין און גליק. די קאיוטע האָט אונז אנגעהויבן צו וויגן אויף אַזאַ אופן, אז ס׳האָט זיך אונז אויסגעדוכט, דאָס מיר פליען אויפן הימל.

מיר זענען געפאָרן נישט אויפן הימל און נישט קיין סטאַמ־בול, צו אונזער מאמען. אָבער מיר זענען געווען זייער צופרידן, ממש ענטציקט פון אונזער גליק.

אָן אַנדער מאָל וועל איך אייך דערציילן די אָדיסעע פֿון מיינע פּאַסירונגען, ביים אויפֿזוכן מיין שוועסטער, וועלכע איז פֿאַרשלאָסן געוואָרן אין אַ האַרעם, תּיכּף נאָך איר אָנקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. איך האָב מיך צוגעוווינט צו די תּענוגים פֿון אונזער וואָלטעטיקן זקן און בין געוואָרן פֿאַרדאָרבן אויף שטענדיק. און קיראַ איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אויף אייביק, הגם נאָך צוויי יאָר בין איך אַנטלאָפֿן געוואָרן פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט און האָב איר געזוכט צוועלף יאָר כּסדר, פֿאַרקויפֿנדיק סאַלעפּ.

אין פֿערצן יאָר אַרום, נאָך מיין צוריקקער קיין רומעניען, האָב איך מיך דערוווּסט, אַז תּיכּף נאָך אונזער אַנטלויפֿן, האָט דער פּעטער, וועלכער איז ניצל געוואָרן פֿון טויט, זיך נוקם געווען אָן מיין טאַטן, אַנצינדנדיק מיינ טאַטנס און מיין מאַמעס הויז. דאָסמאָל האָט ער נישט געהאַט קיין דורכפֿאַל, ווייל דער טאַטע איז פֿאַרברענט געוואָרן.

III

דראַגאָמיר

פיר יאָר זענען אוועק פון דער צייט, זינט אַדריאַן האט געהערט פון סטאַוראָס מויל די געשיכטע וועגן קירען. נישט געקוקט אויף זיינע זוכעבישן, און אויף זיינע אנשטרענגונגען צו באגעגענען דעם אומגליקלעכן לימאנאדניק, כדי אים ארויסצווייזן זיין ליבע און פריינדשאפט, האט ער אים דאך נישט אויפגעזוכט. ער איז געווען זיכער, אז סטאַוראָ איז טויט. און דאס שטארק־באוועגלעכע לעבן פון אונזער ליידנשאפטלעכן יונגן מאן איז געגאנגען אנטקעגן זיין גורל.

אבער דער דאזיקער גורל איז אים אויך אנטקעגן געקומען לכל הפחות דערין, וואָס ס׳האט אים שטארקער פאר אלץ אינטערסירט: אין דער נויטווענדיקייט כסדר אריינצוקוקן אין תהום פון דער מענטשלעכער נשמה. און הגם די דאזיקע תהומות זענען זעלטן, און ס׳איז זיי זייער שווער אויפצוזוכן אין דער וואלד־געדיכטעניש, פון דער נאָמענלאזער מאסע, פון דעסטוועגן האט אַדריאַן געוווּסט וויאזוי זיי אויסצוגעפינען; און צייטנווייז פלעגט ער זיי צופעליק באגעגענען.

איינמאל אין אַ אוונט, ווען ס׳איז אים געווען שטערבלעך אומעטיק אויפן הארצן, האט ער זיך געשלעפט מיט שווערע טריט אויף דער גאַס דאַרב־על־באַר־בּרא, אין קאַיר, ווו ער האָט זיך שוין געפונען זינט אַ גאנצן חודש; ער איז אריין אין אַ יידיש־רומעניש קאַפע־רעסטאָראַן, — אַ קאָסמאָפּאליטישער ארט, יועלכן ס׳באזוכן פארשוינען פון אלערליי אייגנשאפטן און מאָראל.

צווישן די קליענטן פון מ. גאָלדשטיין איז נישט געווען קיין שום גייסטיקע קרובהשאַפט: זיי האָבן נישט געגלייבט איי־

נער דעם צווייטן; זייער אָפט האָבן זיי זיך געהאסט, אויב ס׳האט זיי יאָ עפּעס פאראייניקט, איז דאס געווען די יידישע געפילטע העכט און די רומענישע ט צ ו י ק אַ *) ווען אַדריאַן האט געקענט באַצאָלן, פלעגט ער זיך נוהג זיין פּונקט ווי זיי, און אין דעם דאָזיקן אוונט האט ער גראָד געהאט געלט צו באַצאָלן. ער האָט אָבער געפילט אַנ׳עקל צו דער דאָזיקער חברה, כדי אויסצומיידן אַ נישט נייטיקן שמועס, איז ער מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ פארבייגעגאנגען דעם זאַל און נישט, באַגריסנדיק קיינעם, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אין אַ ווייטן ווינקל, ווו ס׳פלעגן זיך צונויפזאמלען דער סאמע פארשטויסענער ארבעטער עולם, און ווו די טישן זענען געווען אָן טישטוכער. פון דאָרט האָט ער זיך צוגעהערט און אָבסערווירט די געסט.

„סאָרא ענליכקייט צווישן דעם דאָזיקן מענטש און סטאַווראָן!” האָט ער אין זיך געטראַכט, עסנדיק דעם געפילטן העכט מיט די הענט און וואַרפנדיק באַהאַלטענע בליקן אויף אַ טיפּ, וועלכער איז געזעסן אין פּראָפיל אין קעגנאיבערדיקן ווינקל. זייער שלעכט געקליידעט, מיט אַ באָרד פון אַ מאָנאַך, איז דער מענטש געזעסן אומבאַוועגליך, מיט דער גאָמבע אָנגעלענט אויף דער דלאָניע, און געקוקט מיט ביטול אויפן ארויסגאַנג. פאר אים איז געשטאַנען אַ גלאָז מיט ט צ ו י ק אַ. זיין אויסערלעכער אויסזען האָט געהאַט אַלע אייגנשאַפטן, וואָס שטויסן אָפּ פון זיך. און הגם ס׳האָט זיך אים שטאַרק נישט געגלויבט, אַז דאָ אין עגיפּטן עקזיסטירט אויך אַ סטאַווראָ, דאָך האָט אַדריאַנס האַרץ גענומען קלאַפּן שטאַרקער, צוקוקנדיק זיך צו דעם איינזאַמען, שווייגעוודיקן זקן. ער האָט אים געוואָלט אַריינקוקן אין פּנים אַריין. אָבער דער מאַן האָט זיך נישט גערירט: ער איז געזעסן, ווי אַ פאַרגליווערטער. דעמאָלט האָט ער זיך באַנוצט מיטן אָריענטאַלישן מנהג, וואָס דערלויבט אַ אומבאַקאַנטן צו הייסן דערלאַנגען דעם צווייטן אומבאַקאַנטן פון זעלבן שטאַנד, עפּעס אַ מאכל. ער מעג עס טאָן פּשוט אויס סימפּאַטיע צום אומבאַקאַנטן. אַדריאַן האָט צו

---

*) טצויקאַ: אַ מין פלוימען־בראָנפן

גערופן דעם קעלנער און אין זיין נאָמען, געהייסן דערלאַנגען אַ טצויקאַ, פאַר דעם מאַן וואָס זיצט אין ווינקל. אַזאַ מין טאַט האָט געדאַרפט אַרויסרופן פון צד שכנגד אַ אויסגוס פון דאַנקבאַרקייט. אָנשטאָט דעם, האָט ער, צו זיין שטוינונג, באַמערקט, ווי דער אומבאַקאַנטער זאָגט זיך אָפּ פון כוס, וועלכן ער האָט נישט באַשטעלט.

„דאָס איז פון דעם הער״ האָט געזאָגט דער קעלנער, אָנווייזנדיק אויף מיר.

„ס'איז מיר אַלץ איינס״ האָט געענטפערט דער מאַן, נישט אַ קוק טוענדיק אפילו אין דער זייט, וואָס מען האָט אים אָנגעוויזן.

אבער זיין קלינגעדיקע שטימע איז געווען גענוג פאַר אדריאַנען, כדי צו דערקענען סטאַווראָן. שטאַרק גערירט, איז ער צו אים צוגעלאָפן, אים אַ ריר געטאָן פאַרן אַקסל און זעצנדיק זיך לעבן אים, האָט ער מיט אַ אָפּגעהאַקט קול, אים אריינגעהויכט אין אויער אַריין:

„צי איז דאָס מעגלעך? צי ביסטו עס? דאָ?

— דו האָסט עס נישט געוווּסט? האָט, פון זיין זייט געפרעגט סטאַווראָ, אָן שום פאַרוואונדערונג.

„וואָס?״ וואָס, האָט אַדריאַן מיט כעס אויסגערופן. „דו האָסט געזען, ווי איך בין אריינגעקומען און האָסט זיך מיר נישט געוואָרפן אויפן האַלדז? און זאָגסט דיך אפילו אָפּ פון אַ סימפּאַטיע־גלאָז, וואָס איך האָב דיר צוגעשיקט. צי ביסטו געוואָרן אַזוי נידערטרעכטיק פאַר די לעצטע פּאָר יאָר?

— יאָ, מען ווערט אַזעלכער. ביי דער שקיעה פון אַזאַ לעבן ווי מיינער: סימפּאַטיעס האָבן דאָ שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

— צי בין איך דען נישט פאַר דיר עפּעס מער ווי סימפּאַטיע?

— איך רעד וועגן די סימפּאַטיע־גלעזער, אדער פון דער סימפּאַטיע, וואָס גייט אריין אין אַ גלאָז. בנוגע דיר...

— וואָס, בנוגע מיר?

— ... צוערשט קומט דער עיקרדיקער פאַקט, וואָס דו

גייסט בארג ארויף און איך בארג אַראָפּ, און צווישן אונז איז דער שפּיץ. און נאָכדעם"...

סטאַווראָ האָט, מיט פּאָרזיכט, אַ קוק געטאָן ארום זיך און אנטשוויגן געווארן.

„צי ביסטו נישט הונגעריק סטאַווראָ?" האָט אדריאַן אַ פרעג געטאָן.

„יאָ איך בין הונגעריק.

ווילסטו אפשר עסן געפילטן פיש? די פיש איז דא פּרימאַ.

עכט, זשאבע אדער עלפאַנט, דארלאַנג תיכף וואס דו קענסט... אבער עפּעס אזוינס, וואָס איז סימפּאַטישער פון אַ גלאָז טצויקאַ, פאר וואָס איך וואָלט געווען ביכולת אליין צו באצאָלן", האָט סטאַווראָ געענטפערט. און מיט אַ אויסגעמאטערטן אויסזען האָט ער דורכגעפירט זיין האַנט איבער זיין אויסגעמאטערטן צוצוי־גנענעם פּנים.

* *
*

אין אַ שעה ארום זענען זיי ביידע געזעסן ביי אַ גלאָז וויין אין אַדריאַנס קליינעם צימער, וועלכער איז געווען באלויכטן פון אַ נפּאַט-לעמפּל. סטאַווראָ, דערוואַרימט דורך דער אויפריכטיקייט פון יונגן פריינט, האָט געברענט די לעצטע טראָפּנס אייל פונם הייליקן לעמפּל, וועלכע האלטן אונטער די נשמה פון די באגיי־סטערטע.

„איצט, אַז איך האב דיך שוין אינפארמירט וועגן מיין לעצטער קאמישער מעטאַמאָרפאָזע פון אַ ליולקע-פאבריקאנט וואָס כּגרט פון הונגער" וויס איך, מיין טייערער אַדריאַן, אז בלויז צוליב מיין אימעט פאַדערסטו נישט פון מיר, איך זאָל פארענ־דיקן די מעשה מיט קירען, אדער, בעסער גערעדט, די געשיטע פונם אַמאָליקן קליינעם דראַגאָמיר. און צוליב דיר וועל איך זיך אריבערטראָגן אין יענער ווייטער עפּאָכע. אבער ווייס, אז ס'קאָסט געזונט, ווען מען גראָבט זיך אין די וואַליזעס פון די אמאָליקע רייזעס.

ווען איך האב מיך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געראַטעוועט פון

נאזים־עפּענדיס שיף, האָב איך געהאַט אַ יאָר פוכצן... איך בין געווען שיין, איך בין געווען נאַריש, איך בין געווען אויס־געפּוצט, ווי אַ טערקישער פּרינץ. מיינע קליידער אליין האָבן געהאַט דעם ווערט פון אַ גוטן אַראַבישן פערד: מיי פאַרפירערן האָט מיך אין דעם פאַרזיכערט... און מיין זייגער, וואָס איז באַ, שטעלט געוואָרן ספּעציעל פאַר מיר ביים סולטאַנס זייגערמאַכער־די רינגען מיט וועלכע ס׳זענען געווען באַלאָדן מיינע פינגער, מיין פּעסקע, אויסגעשטיקט מיט גאָלדערנע פעדים, און, ענדלעך, די שווערע הויפּנס מיט טערקישע פונטן פון וועלכע כ׳האָבן זיך מיר די הויזן אראָפּגעצויגן,—מיט דעם אלעם האָב איך געקענט לעבן צען יאָר, נישט אריינטועענדיק קיין פינגער אין קאַלט וואַסער.

אבער מיט געלט אליין קען מען נישט לעבן. איך האָב געטראָגן אַ שווערן ווייטיק אין מיין נשמה, א נאַיוויטעט אין מיין האַרצן: צוויי פלאָגן, וואָס ווערן שפּעטער פאַרוואַנדלט אין סענטימענטאליטעט. מיין גאַנצער ווייטיק האָט זיך אויסגעדריקט אין מיין ביינקשאַפט נאָך קירען און נאָך מיין מאַמען—צוויי פאַרלוירענע וועזנס, וועלכע זענען מיר געווען נייטיק ווי דאָס לעבן. מיין נאַיוויטעט האָט זיך אויסגעדריקט אינם נאַרישן גלויבן, אז ווי נאָר איך וועל באַפרייט ווערן וועלן אלע מענטשן מיר העלפן זיי אויפצוזוכן; און כדיי זיי אויפצוזוכן בין איך געווען גרייט אויף אַלע קרבנות. אומבאַוווסטזיניק בין איך געווען גרייט מקריב צו זיין מיין גוף וועלכער איז איצט פאַרדאָרבן, וועלכער איז איצט צוגעוווינט צו אַ נייעם ארט לעבן; ווייל ס׳איז זייער לייכט זיך צוגעוווינען צו אלץ אין לעבן, און לייכטער פון אלץ צו שלעכטע מידות. ווען איך בין געווען געפאנגען האָב איך נישט איינמאָל געטראַכט: „אָך, ווען קירא און די מאַמע וואָלטן דאָ געווען, וואלט איך קיין אנדער זאך זיך נישט געווינשן, ווי נאר דאָ צו פאַרבלייבן!”

איך האָב מיך געפילט גליקלעך, ווען איך האָב דערזען, אז על־פּי נס בין איך ניצול געוואָרן פון דער גאָלדענער תפיסה. און זאָל מיר גאָט מוחל זיין! איך האב אויף אַ רגע פאַרגעסן אָן קירען און אָן מיין מוטער! איך האָב מיך מער נישט גע־

שראָקן פאר מיין מנוול. זיין זעגל-שיף האָט זיך אראפגענומען פון אנקער, פונקט אין דער צייט, ווען איך האָב, אַדאַנק זיין אומפאָרזיכטיקייט, אראָפגעשטעלט מיין פוס אויף דער ערד, און לאנג, לאנג ביזן העלן טאָג האב איך אויף אים אויסגערופן אלע תוכחות, ארומלויפנדיק לענגאויס דעם באָספאָר און ווארפנדיק אויף אים ט י פ ל אַ ס: *) „גיי! גיי צו אלדע רוחות! פארפומירטע נבלה! זאל גאָט אויפהייבן אַ שטורעם ווינט ארום דיין פארשאָלטן שיפל, ווען דו וועסט דיך געפינען אונטערן הימל פון שווארצן ים! זאָלן זיך די פיש אנזעטיקן מיט דיין געשוואָלענעם פגר! אמן!"

ווי נאָר דער קאָשמאר פון זעגל-שיף איז פארשוואונדן געווארן, האָט מיך באהערשט א מין פארשיכורטע פרייד, און איך האָב אנגעהויבן צו לויפן אהין און אהער איבער די שמוציקע גאסן פון גאַלאַטא, אנטרעטנדיק אויף די עקן פון די אומצייל־בארע פארשיווע הינט. איך האָב געפירט געהיימע אונטערהאנדלונגען מיט די סאלעפ פארקויפערס, אומוורפנדיק בלינדע פילגרימען און איבערקערנדיק נארגילן אויף ד טראָטוארן. דאָס איז געווען דערפאר, ווייל איך האָב באקומען נייע אויגן און אַ אומערווארטעטע פרייהייט. די דורכגייער האָבן מיך אנגענומען פאר אַ משוגענעם. א גישאַאוש האט מיך אפגעשטעלט, האָט מיך העפליך באגריסט, און נישט אנרירנדיק מיך, האָט ער צו מיר געזאָגט איידל, אַז איך האָב מיך שיער נישט פאַרנדערגלאַכט:

„דערלויבט מיר אייך צו זאָגן, זון פון א בעי, אַז איר טוט אָן חרפות אייער טאַטן מיט אייער אויפפירונג. ווי איז אייער באַרימטער נאָמען? ווו איז אייער מושל?

— וואָס זאָל עס באדייטן „באַרימטער" און „מושל"? האָב איך אים געפרעגט ארויפציענדיק מיינע הויזן, וועלכע האבן זיך מיר אראפגעלאזט איבער די קני.

*) טופלא: אזא זשעסט מיטן האנט, וואס איז באקאנט אויפן אריענט, א באליידיקונג־זשעסט וועלכער דריקט זיך א יס אין ווארפן אין עמיצנס פנים א האנט מיט צעשפרייטע פינגער

און נישט ריידנדיק מער, האָב איך מיך אומגעקערט מיטן פּלייצע צו אים. איינער אַ מענטש איז געריטן אויף אַ פערד און דער אייגנטימער האָט זיך אַנגעטשעפּעט אָן ווידל פון פערד און אַזוי אַרום אים נאכגעלאפן. דאָס איז מיר שטארק געפעלן געווארן, און איך האָב אים נאכגעטאן, ביז ס'האט מיך גאר כאפּט דאָס אָטעם.

דער ערשטער טאג פון פרייהייט איז געווען דער איינציקער פון יענער צייט, ווען מיין שמחה איז געווען אַ פולשטענדיקע, אן שום דאגה און אָן שום חרפּה. איך האָב געוואלט אפטאן טויזנטער זאכן אויף איין מאל: דורכגיין אַלע בריקן, גיין צום ג אָ ל ד ע נ ע ם ה אָ ר ן, אריינקוקן אין שאנדהייזער, ווו ס'טאנצן פרויען מיט נאקעטע בייכער, ארויפשטייגן אויף די בערגיקע קרומע גאסן, וואָס פירן קיין פ ע ר א. איך האָב באשלאסן ארומצורייטן אויף אַ פערד, און אויסגעקליבן דעם שענטסטן. דער אייגנטימער איז געווען זייער העפליך. ער האט מיר געהאלפן ארויפשטייגן און צוגעפאסט די פיסהאלטערס צו מיין געוואקס. זעענדיק תיכף, אז איך קען נישט רייטן, האָט ער מיר געגעבן אינסטרוקציעס, וויאַזוי צו האלטן דעם צוים, און מיך געפרעגט ווו איך פאָר.

„אומעטום!" האָב איך געענטפערט, אויפהייבנדיק זיך אויף די שפּארן.

„אומעטום?" האט ער געפרעגט אַ פארוואונדערטער; „אָבער אייער הערש פט קען דאָך נישט פאָרען אומעטום מיטאַמאָל. מען דארף אויסוויילן א וועג.

— אַלזאָ פירט מיך צו די דאזיקע ברעגעס, וואָס שפּיגלען זיך אָ אין באספּאָר".

און באָך די דאזיקע אָנווייזונגען זענען מיר אַוועק אין דער ריכטונג צו אילדיז־קיאָסק, צו דאָלמאַ־באַקטשע, וועלכע האבן פארבלענדעט מיינע אויגן, און פארוויגט מיין פארשטאַנד אויף אַ העכסט פאַנטאסטישן אופן. בעת די לאנגע אנגענעמע שעהן, ווען דאס שאָקלען פון פערד האָט געצעטרלט מיינע גלידער, ווען פאר מיינע האַלב־פארמאכטע אויגן האָבן דעפילירט די שיינע „אנד־

שאפטן, איז מיין גוף, מיין נשמה, מיין גאַנץ וועזן אוועק אין דעם עולם הדמיון. מיין גאַנצער עבר איז פארשוווּנדן געוואָרן... איך האָב פארגעסן וועגן מיין עבר... איך האָב לגמרי פארגעסן אָן דעם מענטשן, וועלכער האָט געפירט דעם פערד פארן צוים און האט די גאַנצע צייט קיין פּיפּס נישט געטאָן, פונקט ווי איך האב אים קיין שום שאלה נישט געשטעלט. אינם משך פון דער גאַנצער נסיעה האָב איך דאָס מויל נישט געעפנט. און פונקט ווי אין אַ חלום, האָב איך פלוצלינג דערשפירט, אז דאָס פערד האָט זיך אפגעשטעלט, און אַ אומבעקאַנטע שטימע האָט מיר אריינגעמיאוקעט:

„עפענדי, ס'איז שוין שפּעט, ס'ווערט שוין נאַכט. איך בין הונגעריק, און דאָס פערד אויך. צי זאָל איך אייך אוועקפירן צו אייער הויז?"

איך האב פארשטאַנען, אז איך דארף אראָפּ פון פערד, און איך בין אַ פארשיכּורטער אראָפּגעשטיגן. איך האָב דערפילט צווישן די פיס אַ ווייטיק, איך האָב פארלוירן דעם גלייכגעוויכט און אנידערגעזעצט זיך אויף דער ערד.

„איר ווילט דאָ בלייבן?" האט דער מאן געפרעגט. איך האב אַ שאקל געטאָן מיטן קאפּ אויף יאָ, ארויסגעצויגן פון מיין קעשענע אַ גאָלדענעם פונט און אים דערלאַנגט. איך האב געוווּסט, אַז מען דארף אים באצאלן, איך האב אבער קיין השגה נישט געהאט: נישט וועגן דעם ווערטפון געלט, נישט אין אנדערע נוצלעכע זאכן אין לעבן.

„איר דארפט מיר געבן דריי טשערעקסן" *) האָט ער געזאגט „צי האט איר זיי נישט צופעליק?"

„איך האב אים תיכף געוואלט דערלאַנגען נאך צוויי פונט.

„אָבער, ווי גאט איז אייך ליב, עפענדי איך זאג אייך, אז איר גיט מיר צו פיל, און איך האב פאר אייך נישט אַזוי פיל רעשט.

---

*) טשערעקס: אַ טערקישע מטבע אין זילבער און קופּער.

— אַלזאָ, נעמט אייך די גאַנצע מטבע״, האב איך אַ שושקע געטאָן.

„אך, ניין!... אַ גאַנצע וואָך דארף דויערן, איידער איך פאַרדין אַזאַ מטבע...

— ס׳מאכט נישט אויס. נעמט אייך עס...

— אין נאמען פון אַללאַה, ניין!״ האט ער אויסגערופן. „אייער מעכטיקער פאטער האט דאס רעכט מיר אפצוהאקן דעם קאפּ! ניין, ניין!״

און ארויסנעמענדיק אלץ, וואס ער האט געהאט אין זיין קעמיר, האָט ער מיר אַרויסגעשאטן אויף די קני אַ רעשטל רעדיעס, טשערעקס, בעשליקס, און מעטע־ליקס, אַ שלל מיט געלט; ער האָט מיר געמאכט א פּאר סאַלאַמאַלעקס, ארויף אויפן פערד און פארשוואונדן געווארן.

איך בין געבליבן אַליין אויפן גרינעם גראז, ביי אַ שיי־נעם וועג, לענגאויס דעם קאַנאַל. מיין בליק, צוגעפעסטיקט אויפן רויקן וואסער, האָט גיריק געטרונקען די פאנטאסטישע בילדער פון די אָריענטאַלישע דערציילונגען: די שאטנס פון די פּאַלאַצן און פון די גרויסע שישקע־ביימער, וואָס די פארגייענ־דיקע זון האָט אויסגעמאלט און אויסגעצויגן אינם טונקעלען שפּיגל פון באָספאָר, — און וויטער, גאַנצע חמרים לעבעדיקע פארבן, גאָלדענע פלעקן קופערנע פלעקן, רויט ווי פייער וואָס האָבן זיך פארלוירן אויף די בערג, אויף די מאַליגאָווע רוקנס, אי־בערגעדרייטע אין ים.

ווי שיין זי איז געווען, די דאָזיקע ערד! ביז איצט האָב איך דערפון גארנישט געוווסט. איך האָב איר געזען צום ערשטן מאל... דער מאמעס סאַלאָן און די שווימעדיקע תּפיסה פון נאַזים־עפענדי האָבן אויסגעפילט מיין פאַרגאַנגענעם לעבן, אונגעהויער איז געווען מיין יאוש אין דעם דאָזיקן פאַרכישופטן טאָג, און באַזונדערס אינם טרוים פון זיין בין־השמשותדיקן סוף. אָט האָט זיך דערהערט א שיינער מעלאַנכאָלישער געזאַנג, פון אַ שיפל, וואָס איז פאַרבייגעשוווּמען לעבן מיר. די נאכט האט זיך שוין איינגאנצן אראָבגעלאזט אויף דער ערד. ווו בין איך, ווו וועל

איך עסן? און ווו וועל איך שלאָפן? און ווו זענען זיי, קירא און די מאַמע?... צו וועמענס ליבע דאַרף איך ווענדן מיינע טריט?...

ס'האָט מיך אנגעהויבן דריקן ביים הארצן; געוואָלדן האָבן זיך מיר ארויסגעריסן פון האַלדז, און הייסע טרערן האבן מיר פאַר־פלייצט דאָס פּנים. דער שיפער האָט מיך דערהערט און איז צוגעשוווּמען צו מיר. אָבער ווען ער איז געווען אויף אַ צוויי מעטער פון ברעג, האָט ער אויסגעצויגן דעם האלדז, מיך באַ־טראַכט אַ רגע און זיך דערווייטערט שרייענדיק אויף גריכיש:

„אָ אָ אָ ך!... מיין נשמה!...” דו דאַרפסט נישט זיין אַזוי אומגליקלעך: דו ביסט דאָך באַשאָטן מיט גאָלד?”

פון דעם דאָזיקן אוונט אָן, פאַרטרוי איך מיך שוין נישט תמיד די מענטשן, וועלכע האבן אַ שיינע שטימע.

אויפן איינזאַמען וועג וואָס, האָט געפירט אין שטאָט אריין, האָב איך געוויינט פון צרות. דאָס זענען געווען ליידן פון אַ יינגל, וועלכער איז איבערגעגעבן געווארן אין דער מאכט פונעם אומברחמנותדיקן לעבן. נישט דאָס גאָלד, וואָס האט שווער געמאכט מיינע הויזן, נישט די רינגען, וואָס האבן באַצירט מיינע פינגער און נישט דער פרינצן־זייגער, האבן מיר געקענט געבן אַ עצה, אַ טרייסט. זיי האבן פארלוירן דעם גאַנצן ווערט אין מיינע אויגן. איך וואָלט אוועקגעגעבן אלץ, אפילו מיין העמד, דעם יעניקן מענטשן, וועלכער וואָלט מיר געבראכט, אפילו נישט קירען און נישט מיין מאַמען, נאָר בלויז אַ ביסל האָר זייערס. דאָס וואָלט מיר צוגעגעבן מער כּוח, ווי דאָס פאַרשאָלטענע געלט. דאָס וואָלט מער דערקוויקט מיין הארץ, ווי די אַלע טייערע שטיינער.

ביי יעדער בוים פונם פינצטערן וועג, האָב איך אָנגעלענט מיין ברענענדיקן שטערן, פאַרווייקט מיט מיינע טרערן זייער שאָרסטקע קאָרע. יעדער בוים האָב איך ארומגענומען מיט מיינע הענט. אויף זייער אויפריכטיקער גלייכגילטיקייט האָב איך כּסדר גערופן:

מאַמע!... מאַמע!... קיראַ!... מאַמע!... וווּ זייט איר? איך בין פריי!... און ווייס נישט וווהין צו גיין... ס׳איז פינצטער... ס׳זענען דאָ אַ סך מענטשן, צו פיל מענטשן... אָבער ס׳איז נישטאָ קיראַ, נישטאָ די מאַמע!״

ביי אַ וועג־אויסבייג האָט מיר פלוצלונג אַ שטאַרקע ליכט אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן... צוויי „וועג־אָרדנערס״, באַר־וועטע, מיט ברענענדיקע שטורקאַצן אין די הענט זענען שנעל פאַרבייגעגאַנגען, שרייענדיק מיט איין קול:

„אַראָפּ פון וועג!״

און איידער איך האָב נאָך באַוויזן אָפּטרעטן דעם וועג פאַר אַ רייכע קאַרעטע, וואָס איז פאַרבייגעפלויגן האָב איך דערהערט אַ גוואַלדיקן שמיץ פון אַ בייטש, און גלייכצייטיק דער־שפירט אַ שרעקלעכן ווייטיק אויף מיין האַלדז און גאָמבע. איך בין געפאַלן אויף דער ערד, מיטן פּנים אַראָפּ. נאָך דעם אַכזריותדיקן שלאָגן פון מיין טאַטן און ברודער, האָב איך נאָך נישט געפילט אַזאַ ווייטיק.

איך האָב מיך אויפגעהויבן און אָנגעהויבן צו טאַפּן אין דער פינצטער. אויפן וועג איז געווען חושך ווי פריער; ס׳האָט מיך אַזש אַ פּחד אַרומגענומען.

איך האָב אָנגעהויבן צו לויפן, ווי נישט מיט מיינע כּחות, נישט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט, שרעקענדיק זיך פאַר מיין אייגענעם אָטעם, פאַרן גערויש אין מיינע אויערן, אין וועלכע ס׳האָט אַריינגעפייפט דער ווינט. נאָכדעם האָבן זיך באַוויזן היי־זער, גאַסן, פיינע גאַסן, שמוציקע גאַסן, מענטשן, שרייענדיקע סוחרים, הינט, וועלכע האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט... ענדליך, בין איך אומגעפאַלן אויף אַ ליידיקן פּלאַץ און געחלשט...

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פון די אָנשטרענגונגען, וואָס אַ מענטש האָט געמאַכט, כּדי מיך אָנידערצוזעצן. און ביי דער לבנה־שיין האָב איך באַמערקט אַ געשטאַלט, ענליך צו איבּראַ־הימען, דעם פישער פון די ראַקעס, אין קאַטאַגאַץ. תּיכּף האָט זיך דערוועקט אין מיר דער חשק אויסצוגעפינען מיין שוועסטער

און מיין מוטער. איך האָב אים אַרומגענומען פארן האַלדז, פון וועלכן ס׳האָט געשמעקט טאַבאַק, און אויסגערופן מיט אַ ווייינעדיקן קול:

„איך האָב פארלוירן מיין שוועסטער און מיין מאמען, און איך בין אומגליקלעך!... העלפט מיר זיי אויפצוזוכן, און איך גיב אייך אוועק מיין גאנץ ביסל געלט, וואָס איך האָב אין מיינע קעשענעס, מיינע אלע רינגען, מיין זייגער, מיינע קליידער."

— אין נאָמען פון אַללאַה, שרייט נישט!" האָט מיר אריינגעהויכט דער זקן, צומאכנדיק מיין האַנט מיט זיין פייכטער האנט. און ווען איך האָב זיך אויפגעהויבן:

„קומט מיט מיר", האָט ער געזאָגט. איך בין אים נאָכגעגאַנגען. דעמאָלט האָב איך דערזען, אז ער האָט אונטערן אַרים געטראָגן אַ קאָרב מיט ראַהאַטלוקום, וואָס איז געווען זיין פרנסה.

מיר זענען געגאַנגען מער פון אַ האלבע שעה; ער האָט געשוויגן, און איך בין געווען אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער פארצווייפלונג, ביז דעם דאָזיקן אוונט האָב איך קיינמאָל אזוי טיף נישט געקראָכן אין בלאָטע, מיינע אויגן האָבן קיינמאָל נישט אנגעזען נישט אזעלכע שמוציקע קווארטאַלן און נישט אזאַ שרעקלעכן עלנט. ענדליך האט ער מיך אריינגעשלעפט אין אַ בודקע, וווּ ס׳איז געשטאַנען אַ בעטל מיט אַ קרוג וואסער.

„איצט דערציילט מיר אייער געשיכטע", האָט ער צו מיר געזאָגט, אוועקשטעלנדיק זיין קאָרב, אוועקזעצנדיק זיך, אויף טערקיש, אויפן זוים פון זיין בעטל.

אין אַ קנאַפע שעה האָב איך אים דערציילט מיין גאַנצע געשיכטע, קורץ שאַרף און גאָרנישט פארבאָרגן, פון מיין מאַמעס שטוב, ביז צום אראָפּשטייגן פון שיף. ער האָט מיך אויסגעהערט, נישט ארויסריידנדיק קיין איינציק ווארט. צום סוף האָט ער זיך אויפגעהויבן:

„לייגט אייך דאָרט... האָט ער מיר אנגעוויזן אויפן מאַטראַץ. „דאָס איז אלץ, וואָס איך קען אייך אין דעם אוונט זאָגן".

איך בין געבליבן אביסל דערשטוינט, אָבער פעסט איבער-

צייגט, אז ער וועט מיר העלפן אויסצוזוכן מיינע ליבע וועזנס: איך בין אנידערגעפאַלן, ווי אַ שטיק האָלץ, און איינגעשלאָפן, קוקנדיק, ווי מיין בעל־רחמן איז געלעגן איינגעקורטשעט אין אַ ווינקל אין געקוקט אויף מיר.

אויפצומאָרגנס אינדערפרי האָט ער מיך אויפגעוועקט:

„מען דאַרף אוועקגיין...

— כדי אויפצוזוכן קירען? „האָב איך שנעל אַ פרעג געטאָן.

„ניין, מיין קינד, נישט אויפצוזוכן קירען, נאָר קיינמאָל זיך נישט צו באַגעגנען, ווייל איר זייט אומגליקלעך מיט אייער גאָלד, מיט אייער צירונג, מיט אייערע קליידער. זאָל דער אללאה אייך צו הילף קומען!"

און צומאכנדיק די טיר, האָט ער מיך געלאָזן אין דרויסן, דערוויטערנדיק זיך מיט זיין קאָרב.

*   *
*

דער דאָזיקער זקן, דער שאאוש, דער שיפער, דער פאַר־דינגער פון די פערד, זענען געווען די בעסטע לייט, די ארנט־לעכסטע לייט, וואס איך האָב אמאָל באַגעגנט. דער דאָזיקער ערשטער טאָג פון פרייהייט, איז פאַרבליבן דער איינציקער אין מיין זכרון, מיט וועלכן איך פלעג מיך תמיד דערווארעמען דאָס האַרץ.

פון דער דאָזיקער רגע אָן בין איך שוין געגאַנגען גלייך צום אָפּגרונט.

פאַרלאָזן, אויף אַזאַ אַכזריותדיקן אופן, בין איך געווען אזוי צוטומלט, אז איך האָב אָנגענומען דעם דאָזיקן נפש פאר אַ משוגענעם. איך האָב אפילו נישט געהאַט קיין כחות צו וויינען און צו דאגהן. מיין געדאנק האט נישט געוואָלט גלויבן אין אַזאַ מין רשעת. צוערשט האָב איך באשלאָסן צו גיין אויפזוכן מענטשן מיט ווייכערע הערצער. דאָס לעבן האָט אָבער גע־וואַכט אויף מיר, כדי מיר צו געבן אַ בעסערע לערע.

ס'איז מיר אריין עפעס אַ מין קינדערישע משוגעת אין קאָפּ, און איך האָב מיך געוואָלט איינריידן, אַז מיין מאַמע

היילט נאָך איר פּנים און איר אויג אין אַ שפּיטאָל. איך האָב צו זיך געזאָגט, אַז פון דאַנען דאַרפן זיך אנהייבן מיינע זוכענישן. מיט דעם דאָזיקן געדאנק האָב איך אָנגעהויבן צו שפּרייזן און נאָכצופרעגן זיך, ווו ס'געפינט זיך דער צענטער פון שטאָט. אַלע האָבן מיך געשיקט קיין פּ ע ר אַ, וווהין איך בין אָנגעקומען, אַ שעה פאַר מיטאָג.

היות איך בין געווען אזוי הונגעריק, אַז איך האָב נישט געקענט שטיין אויף די פיס, האב איך אנגעהויבן צו זוכן עפּעס אָפּצועסן אין אַ זייטיק געסל, פון וואַנען ס'האט זיך געטראגן דער ריח פון געבראטענע שעפּסענע פלייש. ביים ווינקל פאַר א קליינקרעמל האָט אַ מענטש געהאלטן אַ אייזן, אויף וועלכן ס'זענען געווען אנגעשטאכן קליינע שטיקלעך פלייש. מיט דער פּעסקע אויפן נאַקן, מיט אַ אויפגעכראַשטשעטער העמד, פון וואַנען ס'האָט זיך ארויסגעזען אַ בראָזענע האריקע ברוסט, איז דער סוחר געשטאַנען, געוואָרפן און געדרייט מיט די אויגן אויף אַלע זייטן און געשריגן צו די פאַרבייגייענדע:

„קעבאַב!... קעבאַב!...”

איך בין אַריין אין קרעמל ווו ס'האָט זיך קיינער נישט געפונען און געבעטן ברויט מיט ק ע ב אַ ב. אויף אַ שמוציקן הילצערנעם טיש האָב איך אָפּגעפרעסן כמעט אַ האַלבן פונט ברויט, דריי קליינע פּאָרציעס פלייש, און אויסגעטרונקען וואַסער. נאָכדעם האָב איך ארויסגעצויגן פון קעשענע אַ הויפן מטבעות: גאָלדענע, זילבערנע, קופּערנע און אים פאָרגעלייגט ער זאָל זיך אויסקלויבן:

„נעמט אייך וויפל ס'קומט אייך פארן עסן”, האָב איך געזאָגט. דער סוחר האָט זיך אַ קרים געטאָן, מיך אפּגעמאסטן פון קאָפּ ביז צו פיס, אַ וואָרף געטאן אַ גנבישן בליק צום טיר דרייסט אַ נעם געטאָן אַ גאָלדענעם פונט און עס אריינגעטאָן שנעל אין זיין ק ע מ י ר. ארויסגייענדיק, האָב איך צו זיך געזאָגט:

„איינס פון די ביידע: אָדער דאס עסן קאָסט דאָ טייערער פון אַ גאַנצן טאָג רייטן אויפן פערד, אָדער דער דאָזי-

קער מנוול שרעקט זיך נישט פאַר מיין טאטן, פאַר „מיין מעכ־טיקן טאַטן", וועלכער האָט דאָס רעכט אים אפצוהאַקן אים דעם קאָפּ!"

האָבנדיק שטארק חשק אויפצוזוכן אַ ליבליכן מענטשן, וועלכער וועט זיך גרויסמוטיק שטעלן צו מיין דינסט, בין איך אַוועק צום גרעסטן קאַווע־הויז איך האָב געטראכט.

ס'איז פיל קליגער זיך צו ווענדן צו די גרויסע און איידעלע: זיי האבן נישט קיין נויט מיך צו באַגנבענען, זיי שרעקן זיך נישט פאַר מיין צירונג און פאר מיין גאָלד."

מיין געדאַנק איז געווען אַ ריכטיקער, אָבער פארן אריינ־גיין האָב איך אוועקגעשטעלט מיין פוס אויף אַ קעסטל פון די שיך־פוצערס, פונקט ווי ס'האבן געטאָן אנדערע, ביי וועלכע די קאַמאַשן זענען געווען אַזוי איינגעשמוצט ווי ביי מיר. דאַסמאָל בין איך געווען כיטרע; איך האָב אַ קוק געטאָן, וועלכע מטבעות אנדערע האָבן דערלאַנגט דעם שוך־פוצער. פונקט ווי זיי האָב איך געגעבן די קלענטסט מטבע, אַ מעטעליק, נאָכדעם בין איך, בלאַנקנדיג פון ריינקייט אריינגעגאַנגען.

אַ שרעקלעכער געפּילדער פון קולות, פון דאָמינע־ביינער האָבן מיך פאַרטויבט. כמעט קיין שום פרייער ארט האָט זיך נישט געפונען ביי די טישן, ווו אַלע האָבן געשפּילט. און באמת, דאָ זענען נאָר געווען גרויסע, איידעלע ציווילע און מיליטער־לייט. איך בין פארבייגעגאנגען די טישן, איינמאָל אַ צווייטמאָל, קיינער האָט זיך נישט איינגעקוקט, נישט אויף מיר און נישט אויף מיינע רייכע בגדים, אַפילו די קעלנערס אויך נישט.

„ווי אנגענעם עס איז", האָב איך געטראכט „תמיד האָבן צו טאָן מיט גוט דערצויגענע מענטשן! מען פילט זיך בעסער, ווי צווישן קבצנים".

און געפינענדיק אַ פרייען ארט לעבן צוויי שאַך־שפּילערס, האָב איך מיך אוועקגעזעצט און באשטעלט אַ קאַווע־קאַימאַק מיט אַ נאַרגילע. ווידער האָב איך אכטונג געגעבן מיט וואסערע מטבעות די געסט צאָלן. איך האָב, צו מיין גרויס פארוואונדערונג, ענט־

דעקט, אַז מיט איין זילבערנעם טשערעק האָט מען געקענט אויסטרינקען צען קאַוועס און אויסרויכערן די זעלבע צאָל נאַר־גילן, אַריינרעכענענדיק אויך טרינק־געלט.

איך האָב באַטראַכט די פּנימער פון ביידע שפּילערס, מיינע שכנים. איינער פון זיי איז געווען אַ אָפיציר, דער צווייטער אַ ציווילער, ביידע יונג, ביידע פאַרטיפט אין דער שפּיל. זיי האָבן אויך איר געקוקט אָנגעשטרענגט, אַז ס'האָט מיך אַזש אָנגעהויבן ווייִ צו טאָן דער קאָפּ. זיי האָבן מיר ביידע אויסגעוויזן סימפּאַטיש, באַזונדערס דאָס בייזע פּנים פון אַפיציר, לעבן וועלכן איך בין געזעסן. זיי האָבן גערעדט ווייניק, אָבער אין אַ אויסגעצייכנט טערקיש. דאָס איז מיר געפעלן, אָבער גלייכצייטיק בין איך געוואָרן אַ אויפגעציטערטער, ווייל נאַזים־עפענדי האָט אויך גערעדט אַזוי אויסגעצייכנט. דעם אָפיצירס אוניפאָרם האָט מיך אָבער באַרויקט;

„דאָס איז מסתּם אַ בראַווער מענטש" האָב איך זיך געטראַכט, אָנקוקנדיק זיין ברוסט, וואָס איז באַדעקט געווען מיט אָרדענס. און נישט מאַכנדיק קיין לאַנגע שהיות, האָב איך מיך איינגעבויגן און צו אים געזאָגט:

„זייט מוחל, הער, צי ווייסט איר?"

מיט אַ פינגער צייכן האָט ער מיר איבערגעהאַקט אין מיטן.

דער דאָזיקער דורכפאַל, וועלכער איז געווען אַ פּועל־יוצא פון אַזאַ פאַמיליערע באַוועגונג, האָט אדרבה, אַרויסגערופן נאָך מער צוטרוי צו אים. איך האָב מיך אָפּסניי איינגעבויגן. אָבער איידער איך האָב אויפגעעפנט דאָס מויל האָט ער מיך ווידער אָפּגעשטעלט מיטן זעלבן פינגער־צייכן, בעת מיט דער אַנדער האַנט האָט ער אַ רוק געטאָן אַ פיגור. איך האָב באַקומען מער מוט און ווידער צוגעשטאַנען צו אים

„זייט מוחל, הער, צי ווייסט איר נישט ווו ס'הייַלן זיך די מענטשן, וואָס האָבן אויסגעהאַקטע אויגן?

— ווער האָט עס אויסגעהאַקטע אויגן?" האָט ער אַ ריטש געטאָן, אַז איך האָב זיך אַ רוק געטאָן הינטער זיך פון שרעק.

„אבער... מיין מאַמע..." האָב איך געשטאַמלט.

„דיין מאמע האָט אויסגעהאַקטע אויגן? און ווער האָט עס איר אויסגעהאַקט?" האָט ער אַ זאָג געטאָן, אָפּמעסטנדיק מיך פון קאָפּ ביז די פיס.

„נישטביידע אויגן", האָב איך מיט אַ ציטער ארויסגע־זאָגט; „איין אויג:

— ווו? ווען? וויאַזוי?...

— מיין טאַטע, שלאָגנדיק איר, אין בראַילאָוו, אין רומענ־יען... מיט צוויי יאָר צוריק".

דער אפיציר איז אריינגעפאַלן אין יאוש. אויסדרייענדיק זיך צו זיין פריינט, האָט ער איבערגעחזרט מיט כעס מיינע ווערטער:

„אַ פרוי וואָס איז געשלאָגן געוואָרן אין רומעניען, מיט צוויי יאָר צוריק, מען האט איר אויסגעהאקט אן אויג, און איצט זוכט מען זי אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל!... צי באגרייפסטו אַזאַ מין זאך מוסטאַפאַ?

יאָ, יאָ... איך פארשטיי!" האָט דער צווייטער געענטפערט; „אָבער מען דאַרף די זאַך באַטראַכטן בעסער, און נישט דאָ".

און גלעטנדיק מיין באק, האט ער מוסיף געווען:

„צוערשט דארף מען דאָס קינד איינאָרדנען; לאָמיר אוועק־גיין פון דאנען".

אין דרויסן, האָבן זיי צוגערופן אַ פיאַקר, און מיר זענען אַלע דריי אריינגעשטיגן.

זעקס חדשים פון זיסע האָפענונגען און פון אכזריותדיקע שווינדלערייען, זעקס חדשים פון לפי־ערכדיקער פרייהייט און פון רייכן לעבן, זענען אונגעקומען נאך דער צווייטער און לעצטער באַרירונג מיט דער גרויסמוטיקייט פון די גדולים, וואָס רעדן מיט אַ אויסגעצייכנטע שפראַך.

אראָפּשטייגנדיק פארן טיר פון מוסטאַפאַ־בעי האָט זיך דער אפיציר אָפּגעזעגנט מיט זיין פריינט. מיך האָט ער באַשאָנקען מיט אַ שטרענגן פעראכטונגס־בליק, און איך האָב דעם דאָזיקן

מענטשן ווידער געטראָפן ערשט אין אַ פּאָר יאָר אַרום, ביי אומשטאנדן, וועגן וועלכע איך וועל נאָך רעדן. איך האָב אים אנגענומען פאר אַ שלעכטן מענטש, און אין מיין קינדערשער באגייסטערונג האָב איך געזאָגט צום בעי:

„ער איז אַ בעל־גאווה, אייער פריינט...

— יאָ, ער האָט אין זיך אביסל גאווה, אבער ער איז אַ גוטער".

(ער האָט גערעדט פון גוטסקייט, מוסטאַפאַ־בעי:)

זיין הויז האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסע ווילע, וועלכע איז געלעגן אויסערהאַלב דער שטאָט, צו דרום צו. דער גרויסער פּאַרק, וואָס האָט איר ארומגערינגלט, האט זיך געצויגן ביז צום באָספאָר. אַ שטילע הויז, וואָס האט געקרעכצט פון עשי־רות, און געווען פול מיט אומבעמערקלעכע קנעכט, שטומע ווי קברים. אבער די אינטימע אַטמאָספער, וואָס הע שט אין אלע אריענטאַלישע הייזער, האָט איינגעפלאַנצט אין מיר צוטרוי. די העכסטע העפליכקייט פונם בעי האָט דאָ אויך אַ סך מיטגעווירקט. ער האָט נישט געהאט די כיטרעקייט פון נאַזימען.

באַצויבערנד העפליך, פאמיליער, אַזוי לאַנג ביז מיין האָפ־נונג האָט געדויערט. איך קען אים קיין שום פארווורפן ביי היינ־טיגן טאָג נישט מאכן, — אפילו בנוגע זיין אָנמעכטיקייט צופרידן צושטעלן מיין אומעגליכן פארלאַנג, — אויב נאָכדעם, ווי איך האָב פארלוירן די האָפנונג, האָט ער מיך ארויסגעשמיסן אונטערן טיר. אבער די ליידנשאַפט פון די אריענטאַלער איז טיראַניש: זי מאכט פאַלש די הערצער פון די גרויסמוטיגסטע און שטויסט זיי — איינע צוליב בייזווילִיקייט, די צווייטע צוליב אכזריות, — אויף די זעלבע פערברעכנס.

מוסטאַפאַ־בעי האָט געקענט מיין געשיכטע בעסער פון אלע, מען. איך בין זיכער, אז דער דאזי׳ער מענטש איז געווען שטארק גערירט, ווייל בשעת מיין דערציילן האָבן זיך אים די אויגן נישט איינמאָל פארנעצט.

ער האָט מיר פארשפּראָכן צו טאָן אַלץ, וואָס ער וועט קענען,

„אויב אייער מאַמע איז אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל", האָט ער צו מיר געזאָגט, גלעטנדיק מיינע הענט, „וועל איך עס זיך דערוויסן פון די שפּיטאָלן און פון פּאָליציע. וואָס שייך קירען, וועל איך אונטערשיקן מיינע פרויען־אגענטן וואָס זענען, לייכט ווי עטער, און כיטרע, ווי פוקסן, און וועלן דורכנישטערן אלע האַרעמען, אפילו די, וואָס געפינען זיך אונטערן שטאַרקסטן וואַך. אויב זיי וועלן איר ענטדעקן, גאַראַנטיר איך, אז ס'וועט איר געלינגען צו אנטלויפן; מיט געלט מאכט מען אַלץ אין טערקיי".

דאביי האָט ער מיר אנגעוויזן מיין צימער און מיר געגעבן אַ דינער, וועלכער האָט געדאַרפט גרייט זיין צו מיין דינסט. מיין צירונג און מיינע בגדים, לויט זיין מיינונג, „צו פּרעכטיקע און אפילו נישט אנשטענדיקע", זענען געוואָרן פאַרביטן אויף אנדערע, „פּאַסיקע". און פאר זיינע אַלע ליבלעכקייטן האָט ער מיר געשטעלט איין באַדינג: איך זאָל נישט באַזוכן די גרויסע קאַפע־הייזער, און איך זאָל נישט ארויסגיין זייער אָפט אין שטאָט אַריין.

„דאָס ליגט אין אייערע אינטערעסן", האָט ער צוגעגעבן; נאָזים וועט זיך אַזוי לייכט נישט אפזאגן פון זיין רויב, און אין איין העלן טאָג וועט מען אייך אַרויפטאָן אויפן קאָפּ אַ גוט פארבונדענעם קאפּישאן און מען וועט אייך ארויפלייגן אויפן שיף, ווי אַן איינפּאכן זאק האָבער.

דאָס דאָזיקע בילד האָט אויף מיר אנגעטריבן אַ אימה. איך האָב תיכף דערפילט, אַז איך בין צוגעבונדן צו אים און צו, דער אַזוי גערופענער, פרייער געפאַנגעשאפט, וואָס האָט זיך אויפגעפּענט פאַר מיינע יונגע יאָרן.

*   *

*

אויף פאַרשיידענע אופנים קען מען פאַרדארבן אַ לייידנשאפטלעכע נשמה. דער לייכסטער אויפן איז, ווען מען רעדט צו אייך ליבלעך. און היות מיין האַרץ איז געווען פאַרנומען בלויז מיט קירען, האָט מוסטאַפאַ־בעי מיר געהאלטן אין איין רעדן וועגן איר

ער האָט עס געמאכט אויף אַ נאַטירלעכן אופן, ווייל ער האָט מיך אויפריכטיק געליבט. אָבער דער רוח, זאָל כאַפּן די אויפריכטיקייט פון די ליידנשאַפטלעכע! גאַנץ אַפּט איז דאָס מער נישט ווי אַ תּאַווהדיקער נאַרקאָטישער מיטל.

מוסטאַפאַ־בעי האָט אָנגעהויבן אריינצופירן קירען אין זיין הויז, אנרופנדיק מיט איר נאָמען פאַרשיידענע סימפּאַטישע זאַכן. דער־ווייסנדיק זיך, למשל, אַז נאַרגיל און בראַסלעט זענען אין רומעניש לשון־נקבה, האָט ער מיר געבראַכט דעם שענסטן נאַר־גיל אין דער וועלט, און נאָכדעם אַ טייערן בראַסלעט. אויף ביי־דע איז געווען אויסגעקריצט דער נאָמען: קירא, וואָס איך האָב נישט געקענט איבערליינען. און קוים בין איך אונטערגעוואַקסן אַ חודש אין זיין הויז, ווי איינמאָל איז ער אליין געקומען אין פּאַרק, פירנדיק פאַרן צוים אַ שיינע קלאַטשע, אַ יונגע, צאַרטע, אַ קאָפּ יונגע און פּונקט אַזאַ אומגעדולדיקע ווי קירא.

„נאַ", האָט ער געזאָגט, „אָט האָט איר די שענסטע קי־ראַלינאַ, וואָס איך קען אייך געבן: זי געהערט צו אייך!"

ער האָט מיך תּיכּף ארויפגעזעצט אויפן פערד און מיך באַקענט מיט אירע אונרעגלמעסיקע באַוועגונגען. פאַרנדיק, צווישן אים און מיין דינער, זענען מיר ארויסגעריטן אויף אַ שפּאַציר אין די מאַלערישע געגנטן צו צפון פון דער ווילע.

איין טרייסטלעכער פאַקט: אין דער דאָזיקער קורצער עפּאָכע פון מיין טרויערדיקן שפּע־לעבן, האָב איך אפילו אין מיין פאַרשיכּורטקייט נישט פאַרגעסן וועגן אומגליק פון מיינע קינדערשע יאָרן, אויף דריי טעג נאָכאַנאַנד.

ס'איז אָבער אויך אמת, אַז מיין ארים הארץ האָט זיך נישט איינמאָל געלאָזט פאַרשיכּורן. וויאַזוי האָט מען געקענט שטעלן אַ ווידערשטאַנד? מיינע שעהן, געשפּייזט דורך די הבטחות פון בעי, זענען פאַרבייגעלאָפן אָדער מיטן נאַרגיל, אָדער מיט דער שקאַפע. מיט דער דאָזיקער פּרעכטיקער חיה, פלעג איך מיך שיידן בלויז, ווען איך פלעג שלאָפן אָדער עסן, און אַ דאַנק דער משונהדיקייט פון איר טעמפּעראַמענט, האָט זי מיך געמאַכט גלויבן, אַז איך באַקום פון איר עפּעס אַזוינס, וואָס

איז ענלעך צו קירעס ליבע. וואָס שייך איר, האָט זיך די דאָ־זיקע איידעלע חיה שטאַרק צו מיר צוגעבונדן, און זי פלעגט מאַכן גרויסע סקאַנדאַלן אין שטאַל, אין די שעהן, ווען איך פלעג דאַרפן קומען נאָך איר, און איך פלעג מיך פאַרזיצן ביין בעט, ביי אַ ליידנשאַפטלעכע פאַרטיע טריק־טראַק.

אומעטום קירא. קירא און די שיינע שוואַרצע אויגן פון דער שקאַפע; קירא אין די אינטימסטע זאַכן צו וועלכע איך האָב מיך צוגערירט; קירא אין אונזער געשפרעך; קיראס בילד איז אויף דער העלפט געווען אין אונזער הויז.

די צווייטע העלפט האבן געבראַכט די פּאַרמיטלערינס, וועלכע האָבן זיך געלאָזט איר אויפזוכן. די דאָזיקע מכשפהס פלעגן קומען מיך פאַרזיכערן, איינע מער איבערצייגט פון דער צווייטער, אַז קירא גע פינט זיך גלייכצייטיק אין אַ צען הארעמען.

פון זייערע פינקטלעכע באַשרייבונגען, פון זייערע אָנצי־ עגדע פּרטים, וואָס זיי האָבן מיר געגעבן איבער די פיזיאָגנאָ־ מיעס פון די קאַדאַנעס, האָט מיין הארץ געשפרונגען אין אַ שטערבלעכן טאַנץ. איך פלעג שלינגען זייערע ווערטער מיט אַ נאַיוויטעט פון אַ זעקס יעריק קינד. אומצייליבאַר זענען געווען די פּאַרמיטלערינס, וועלכע איך האָב געפאַלן אויפן האַלדז מיט אַ געשריי:

פונקט די זעלבע!... ס'איז זיכער מיין שוועסטער!... פּרוווט צוקומען צו איר און זאָגט איר מיין נאָמען: דראַגאָמיר, און באַמיט אייך צו באַקומען פון איר אַ פאָטאָגראַפיע".

אָבער כדי צו רעדן מיט די קאַדאַנאַס און באַקומען זייער פאָטאָגראַפיע, האָט מען ווידער גערדאַרפט געלט. און געלט האָט מען גערדאַרפט, כדי צוצומאַכן די אויגן פון די ניי־ געריקע, פאַרשטאָפּן די אומדיסקרעטע אויערן, אויפעפענען די באַוואַכטע טירן. מיט איין וואָרט, ס'האָט זיך געפאָדערט געלט.

אין מיטן צימער, מיט די הענט אין די קעשענעס, מיט אַ איראָנישן בליק, האָט זיך דער בעי צוגעהאָרכט און גע־ שמייכלט. איך פלעג פאַלן צו זיינע פיס, איך פלעג ביי אים בעטן רחמים, און גרויסמוטיק פלעגט ער צוטיילן די גאָלדענע

און זילבענע מטבעות, לויט דעם ווי ס׳האט זיך געפאָדערט.

אין די לאנגע טעג פון דערוואַרטונג, אין די טרויערדיקע שעהן פוסטע פון יעדן לעבנס-געפיל, האט מיין פארצווייפלונג נישט געפונען קיין אנדער מקום-מקלט, ווי אין דער לעבעדיקער נשמה פון מיין „קיראַלינאַ״. מיט איר, צוגעבויגן צו איר זיידענעם האַלדז, פלעג איך מיך אַוועקלאזן אויף אומענדלעכע וועגן, אין באַלויכטענע פרימאָרגנס, אָדער אין ברענענדיקע בין-השמשותן. דעמאלט פלעגט מיך ארומנעמען אַ יאוש, מיין האַרץ פלעגט פלאַצן פון בייַנקשאפט און אפילו דער פאַרגעניגן פלעגט מיך דריקן.

געקרענקט האָט מיך נאך אויך דאָס, וואָס לעבן מיר איז תמיד געריטן אַ דינער, באַוואפנט פון קאָפּ ביז די פיס, וועלכער פלעגט מיך נישט אפלאָזן פון זיך אויף קיין טריט; מיט זיין שווייגן און מיט זיין נישט ארויסווייזן קיין שום אינטימיטעט האָט ער צושטערט מיין לעצטן אויסדריק פון ליבע.

אויף אַזאַ אופן איז די צייט אריבערגעפלויגן פון פרילינג ביז האַרבסט, פון מאַי ביז סעפטעמבער: נאָכדעם האָב איך פלוצלונג פאַרלוירן מיין האָפנונג.

די געבראַכטע פאָטאָגראַפיעס האָבן נישט געהאט קיין שום ענלעכקייט צו קירען, און דער נאָמען ד ר אַ ג אָ מ י ר, וואָס מען האָט אריינגעהויכט אין די אויערן פון די אומגליקלעכע און פאַרשפאַרטע, האָט נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג אינם פינצטערן לאַבירינט פון זייערע הערצער. איך האָב זיך מער נישט צוגעהערט צו די זיסע רייד פון די דאָזיקע פרויען, און תיכף זענען זיי געוואָרן ארויסגעוואָרפן אונטערן טיר.

אָבער אַן אומגליק קומט קיינמאָל נישט אַליין. די אויספאָרשונגען, וואָס מען האָט געמאכט אין קאָנסטאַנטאָנאָפּאָל, כדי אויפצוזוכן מיין מאַמען, האָבן אויך נישט געבראַכט קיין שום רעזולטאטן. פארמאטערט דורך מיינע שאלות, האָט דער בעי עס געמוזט מודה זיין פאַר מיר. אָבער כדי ארויסצווייזן מיר זיין גוטן ווילן, האָט ער איינגעלאַדן צו זיך דעם שעף פון דער

טערקישער פּאָליציי, מיט אַ פּנים פון אַ *Jeu de massacre*(*), מיט לאַנגע אַראָפּגעלאָזטע וואָנסעס, מיט אויגן פון אַ באַנדיט, וועלכער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די אפּצאַסן, באַגריסט און אַ געשריי געטאָן מיט אַ שטימע, אַז איך בין שיער נישט אומגעפאַלן:

„זינט סטאַמבול עקזעסטירט, האָט נאָך קיינמאָל קיין רומעניש פרוי, מיט אַ אויסגעשטאָכענעם אויג דאָ נישט אַראָפּגעשטעלט איר פוס!“

דאָס האָט מיך נאָך מער ווי איבערצייגט.

ווי נאָר איך האָב דערשפּירט, אַז מיינע אילוזיעס זענען אויסגעוועבט געוואָרן, האָט מיך אַ שטאַרקער יאוש אַרומגענומען. גאַנצע טייכן טרערן האָבן גערונען אויף מיינע פּאַרפומירטע הענט; איך האָב געבעטן דעם בעי ער זאָל מיך לאָזן אַוועקגיין. ער האָט זיך קעגנגעשטעלט:

וואָס וועט פון אייך ווערן, אַז איר וועט פון דאַנען אַוועק? איר זייט דאָך נאַריש ווי אַ קלאָץ. און נאָך מער, אייער אומגליק באַשטייט אין דעם, וואָס איר זייט יונג און שיין, צוויי מעלות מיט וועלכע מען קען מאַכן אַ פאַרמעגן אין טערקיי, ווען מען איז אינטעליגענט. פאַרבלייבט דאָ. דאָ אין דעם הויז האָט איר אַלץ, וואָס איר דאַרפט און אפילו נאָך מער“.

איך בין געוואָרן שטאַרק פאַרטרויערט. די דאָזיקע ווערטער האָבן געקלונגען, ווי טויטן־גלאָקן. אָבער בעי האָט פאַרדאָפּלט זיין העפלעכקייט. וויסנדיק מיין שוואַכקייט צום רייטן, האָט ער פאַר מיר באַשטעלט אַ יעגער־קאָסטיום, מיר געקויפט אַ ביקס מיט אַ דמשקער קאָלבע, וועלכן מען האָט געקרוינט מיטן נאָמען קירא. באַוואָפנט אויף אַזאַ מין אופן זענען מיר אין אַ העלן פרימאָרגן, אין דער באַגלייטונג פון צוויי קנעכט, אַרויסגעפאָרן אויף דער אַדו־יאַנאַפּאָלער הויפּט־וועג.

„איך וועל אייך ווייזן“ האָט ער צו מיר געזאָגט „די ערטער ווו ס׳געפינען זיך הירשן און יאַסטרעבן. און איר וועט

---

*) אַ יאַריד שפּיל, וועלכע באַשטייט אין דעם, אַז מען דאַרף מיט אַ באַל איבערקערן הילצערנע ליאַלקעס.

זען, אַז ס׳לעבן איז שיין, אפילו אָן פרויען; ווייל איר ווייסט נאָך נישט, אַז די שענסטע פרוי, ווערט תמיד, סוף כּל סוף, העסליך און שמוציק״.

זיינע ווערטער האָבן מיר אַ שטאָך געטאָן, פונקט ווי מיט אַ מעסער; און מוסטאַפאַ־בעי איז מיר נמאס געוואָרן פון יענער צייט אָן. איך האָב פאַרבאָרגן מיינע געפילן, אָבער תיכּף איז מיר אַריין אַ געדאַנק צו אַנטלויפן.

ס׳האָט זיך פאַרגעשטעלט אַ מערקווירדיקע געלעגנהייט. מיר זענען אַוועקגעפאָרן אויף אַ צוויי־וואָכעדיקן יאַגד, אויף די נאָענטסטע באַלקאַנען, לענגאויס דער מאַריצע, אויף אַ האַרבסט־יאַגד, וואָס מוסטאַפאַ־בעי פלעגט תמיד מאַכן.

מיין פּלאַן איז געווען אַ דרייפאַכיקער. אָדער איך וועל אַפּנאַרן מיינע שומרים און אַנטלויפן, פאַרשטעלט ווי אַ טערקישער פויער, אָדער איך וועל אָפּקויפן מיין פרייהייט. אויב אָבער די ביידע מיטלען וועלן מיר נישט געלונגען, וועל איך מוזן אַנווענדן דעם דריטן, דעם ערגסטן: די פיס פון מיין פערד „קיראַלינאַ״, וועלכער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ ערשטקלאַסיקן לויפער. ווענדיק זיך איבערצייגן דעריך, האָב איך געבעטן, מען זאָל מיר דערלויבן זיך צו פאַרמעסטן מיט מוסטאַפאַס אַראַבישן פערד. צופרידן פון מיין גוטער שטימונג, האָט ער אנגענומען מיין פאָרשלאַג, מיר געגעבן דרייהונדערט טריט פאַראויס און זיך געמאַכט פאַר אַ גבור, אַז ער וועט מיך דעריאָגן ביים, דאָרף, וועלכן מען האָט אַרויסגעזען אויף אַ מרחק פון דריי קילאָמעטער.

נאָכדעם ווי מוסטאַפאַ־בעי האָט אויסגעשאָסן פון אַ פיסטאָלעט, האָב איך אַריינגעשטעקט מיינע שפאָרן אין „קיראַלינעס״ זייטן. די שקאַפּע האָט זיך אַ הייב געטאָן אויף אירע הינטערשטע פיס, אַ ביס געטאָן דעם צוים און אַוועקגעטראָגן זיך ווי אַ ווינט. איך האָב נאָכגעלאָזן די לייטשעס און זיך צוגעפּעסטיקט צום זאָטל. דער ווינט האָט געבלאָזן אין מיינע אויערן מיט אַזאַ כּוח, אַז איך האָב בשום אופן נישט געקענט הערן דעם גאַלאָפּ פון מיין קעגנער. נישט ווייסנדיק אויף ווי ווייט

איך ווער אנגעזאָגט האָב איך דעם פערד כסדר געקלאפּט אין בויך אַריין. די ערד האָט זיך געדרייט אין מיינע אויגן. דער גרויער וועג איז געפלויגן, ווי אין אַ כשוף.

באַלד האָט זיך באַוויזן דער דאָרף, תיכּף דערגרייכט געוואָרן און פאַרבייגעפלויגן, אונטער די איבערגעשראָקענע בליקן פון די איינוווינער. גענז, הינער, קאַטשקעס, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, זענען צוטראַטן געוואָרן פון דעם פערדס קאָפּיטעס.

ענדלעך, האָט מען מיך געפּאַקט, אויף אַ קילאָמעטער פון דאָרף. אַ ביסל שפּעטער זענען די דינערס אויך אָנגעקומען מיטברענגענדיק מיין ביקס, וועלכן איך האָב פאַרלוירן, נישט וויסנדיק אפילו וועגן דעם.

„איך בין באַזיגט!" האָט צו מיר געזאָגט מוסטאַפאַ־בעי, דריקנדיק מיר די האַנט. „פאַרלאַנגט וואָס איר ווילט, און איך וועל דערפילן.

— אַזוי, האָב איך געזאָגט, „גיט מיר אַ קילאָמעטער פאָראויס, און דעם צוזאָג — מיך מער נישט צו זוכן, אויב איר וועט מיך נישט כאַפּן אין נענסטן דאָרף!"

דאָס האָט אים ווי געטאָן:

„בין איך אייך שוין אַזוי פיל צוגעגעסן געוואָרן? און וואָס פעלט אייך? פרויען? זאָגט און איך גיב אייך וויפל איר וועט אַליין וועלן; פון מיין האַרעם, אָדער פערצניעריקע בתולות. דאָס גאַנצע לאַנד איז פול מיט זיי; פון אַלע קאָלירן, פון אַלע נאַציעס, און זיי פאַרלאַנגען בלויז צו ווערן אונזערע שקלאַפינס, ווייל יעדער בתולה דאַרף דאָך, סוף־כּל־סוף, באַגעגענען איר שוטה....

— מוסטאַפאַ־בעי, האָב איך אַ געשריי געטאָן. „צי האַלט איר דען נישט, אַז די פרייהייט איז טייערער פון שקלאַפעריי און אַז אַ „שוטה" וועלכן מען ליבט איז מער ווערט פון אַ פרינץ, וועלכן מען האָט פיינט?

- אמת, האָט ער געענטפערט. „אָבער פאַרנעמט אייך נישט דערמיט, וואָס ס'איז אמת... פאַרנעמט זיך בעסער דערמיט,

וואָס ס׳איז גוט. מיר זענען די פולשטענדיקע באַלעבאַטים פון די דאָזיקע אַלע שטחים ערד און, פארשטייט זיך, איבער די בהמות אויך. לאָמיר נעמען דאָס, וואָס ס׳גיט זיך אָפּ בהמהדיק אין אונזער מאַכט!״

אין דער דאָזיקער רגע האָבן זיך מיינע אויגן אויפגע־עפנט, באַטראַכטנדיק דאָס לעבן באַוווּסטזיניק. און באמת, דער בעי איז געווען גערעכט אין זיין ציניזם. אַלץ האָט זיך „בהמהדיק״ אָפּגעגעבן אין זיין מאַכט. מען האָט גאָר קיינעם נישט געדאַרפט צווינגען.

טערקיי און בולגאַריע, מאַהאָמעדאַנער און קריסטן, רייך און אָרעם, אַלע זענען געווען געהאָרכזאַמע שקלאַפן. און אויב ס׳מיידל פלעגט נעלם ווערן, כּדי זיך צו שיצן פון אונז, איז כּדי נושא חן זיין ביים „מעכטיקן״ פלעגט איר דער טאַטע ברענגען און מקריב זיין מיט דערזעלבער לייכטקייט, ווי ער פלעגט אַוועקגעבן זיין בעסטן געלעגער און זיין בעסטע שפּייז.

די דאָזיקע בילדער האָבן פאַרשטאַרקט מיין חשק, וואָס שנעלער צו געווינען מיין פרייהייט. איך האָב מיך געהאַלטן שטאַרק שולדיק פאַרן שפּעדיקן לעבן, וואָס איך האָב געפירט; מיין יונג האַרץ האָט דערפילט אַ נויטווענדיקייט, אויסצולערנען זיך אַ אומאָפּהענגיקע פּראָפעסיע, כּדי צו קענען פאַרדינען ערלעך מיין ברויט. פון דעמאָלט אָן האָב איך פון קיין אַנדער זאַך נישט געקלערט, בלויז וויאַזוי צו אַנטלויפן. אָבער די דאָזיקע געלעגנהייט האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, דעריבער בין איך געווען שטאַרק פאַרזאָרגט.

די שמירה אַרום מיר איז געווען זייער אַ שטרענגע. אין די טעג פון די לאַנגע יאַגדן, פלעגט תּמיד, זייט ביי זייט מיט מיר, ניין מוסטאַפאַ, אָדער ביידע דינערס. ביינאַכט פלעג איך שלאָפן אין חדר פון מיין טרויערדיקן באַשיצער און פלעג גאָר נישט קענען טראַכטן וועגן אַנטלויפן. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אויס־געלאָזט מיט גאָרנישט מיין ערשטער פּלאַן. פון צווייטן פּלאַן, צו קויפן מיין פרייהייט, איז אויך גאָרנישט געוואָרן.

איינמאָל, אין אַ טאָג פון אַ פלייץ־רעגן, בעת דער בעי האָט

געשפילט אין שאַך מיט אַ גאסט, האב איך געמאכט אַ פּארטיע זשאַקע מיט מיין דינער. מיר זענען געווען איינע אליין. כדי צו דערשלאָגן זיך צו דאָס וואָס איך האָב געוואלט, בין איך געווען ווייך, סענטימענטאל, און צום סוף האָב איך אים ארויסגעזאָגט אפנ-הערציק, וועגן מיין געדאנק צו אנטלויפן. ער האָט זיך געמאכט טויב. דעמאָלט האָב איך אים פארגעלייגט מיין גאָלד און מיין צירונג. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט.

„ווי קומט עס, אַכמעד, מען זאגט דאָך, אז אין טערקיי קען מען אלץ קויפן פאר געלט.

— יאָ... מען קויפט...", האָט ער אַ מורמל געטאָן. אבער דער וואס פארקויפט, דארף באקומען גענוג געלט, כדי ער זאָל דערנאָך קענען אויסלייזן זיין קאָפּ... און איר האָט נישט אזוי פיל געלט".

איצט איז מיר מער נישט פארבליבן ווי איינצושטעלן מיין לעבן אין קאָן און אנטלויפן. איך האָב געוווסט, אז איך קען געהרגעט ווערן, ווי אַ הונט, און דאך האָב איך מיך קיין איין רגע נישט געוואקלט.

מיר האָבן זיך געפונען אין אַ בארגיקע געגנט, אַ באַ-וואלדטע, זייער צוגעפאסט צו מיינע כוונות. אויף צומאָרגנס, גאנץ פרי, האָבן מיר אָנגעהויבן ארויפצושטייגן אויף אַ שווערן וועג, צווישן יעגלינעס, אין אַ באַגלייטונג פון פינף מאַן אויף פערד, וועלכע האָבן געדאַרפט ארגאניזירן אַ טרייב-אגד.

כדי נישט צו געבן דעם דינער קיין צייט, אויף איבערצו-געבן זיין באַלעבאָס מיין נעכטיגן פארשלאג, האָב איך באשלאָסן אויסצופרובן מיין מזל, ווי נאָר ס'וועט זיך מיר פארשטעלן אַ געלעגנהייט. און אַ געלעגנהייט האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ גלענצענדע.

ביים זוים פון אַ גרויסן וואלד, ווו ס'האָט גע-

דרעמלט אַ קליינע אזיערע, אדורכגעשניטן דורך אַ טייכל, האָט זיך די קאָמפּאַניע אפּגעשטעלט.

„דאָ טרינקען זיך אָן די הירשן", האָט רויק געזאָגט אונ־זער אנפירער. און ער איז אוועקגעפאָרן מיט זיינע פיר מענ־טשן. די ביידע קנעכט זענען אוועקגעשטעלט געווארן אויף סטראַ־טעגישע פונקטן, באַקומענדיק אַ באפעל צו שיסן אין דער אָנ־געוויזענער רגע, כדי אונטערצוזאָגן דאָס געפאנג, אונטערן בעיס ביקס. צושפרייט אויף אזא אופן, האָב איך געזען, אז ס׳דער־בענטערט זיך מיין ישועה; ס׳איז געווען לייכטער צו אנטלויפן פון איין מענטש, ווי פון דער גאַנצע באנדע.

מיר האָבן געלויערט אין אַ דורכברוך פון אַ פעלז. מיר האָבן ארומגעפאסט מיטן אויג דעם גאַנצן געגנט, ווו די פאַר־פאָלגטע חיה האָט געדארפט פארביילויפן.

„איר זאָלט שיסן אינם פאל, אויב די חיה וועט פון מיר אנטלויפן, אדער זי וועט זיך דורכטראָגן לעבן אייער נאָז", האָט צו מיר געזאָגט מוסטאפא־בעי, „ווייל די שרעקלעכע קירא־איז נישט אזוי שרעקלעך אין אייערע הענט!"

איך האָב באמת, נישט געקענט שיסן.

ס׳איז אריבער אפשר, אַ גאַנצע שעה, ווי פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שאָס, נאָכדעם צוויי, אָדער דריי. דער בעי מיט אַן אויסגעשטרעקטע ביקס, האָט אויף אַלע זייטן געוואָרפן מיט די אויגן, און פלוצלונג, איז אויפן וועג, פונקט ווי פון דער ערד, ארויסגעוואקסן אַ שיינער הירש; אָבער אין איין רגע איז ער פארשוווּנדן געוואָרן אויף רעכטס, דארט ווו אַכמעט האָט אים אפגעוואַרט.

„מיר וועלן אים פאַקן!" האָט צו מיר געשריגן מוסטאפא־בעי. „איך גיי אים פארלויפן פון דער זייט! פארבלייבט דאָ און היט דעם דורכגאַנג, כדי אים צווינגען צוריקצולויפן!

— בלייב דו, און אט האסטו דיר דיין ביקס" האָב איך צו אים געריטשעט, זעענדיק אים אוועקפארן אין אַ גאלאפ. אוועק־ווארפנדיק די ביקס און די טארבע, האָב איך מיך אראבגע־לאזט אין טאל אריין, פארלאזן דעם וועג און איינגעזונקען אין

א געדיכטן וואלד פון יעגלינעס. ארויפקומענדיק אויף א גוטן וועג, האב איך געלאָזט מיין שקאפע לויפן אויף אלע פיר. מיין פרייהייט, אדער מיין טויט איז געווען אפהענגיק אן דעם דאָזיק גאַלאָפּ.

„ליבע קירע, קום מיר צו הילף", האָב איך געבעטן, ליגנדיק צוגעקלעפּט צום פערדס נאַקן.

. . . .

איך האָב געמוזט האָבן אָפּגעלאָפן, אומגעפער, א פינף וויאָרסט פון יאַגד־אָרט, בעת איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אין א קליין וועלדל, ביי דער מאַריצע. איך האָב געלאזט דעם פערד זיך פאשען און אפרוען זיך. אן כחות, און משוגע פון גליק, האָב איך מיך אויסגעצויגן אויף מיין דעקע. א אימה־געפיל האָט מיך געדריקט. ווען איך בין געפלויגן האָבן מיך געזען איינוווינער פון די דערפלעך און האלץ־העקער. און כסדר האָב איך מיך געהאלטן אין איין פרעגן: „צי בין איך פריי, אָדער ניין?"

איך האָב געזען ווי א ברייטע, שיינע לאַנד שפרייט זיך אויס פאר מיינע אויגן. און איך האָב נישט געוווסט, צי איך בין פריי זיך אויפצוהייבן און אוועקפארן, אָדער צי איך קען אוועקגיין אויף מיינע פיס. דער שאָטן פון א אומבעמערקלעכער האַנט האָט מיר געדראָט; ער האָט געקענט מיך אנכאפּן פארן קאָלנער און איינהאלטן.

דער שלאָף האט מיך ארויסגעשלעפּט פון א פאַרלעגנהייט. מיינע אויגן־לעפעלעך האָבן זיך צוגעמאכט. ווען זיי האָבן זיך אויפגעעפנט האָב איך מיך דערזען אין א קנאַפּערער פאַרלעגנהייט, ווי פארן שלאָף, ווייל לעבן מיר איז, אויפן טערקישן אופן, געזעסן מוסטאַפאַ־בעי און געוואכט איבער מיין גליק. אנווייזנדיק מיר אויף א קליינע טאָרבע פון אקסן־פעל, האָט ער צו מיר געזאָגט, בעת איך האָב מיר מיט די הענט געריבן די אויגן, כדי צו פארטרייבן דאָס, וואָס איך האָב אנגענומען פאר א קאָשמאַר.

„אַט האָט איר, דראַגאָמיר, איך האָב איך געבראַכט אייער פרישטיק... איר זייט מסתּם הונגעריק".

און אַביסל שפּעטער, ווען מיר האָבן געטריטן

„אָך!" האָט ער אויסגערופן; „איר זייט פעיק מיט מיר צו מאַכן אַזעלכע קונצן? צי האָט איר נישט געוווּסט, אַז דאָס וואָס דער מוסולמענער כאַפּט, פאַרגעסט שוין גאָט דערפון?"

* *
*

און עטלעכע טעג אַרום, ביי אונזער אָנקומען קיין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל, האָט מוסטאַפאַ, אין מיין קעגנוואַרט, זיך געווענ־דעט צו זיינע ביידע קנעכט מיט די דאָזיקע ווערטער:

„צוויי טעג אין דער וואָך וועט איר, רייטנדיק באַגלייטן דעם ה. דראַגאָמיר אויף אַ שפּאַציר פון אַ שעה צייט, און תּמיד, מיט דראַבנע טריט; און ווייסט, אַז איר ענטפערט פאַר אים מיט אייערע קעפּ. איך הייס אייך שיסן אין בויך פון זיין שקאַפּע, ווי נאָר ער וועט מאַכן דעם ערשטן פּרוּוו צו אַנטלויפן!"

און צו מיר:

„אַפילו אין שטוב האָט איר נאָר דאָס רעכט אַרומצושפּאַ־צירן אין אייער חדר!"

די קנעכט האָבן נישט געהאַט קיין גרויסע טירחה ביים אַרויס־ווייזן זייער ליבלעכע דינסט, ווייל איינם זעלבן טאָג בין איך קראַנק געוואָרן און אַריינגעלייגט זיך אין בעט. אַ גאַנצע וואָך בין איך געלעגן אָן באַוווּסטזיין, וואַרפנדיק זיך אין קדחת.

ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך געפונען, אַז מיין צימער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּיטאָל. צוויי דאָקטוירים זענען, איינער נאָכן צווייטן, געשטאַנען אויף דער וואַך ביי מיין צוקאָפּנס. מוסטאַפאַ־בעי איז געווען ממש משוגע. פאַרגעסנדיק וועגן דער גדלות פון זיין פּערזענלעכקייט, האָט ער זיך געוואַל־גערט לעבן מיינע פיס און געבעטן ביי מיר מחילה.

„איר וועט מיר לאָזן אוועקפאָרן?" האָב איך געפרעגט.

„אָבער דאָס איז דאָך אוממעגלעך, מיין אוצר! פאָדער־ט ביי מיר אַן אַנדער זאַך, פאָדערט אַלץ וואָס איר ווילט אַליין!..

—אויב אַזוי וועל איך שטאַרבן!״ האָב איך געזאָגט, אויס־דרייענדיק מיין קאָפּ צו דער וואַנט.

יאָ, איך האָב געוואָלט שטאַרבן. אָבער מען שטאַרבט נישט ווען מען וויל... אין דריי וואָכן אַרום האָב איך פאַרלאָזט דאָס בעט און אַרויף אויפן וועג פון געזונט. אַ גאַנצן חדש האָב איך געהאַט צו טאָן מיט זיך: דאָ מיט די נערוון און דאָ האָט מיך באַהערשט די מרה־שחורה.

וואָסער מתנה דער בעל האָט מיר נישט געבראַכט, פלעג איך זי צוטרעטן מיט די פיס, צוברעכן, צושטערן. איך האָב גע־שליידערט מיין שיינעם נאַרגיל אין די קראַטן פונעם פענצטער, און איך האָב צוּבראָכן מיין בראַסלעט אויף פּיצלאַך, און לסוף, ווי נאָר מיין אכזר פלעגט זיך באַווייזן אין מיין צימער, פלעג איך תיכף צופליקן מיינע בגדים.

אָבער דאָך, עפּעס אַ מין פאַרווײַלונג, אַ צאַרטע, אַ ריינע, אַ נישט־גערייכטע איז געקומען און אַריינגעבראַכט אַ שטיקל אָרד־נונג אין מיין צוּבראָכענעם אָרגאַניזם.

ס׳איז געווען ווינטער־צייט; דער אַנגענעמער און תּאווהדי־קער באָספּאָר־ווינטער. איינער אַליין, אין מיין צימער, פון אין דערפרי ביז פאַרנאַכט, האָב איך געהאַט די גרעסטע הנאה אַריינ־צוקוקן אין פּאַרק אַריין, דורך די דריי גרויסע פענצטער פונעם פּאַרטער, אין וועלכן איך האָב געוווינט. כּדי צו מאַכן אויפלעבן דאָס דאָזיקע פּוסטע אָרט פון פּאַרק, פלעג איך אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער די שיריים פון מיין עסן: ברויט, פרוכט, פליש, מיט דער כּוונה, אַז פייגעלעך זאָלן צוזאַמענפליען. אַ גאַנצע מחנה וואָראָבייטשיקלעך, און אפילו קראָען פלעגן זיך צונויפקו־מען און, בגנבה, פּיקן פאַר מיינע אויגן.

איינמאָל האָט זיך, צו מיין גרויס פאַרוווּנדערונג, באַוויזן אַ גרויסער הונט צווישן די בוימער. ער האָט זיך געהאַלטן אויף אַ בכבודיקן שטח פון די פענצטער, געשמעקט די לופט, און ווען איך האָב אים אַ רוף געטאָן, האָט ער אַריינגענומען דעם ווידל צווישן די פיס און אָפּגעצויגן, אַ פאַרדאַגהטער. איך האָב געטראַכט:

„אַט דער דאָזיקער האָט אויך, מסתּם פאַרזוכט די מענטש־לעכע העפליכקייטן!...

אין די נאָנטסטע טעג, איז ער ווידער געקומען און זיך אַביסל דערנענטערט. כּדי אים נישט איבערצושרעקן, האָב איך מיך געהאַלטן פאַרבאָרגן, און אַרויסגעוואָרפן אים דריי־פּירטל פון מיין רייכן מיטאָג, לסוף, האָט ער זיך ביסלעכווייז צו מיר צו־געוווינט. אויף מיינע פריינטלעכע ווערטער, האָט ער מיך באַ־גערט אָפּצוענטפערן, אַ דרייטאָגדיק מיטן שפּיץ ווידל, און אוועק געלאָפן. דאָס האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך דאַרף מיך אויף היינטיקן טאָג דערמיט באַנוגענען. איך האָב אים גע־געבן רעכט, ווייל אַ דאַנק מיין אייגענער דערפאַרונג, האָב איך שוין פון איצט אָן אַליין באַשלאָסן צו זיין פאָרזיכטיק אינם אויס־וואַל פון מיינע גוטע פריינט, אויב דער הימל וועט מיר נאָך אַמאָל אומקערן מיין פרייהייט.

דער דאָזיקער הונט האָט געהאַט אַ דערהויבענע נשמה... הגם ער איז געווען אויסגעהונגערט, האָט ער דאָך דעליקאַט גע־געסן; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אויפגערעגט דערפון, וואָס ער דאַרף אויפהייבן די שפּייז פון דער ערד. און קיינמאָל פלעגט ער נישט גריזשען די ביינער. ער האָט זיכער געהאַט אַ אנגעווייטיקט האַרץ. פאַרוואָס וויל ער זיך נישט שפּייזן פון מענטשלעכער וואוילטעטיקייט? (ס'איז אַ דבר ידוע, אַז אין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל האָט יעדער מאַהאָמעדאַנער זיינע שטאָט־הינט, וועל־כע באַגלייטן אים איין מאָל אין טאָג, אין דער בעקעריי, ווו זיי באַקומען זייער פאָרציע ברויט). צי האַלט ער עס פאַר אַ שענד־לעכע זאַך? צי מיינט ער, אַז ס'איז בעסער אַרומצולויפן אויפן לאַנד, כּדי צו געפינען אַ אומאָפּהענגיק שטיקל ברויט? אָדער, אפשר, דער געמיינער אויסמיש פון זיינע חברים, רופט ביי אים אַרויס אַנ׳עקל?

איך האָב אים געקרוינט מיטן נאָמען „וואָלף״, אַ נאָמען, וואָס איז צוגעפּאַסט צו זיין ווילדן און ווירדיקן לעבן, און איך האָב געטאָן אַלץ וואָס איך האָב געקענט, כּדי צו געווינען כאָטש

אַ התחלה פון זיין פריינדשאַפט. ער איז געווען זייער קאַרג אין זיינע אוואַנסן; אבער יעדער איינער האָט זיך זיין לעבן, זיינע ווונדן, זיין אייגענע פילאָזאָפיע. איך האָב דעריבער גע־שעצט זיין איינגעהאַלטנקייט. כדי צו באַווייזן אים, אַז איך פאַר־שטיי אים, פלעג איך דאָס פלייש וואַרפן נישט דירעקט אויף דער ערד, נאָר איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר. ער האָט עס, וואַר־שיינלעך, באַמערקט, ווייל צום ערשטן מאָל האָט ער באַשלאָסן זיך אַנידערצוזעצן אויף זיינע הינטערשטע לאַפּעס און אַנצוקוקן מיר גלייך אין פּנים אַריין, האַלטנדיק זיך אָפּגערוקט אויף אַ שטח פון אַ שטעקן.

„וואָלף" איז געווען אינגאַנצן ברוין, פון אַ אומבאַשטימטע ראַסע און נישקשהדיק גרויס. וואָס שייך זיין ריינקייט, טוט מען, אויף מיין ערן וואָרט, אַלץ, ווען מען לעבט אין דחקות... זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן זענען געווען אַ ביסל צו פיל צוגע־מאַכט, צוליב זיין טרויעריק לעבן, (מסתּמא, כדי בעסער צו זען) און זייער אויסדריק האָט קיין שום באַשטימטע זאַך נישט אַרויסגעזאָגט. אַלנפאַלס, זענען זיי נישט געווען העפלעך, און נישט גוטמוטיק. אויף זיין שטערן האָב איך געליינט אַ קאַלטע און עקשנותדיקע רויקייט.

„מיין אָרעמער וואָלף!" האָב איך צו אים געזאָגט, פאַר־צווייפלט, אַרויסשטעקנדיק, פון צווישן די קראַטנס, מיין האַנט, וואָס האָט געבעבעלט, כאָטש אַ סימן פון זיין פאַרטרויאונג. „מיין טייערער וואָלף, צי האָסטו באמת אַזוי שטאַרק געליטן, אַז דיין האַרץ איז געוואָרן אַזוי האַרט? איך גלויב, אַז דו ביסט אַמאָל געווען ביי גרויסע לייט, און דיין פעל האָט זיך באַקענט מיט דער איידעלער זייט פון ליבע; דו האָסט מסתּמא, אויך געהאַט אַ שיינע נאַרגיל, אַ בראַסלעט, אַ ביקס, מיט אַ שקאַפע, נאָכדעם אַ קרענק מיט דאָקטוירים; אָבער, ענדלעך, ביסטו פריי, בעת איך בין, אָן שום האָפנונג פאַרשלאָסן הינטער די קראַטעס. קום, טייערער ברודער וואָלף, דערנענטער דיך, און לאָז דיך גלעטן!"

איך קען נישט זאָגן, אַז אין טערקיי זאָלן די הינט פאַר־שטיין רומעניש, אָבער דאָס קען איך יאָ פעסטשטעלן: נאָכדע־

ווי מיין „וואָלף” האָט עטלעכע וואכן אויסגעהערט מיינע פּאַר־צווייפלטע קלאָגערייען, איז ער איינמאָל צוגעקומען און דרייסט אריינגעשטעקט זיין לאַפּע אין מיין האַנט: דעמאָלט, קען איך זאָגן, האָב איך באַקומען די אויפריכטיקסטע האַנט־דריקונג פון מיין גאַנץ לעבן.

איך בין געווען גליקלעך — אדער, אויב מען וויל, האָב איך אויפסניי געפילט אַ גרויסע פרייד, וועלכע באַזוכט בלויז אומשטערבלעכע הערצער, נישט געקוקט אויפן אומגליק, וואָס צושטערט זיי. איך האָב מיך שטאַרק אָפּגעהיט, נישט צו פאַר־ראַטן מיין פריינדשאַפט מיטן „וואָלף”. כדי צו פערהיטן דעם פאַרראַט, וואָס קען, אויף אַ אומפאַרזיכטיקן אופן, אַרויס־וואַקסן פון זיין זייט, האָב איך אים אויסגעלערנט צו פאַר־שטיין, אַז ס'איז נישטאָ צום עסן, ווען די פענצטער זענען צו־געמאַכט. ער האָט עס אַזוי גוט פאַרשטאַנען, אַז ווען ער פלעגט שפּעטער זיי זען צוגעמאַכט, פלעגט ער זיך אויסדרייען און אוועקגיין. דאָס גלייכן ביי אונזערע שמועסן. ווען איך פלעג צו אים זאָגן: „גיי מיין פריינט, גיי!... און קום מיך זען מאָרגן” פלעגט ער תיכף אוועקגיין, ווי נאָר איך פלעג צומאַכן דעם פענצטער. ער פלעגט אוועקגיין בכבודיק, ווי אַ פריינט, נישט אויפרעגנדיק זיך.

מוסטאַפאַ־בעיען און זיינע קנעכט פלעג איך אויפנעמען אין באַשטימטע שעהן. צוליב מיין נערוועזיטעט זענען די אויפ־נאַם־שעהן געווען זייער קורצע. באַזונדערס, האָט מיך אַרויס־פירט פון די כלים דעם בעיס אַנוועזנהייט, און ווי נאָר ער פלעגט אריינקומען, פלעגט ער תיכף אַרויס, ווי אַ פייל פון בויגן. זיין צימער האָט זיך געגרענעצט מיט מיינעם, אָבער אַ גרויסער רויכער־צימער האָט אונז אָפּגעטיילט. צוליב מער זיכערקייט, פלעג איך מיך צושליסן.

מיטן פרייד, וואָס וואָלף האָט מיר געבראַכט, האָט זיך מיין שטימונג געענדערט. איך בין געוואָרן פרידליכער. דער בעי האָט מיר אָפּגעענטפערט מיט פאַרשיידענע חסדים. ער האָט מיר דער־לויבט יעדן, טאָג צו שפּאַצירן אין גאָרטן, אין דער באַגלייטונג

פון אַ קנעכט, פארשטייט זיך.

אבער צוויי פון זייבע חסדים זענען געווען פאר מיר פאַ־טאַל און האָבן געהאט אַ אומפאראויסגעזעענע ווירקונג אויף מיין גאַנצן לעבן.

צווערשט האט דער בעי ארייגעפירט אין זיין הויז בראָנפן, וואָס איך האָב ביז איצט נישט געקענט. צום אומגליק, האָבן די דאָ־זיקע זיסע ליקערן אביסל צוקיצלט מיין צונג. אונטער דער מאַכט פון דער געמיינער שיכּרות, פלעגט מיין מוח פארלירן די געפילן פון דער טרויערדיקער ווירקלעכקייט, און מיין קאָפּ פלעגט אוועק־שפאצירן, ווער ווייסט ווו. דערין האב איך געפונען אַ טרייסט. און איך האָב געפאָדערט כּסדר אַלקאָהאָל. מען האָט עס מיר גערן דערלאַנגט, און דערלאַנגט האָט עס מיר דער בעי אליין. מיר האָבן געשיכּורט. קריכנדיק זאַלבע צווייט אויף אלע פיר אויפן טעפּיך פון רויכער־זאַל, האָבן מיר גערישטשעט ווי חיות. אים, האָט מען לגמרי נישט געקענט דערקענען. זיין פּנים האָט נישט געהאט קיין מענטשלעכן אויסזען, און איינמאָל, אין אוונט, ווען ער האָט געוואָלט ארייננעמען צווישן זיינע ציינער אַ פינגער פון מיין פוס, האָב איך אים דעלאַנגט אין פּנים ארייין מיט אַן אייזן פון וואס מען שאַרט קוילן. ער איז פארבליבן ליגן רויק אויף דער ערד, געלאָזט דאָס בלוט פליסן אויף זיין מויל און געלעקט זיינע ליפּן. איך האב אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים אריין, ער האָט כּסדר געלעקט.

אבער דער צומאָרגנס נאָך די דאָזיקע אָרגיעס זענען גע־ווען שרעקלעך פאר מיר. מיט א שווערן קאָפּ, מיט אַ בלאסן פּנים, מיט אַ קלאַפּנדיק הארץ, פלעג איך ביז מיטאָג אָפּליגן אין בעט און קרעכצן. די טאָג־ליכט פלעגט מיר שטערן. דער בעי פלעגט די ליכט ארויסשטופן הינטער די דיקע פאָרהאַנגען. און ווי נאָר דער צימער פלעגט באלויכטן ווערן מיט אַ סך ליכט און פלעגט באַגאָסן ווערן מיט קטורת פלעגט זיך די משוּ־געת ווידער אנהויבן.

איינמאָל אין אוונט, ווען איך בין געווען טויט־שיכּור, האַבן זיך אין רויכער־צימער ארייגעריסן פיר יונגע מיידלאך

מיט טאַמבורינען און מיט קאַסטאַנעטן, און זיך אַ לאַז געטאָן אין אַ משוגענעם טאַנץ. מיין הארץ האָט געצאַפּלט פון שמחה!...
דאָס זענען געווען, באמת פיר קירעס, אויסגצפּוצטע, ווי אריענ־טאַלע פּרינצעסינס, מיט פּנימער לייכט באַדעקט, מיט וואַלן.
איך האָב אַ שפּרונג געטאָן פון ארט, אויסגעקערט מיין קאַווע, מיין גלאָז מיט ליקער, אראָפּגעוואָרפן מיין לולקע און זיך אַ שליידער געטאָן צו זייערע פיס. אויסגעצויגן אין מיטן צימער, מיט צוגעמאַכטע אויגן, האָב איך לאַנג־לאַנג געפילט דאָס צוריי־רונג פון זייערע קליידער, און די טויזנטער אומבאַקאַנטע ריחות, וועלכע האָבן זיך אריינגעריסן אין מיינע נעזלעכער, נאָכדעם...
נאָכדעם, האָב איך פארלוירן מיין באַוווסטזיין...
ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אין מיין בעט, האָב איך מער נישט געוואָלט גלייבן מיינע אויגן, מיינע געפילן, דער העסלעכער ווירקלעכקייט!... פיר זונות פון געמיינסטן סאָרט, אַלטע, געמארשטשעטע, שענדלעך נאַקעטע, האָבן מיך געאָרעמט, האָבן מיך געצויגן אין אַלע זייטן, און באַדעקט דעם פּנים און דעם קערפּער מיט שפּייעכץ. איך האָב מיך אָפּגעשלאָגן און גע־רופן צו הילף. זיי האָבן מיך מכבד געווען מיט אַ שטאַרקערע ליבע. דעמאָלט האָב איך מיך ארויסגעריסן פון זייערע ארעמס, געכאַפּט די פייער־צוואַנגען, און חרוב געמאַכט אין צימער אַלץ, וואָס איז ארונטערגעפאַלן אונטער מיינע הענט: שויבן, וואַזעס, סטאַטועס, לוקסוס־זאַכן.
איבערגעשראָקענע, האָבן זיך די עקלדיקע געליבטע גע־וואָרפן פון צימער ארויס און געגאַנגען דערציילן מוסטאַפאַ־בעי־ען, אז איך וויל נישט זען די פיר יונגע מיידלעך, אין דער צורה פון זונות, מיט פּנימער פון סאָוועס.

נאָך דער דאָזיקער אָרגיע־נאַכט האָב איך מיך, אויף פיר און צוואַנציק שעה פארשלאָסן אין מיין צימער און קיינעם נישט געוואָלט אויפנעמען. דאָס עסן האָט ביי מיר ארויסגערופן אַן עקל; איך האָב אַלץ אַוועקגעגעבן וואַלפּן, פאַר וועמען איך האָב מודה געווען מיין געמיינהייט.

ענדלעך, דערפילנדיק אַ שטאַרקן עקל צו מיין שמוץ, אין וועלכן דער בעי האָט מיך געוואָלט אריינשליידערן, האָב איך באַשלאָסן זיך אויפצוהענגען, און איך האָב געבעטן מעלדן מיין מושל, אז אויב ער וועט מיך נישט אפלאזן, וועל איך אנווענדן אַלע מיטלען כדי אויסצופירן מיין פלאַן. מען האָט מיר געענטפערט, אַז דער בעי איז אוועקגעפארן אויף אַ צען־טאָגעדיקע נסיעה. די דאָזיקע אומגעריכטע ידיעה איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע איבעראַשונג און גלייכצייטיק, איז מיר לייכטער געוואָרן אויפן הארצן. תיכף האָב איך אנגעהויבן צו טראַכטן, ווי צו אנטלויפן.

ס׳איז געווען מערץ מאָנאַט. אויף צומארגנס נאָכן אפפארן פונם בעי, האָב איך שפּאַצירט אין פּאַרק, אין דער באַגלייטונג פון מיין קנעכט. מיטאַמאָל איז מיר אריין אַ געדאַנק אין קאָפּ: „דורך וואַנען קומט דער הונט אין פּאַרק אריין?" דער דאָזיקער פּאַרק איז געווען ארומגערינגלט מיט אַלטע, הויכע, געמויערטע ווענט, וועלכע ס׳איז געווען אוממעגלעך אריבערצושפּרינגען, און דער גרויסער טויער איז תמיד געווען צוגעמאַכט. ס׳האָט געמוזט ערגעץ זיין אַ לאָך. שטיל האָב איך אָנגעהויבן צו קוקן אויף אַלע זייטן. און צווישן דעם בלושטש און די קוסטעס לענגאויס די וואַנט, האָב איך, אין איין אָרט באַמערקט, אַז די בלעטער זענען צוטראָטן. אויסזוכנדיק אַ תירוץ, אַז איך גיי צוליב אַ נויטיקע זאַך, האָב איך געלאָזט מיין העסליכן דינער שטיין אויף אַ שטעטשקע, און אליין אַריינגעדרונגען צווישן די קוסטעס. דאָרט האָב איך ענטדעקט, אונטן אין דער וואַנט, אַ גענוג ברייטן דורכברוך, וואָס איז ארויסגעקומען אין אַ קנאָפּ באַוואַכסן אָרט אין דאָרף. איך האָב געמאַכט אַ סימן אויף דעם דאָזיקן אָרט, וואָס האָט זיך געפונען אנטקעגן מיינע פענצטער.

געפאַנגען אין מיין פעסטונג, האָט זיך ביי מיר אין זעלבן אוונט מיין מאַרך אָנגעצונדן. די ישועה איז געווען, דאָ נישט ווייט, אויף אַ צוויי הונדערט טריט פון מיין חדר. וויאַזוי קען

מען אדורכקריכן דורך די דאָזיקע קראַטן, אייגעפּאסטע אין שטאַרקע דעמבענע פענצטער־ראמען?

ווען די ליכט איז פארלאשן געווארן, האָב איך ביז אַ האלבע נאכט געפּרובט; איך האָב מיך אָפּגעמאטערט, וועלנדיק צוערשט פאנאנדערשפּרייטן די קראַטעס, דערנאָך צושניידן, מיט מיין מעסערל, אונטן די ראם און ארויסרייסן דעם אייזן. אומזיסטע טירחה! איך האָב געפילט, אַז איך ווער משוגע. דאָרט אין דרויסן: די פולע לבנה, די רויִקע נאַטור, רוים, פרייהייט... דאָ: תפיסה, אויסגעלאסנקייט, אכזריות... איך האָב געזען, ווי דער בעי קומט אָן, און ווי ס׳הייבן זיך אן די ארגיעס מיט די ווילדע טענץ. איך האָב געפילט, אַז איך ווערג מיך. דער צימער האָט ביי מיר אויסגעוויזן ווי אַ גיהנום־שטייג, ווו ס׳וואָלטן טייוולאָנים. אַ קאַלטער ציטער איז מיר אדורכגעלאָפן איבערן פלייצע, אַ קאַלטער שווייס האט באגאסן מיין פּנים, אַ שרעקלעכער ציטער האָט ארומגעכאפּט מיין גוף, אויף אַזוי פיל, אַז איך האָב צוביסן מיין צונג ביז בלוט.

דער זייגער האָט געקלאפּט אויף צוויי פארטאג. אַ קברים שטילקייט האָט געהערשט אין גאַנצן הויז...

איך האָב שנעל צונויפגענומען קליינע העלצלעך, פּאַפּיר, און אנגעצונדן אַ פייער אויפן פענצטער־אַמבראַזור. ציטערנדיק מיט אַלע מיינע איברים, איבערגעשראָקן פון מיין טאַט, האָב איך אַביסל שפּעטער זיך צוגעקוקט, ווי דער גאַנצער פענצטער שטייט אים פלאמען, ווי דער צימער איז אנגעפילט מיט רויך און דער פארק באלויכטן. איך האָב צוגעדריקט מיין מויל מיט ביידע הענט, כדי נישט צו מאכן קיין געוואלד. מיט די העכסטע אנשטרענגונגען האָב איך געכאפּט דעם קוילן־אייזן און ארויסגעריסן מיט אים צוויי קראַטעס, וועלכע זענען אנגעברענטע אריינגעפאלן אין צימער, צוזאמען מיט די ברענעדיקע קוילן, נאָכדעם האָב איך פיבערהאפט אַ כאפּ געטאָן מיין פארמעגן און אריינגעשפרונגען אין פארק אריין, ווו איך האָב מיט אלע כחות געלאָפן צו דער געמויערטער וואנט...

אבער אַ צומישטער, האָב איך אין דער פינצטער נישט גע-

קענט געפינען תיכף דעם חלל. ס'האט מיך ארומגעכאַפּט אַ פּחד, איך האָב פאַרלוירן דעם קאָפּ, איך בין געלאָפן אהין און צוריק, געראַיעט זיך צווישן די צווייגן, צובלוטיקט דעם פּנים און די הענט. סוף-כל-סוף, האָב איך, מיט אַ געשריי פון שמחה, געפונען דער דורכגאַנג און אַרויסגעשפּרונגען אינדרויסן!...

. . . .

אין צוויי שעה אַרום, פאַרזאָרגט מיט אַ שיין ביסל גאָלדענע מטבעות, האָב איך מיך געפונען אויף דער אַזיאַטישער זייט, און אונטער דעם שוץ פון קליינעם טאָג, האָב איך פון דאָרט באַטראַכט דעם גלייכן שפּיץ פון פּ ע ר אַ, ווו אומגעהויערע פלאַמען-צונגען האָבן זיך דערהויבן ביזן הימל!... דאָס איז געווען נאָך אַ שׂרפה, אין דעם דאָזיקן קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס ווערט תמיד פאַרצערט דורך שׂרפות...

אין אָוונט פון דעם דאָזיקן פרייהייטס-פרימאָרגן, האָט מיר אַ דיליזשאַנס אָראָפּגעלאָזט אין אַן אכסניה, אין אַ קליינע טערקישע שענק. אין צוויי טעג אַרום, בין איך שוין געשלאָפן אין סמירנע, און מיט אַכט טעג שפּעטער, האָב איך גערויכערט אַ גוטן נאַרגילע אויף דער ערד-טעראַסע פון אַ גרויסער ביירוטער קאַפעהויז.

אבער ס'איז נאָך נישט דער סוף...

* *

*

איצט האָב איך אויף זיך געקוקט, ווי אויף איינעם, וואָס זעט דאָס לעבן זייער בולט, און וועלכער וועט זיך שוין מער נישט לאָזן אָפּנאַרן. איך האָב צו יענער צייט געהאַט זעכצן יאָר, און אַ ביסל דערפאַרונג. די דאָזיקע דערפאַרונג האָט צוטיילט די געזעלשאַפט אין דריי קאַטעגאָריעס. קודם כל: די צאַרטע און ליבלעכע וועזנס, ווי קירא אין מיין מאַמע; נאָכדעם: די מנוולים, ווי מיין טאַטע: און לסוף: אַזעלכע, וואָס זענען גרויסמוטיק ווי מוסטאַפאַ-בעי, פאַר וועלכע מען דאַרף זיך היטן".

און אויף דער טעראַסע האָב איך אַכטונג געגעבן איך זאָל זיך נישט געפינען לעבן עפּעס שפּילערס פון שאָך, מיט סימפּא־

טישע מאנירן. איך האָב געטראַכט וועגן מיין וואָלף, וועלכער האָט זיך נישט געאיילט אנצונעמען מיינע צערטלעכקייטן, און איך האָב מיך איצט נוהג געווען פונקט ווי ער: איך האָב געוויכט פון די הענט, וועלכע האָבן זיך געצויגן, כדי אַ גלעט צו טאָן מיינע יונגע באקן.

איך האָב מיך אָבער אזוי גוט אָפּגעהיט, אז, איידער כ'האָב זיך נאך ארומגעזען, בין איך שוין אריינגעפאלן אין אַן אנדער גרוב, ווייל מיינע דריי קאַטעגאָריעס האָבן נישט ארומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לעבן.

איך האָב געדונגען א צימער איבער דער שיינער טעראַסע פון „גרויסן קאָנצערט-זאַל-וואריעטע", אויפן איינציקן עפנטלעכן פלאַץ אין ביירוט. פון אין דער פרי ביז פארנאַכט איז די קאַ-פע געווען געפאקט מיט פארשיידענע וועלט-טיפּן; אָבער אַחוץ דער שיינקייט פון לאנד, וועלכע איך האָב אויסגעמיטן, האבן מיר אין דעם דאָזיקן ארט באַצויבערט אַ טרופּע ארטיסטן, וואָס האָבן גע-שפּילט אין „וואריעטע". מענער אדער פרויען, יונג אדער אלט, שיין אדער מיאוס—אלע זענען געווען פול מיט לעבן. אומעטום געלעכטערס, פריילעכע שפּאַסן. פאר אלע געסט האָבן זיי געהאַט אַ ווערטל. און יעדער איינער האָט עפּעס פון זיי געגנאַסן. היות איך בין געווען איינער פון די געסט, האָב איך אויך געהאַט אַ שטיקל צונאָמען. און געגנאָסן האָב איך אויך זייער פיין....

די דאָזיקע ארטיסטן זענען געווען איטאַליענער, גריכן און פראנצויזן. זיי האָבן געוווינט אין זעלבן האָטעל וואָס איך, אין זעלבן שמאָלן קאָרידאָר. פונקט קעגנאיבער מיין צימער האָט גע-וווינט אַ יונג גריכיש פּאָרל, וואָס האָט זייער שיין געזונגען. דער מאַן איז מיר נישט געפעלן געווארן, אבער דאָס ווייב וואָלט איך איינגעשלונגען! איך האָב איר געשלונגען פארבאָרגענערהייט. זי האָט עס באמערקט. אליין,כמעט נאַקעט ביים טואלעט, פלעגט זי תמיד לאָזן אפן די טיר, אין די שעהן, ווען איך פלעג ארויס-גיין. דאָס פלעגט מיר שטארק זשענירן און איך פלעג צומאכן די אויגן אויף אזוי פּי׳, אויף וויפל איך האָב עס געקענט; אבער

עמיצער, וואס איז שטארקער פון מיר, פלעגט זיי מיר אויפעפענען.

און אט, איינמאָל, ווען מיר האבן זיך דורכגעקרייצט אין דער פינצטערנישט פונם קאָרידאָר, האָט זי מיך ארייגעכאפט אין אי־רע ארעמס, געגעבן אַ שטאַרקן קוש, און געזאָגט:

„ער איז זייער אַ שעמעוודיקער, דער דאָזיקער יונגער מאַן! מען דאַרף אים צוגעבן מוט!"

אַ צוחושטער פון דער דאָזיקער פאסירונג, האָב איך, אין מיין צימער, צו זיך אזוי געזאָגט. „וואָסער אומגליק שטעקט דערין, אַז אַ פרוי טוט אמאָל אַ קוש אַ יונגן מענטשן?" ווייל איצט בין איך שוין געווען אַ „יונגער מענטש". אזוי האָט זי געזאָגט. מיינע קליידער, מיין אומאפהענגיקייט, מיינע טייערע חפצים האָבן עס אויך באַוויזן. בלויז מיין שכל האָט עס נישט באוויזן, ווייל איך האָב פארלוירן מיין קאָפּ, אָבער ווען שטערט ער דען, דער שכל, אין לעבן?

איינמאָל, נאָכמיטאָג האָב איך באטראכט די מחנות מעטשן, וועלכע האָבן געווימלט אויפן פלאַץ. איך האָב געטראכט וועגן שפיל. וועגן דער שטימע און וועגן דער מימיק פון דער ארטיסטן, דערמאָנענדיק זיך גלייכצייטיק וועגן קירעס פעיקייטן, — ווי מיט־אַמאָל האָט זיך די טיר א עפן געטאָן און די זינגערין איז אריינ־געקומען. איך האָב מיך איבערגעשראָקן.

„שרעק דיך נישט מיין קליינער: ער איז אונטן, פארטאָן אין אַ גרויסע געלט-שפיל".

זי האָט מיך ארומגעכאַפּט פארן האלדז. איך האָב פראָ־טעסטירט:

„איך וויל נישט, איר זאָלט דאָ בלייבן.

— וואָס? דו יאָגסט מיך ארויס? מיך, וועלכע האָט דיך ליב... און וועלכע איז געווען זיכער, אז זי איז געליבט!" האָט זי גע־זאָגט מיט אַ זיסע שטימע, ארומנעמענדיק מיך. איך בין געבליבן זיצן לעבן איר, אויפן בעט, און איך מוז מיך מו־ה זיין, אז ס'איז מיר נישט געווען זייער שלעכט. און איך וו ס נישט ווי־אזוי, נאָר גלעטנדיק מיר, האָט זי אויפגעעפנט די טיר, און אריינגעשלעפט שנעל אַ טאַץ, אויף וועלכער ס'האט זיך געפונען

אויסלענדישער ווײַן און געטריקנטע צוקער־קיכל. זיי זענען מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן! זי האָט געבראַכט נאָך אַנדערע זאַכן. זייענדיק אַ ביסל בגילופֿין, האָב איך איר נאָכגעגעבן, אין צערט־לעכקייטן, און אין קושן!

זי האָט מיך אָבער צופֿיל געצערטלט, און איך בין רויט געוואָרן.

„דו ווייסט, מײַן קינד?", האָט זי צו מיר געזאָגט. „דו טויגסט שוין צו גאָרנישט! אין דײַן עלטער!"

וועלנדיק אַרויספֿירן מיך פֿון מײַן פֿאַרלעגנהייט, האָט זי געענ־דערט די טעמע.

דו ביסט אַ ראַיאַ? *)

— איך ווייס נישט...

— און וואָסערע פּאַפּירן האָסטו?

— איך האָב גאָר קיין פּאַפּירן נישט.

וואָס! דו פֿאָרסט אַרום איבער טערקיי אָן שום פּאַפּירן? ווי קען מען זײַן אַזוי אומפֿאַרזיכטיק, מײַן פֿרײַנט: מען קען דאָך דיך זייער לײַכט אַרעסטירן!"

איך בין געוואָרן אויפֿגעציטערט. ווען מען וואָלט מיר אָנגעזאָגט אַז מוסטאַפֿאַ־בעיס מענטשן שטייען ביים טיר, וואָלט איך קיין גרעסערן שרעק נישט איבערגעלעבט.

איך האָב איר געבעטן זי זאָל פֿאַר קיינעם מיט קיין וואָרט זיך נישט אויסריידן, אַז איך האָב קיין פּאַפּירן נישט. זי האָט מיר צוגעזאָגט צו נעמען מיך אונטער איר שוץ. ווידער פּראָטעקציע! ווידער פּראָטעקציע: צי איז טאַקע אין ערגעץ נישטאָ קיין עצה, ווי אַזוי צו לעבן פֿרײַ, אָן פּראָטעקציע?...

פֿינצטערע געדאַנקען האָבן מיך אַרומגעכאַפּט, זי האָט געגלעט מײַנע פֿינגער:

„סאַראַ שיינע רינגען דו האָסט און דו ווילסט מיר אַפֿילו קיין איינעם נישט שענקען?"

---

*) ראַיאַ: אַ טערקישער אונטערטאַן

איך האָב נאַטירליך נישט געקענט אָפּזאָגן מיין בעשי־צערין, און איך האָב איר געשענקט אַ רינג.

מיין לעבן איז ווידער אונטערגעריסן געוואָרן. און ס'איז אפילו נישט אַדורך קיין צוויי וואָכן, ווי איך האָב געגאָסן פון פרייען לעבן. אַ אומבאַמערקלעכע האַנט, לאַנג, ווי פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל ביז ביירוט, האָט אויף ס'נײַ באַדראָט מיין פרייהייט.

אָבער אַ אַנדער האַנט, אַ באַמערקלעכע האָט זיך איצט מיט מיר מחותן געווען. אין דעמזעלבן אָוונט, נאָכן פאַרברענגען מיט מיין „אַפּיעקונקע" האָב איך באַקומען אַ חשבון פאַר די ווייגען און פאַר די צוקער־קוכן, וועלכער האָט באַטראָפן נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ חדש לעבן, צוזאַמען מיט דירה־געלט. באַצאָלנדיק דעם דאָזיקן חשבון האָב איך געטראַכט: „דער דאָזיקער חשבון, און מיין אָוועקגעשאַנקענער רינג באַווייזן, אַז מיין פרייהייט איז אין סכנה.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך מיך אין דעם איבערצייגט.

די זינגערין און איר מאַן זענען געוואָרן מיינע שטענדיקע געסט, אָדער גאַנץ פּשוט מיינע פּענסיאָנערן. איינמאָל, ווען מיר האָבן געשפּילט אין קאָרטן איז אַריינגעקומען אַ פּאָליציי־אָפיציר און זיך געווענדעט צו מיר:

„איר וווינט דאָ?

— יאָ, מיין הער" האָב איך געזאָגט מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם.

„אַלזאָ, זייט אַזוי גוט און קומט מאָרגן אין דערפרי אין פּאָליציי ביוראָ, מיט אייערע פּאַפּירן".

ער איז אָוועקגעגאַנגען, באַגריסנדיק העפלעך מיינע חברים.

מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך זינק אין דער ערד אַריין.

„נעמט אייך נישט שטאַרק צום האַרצן!" האָט צו מיר געזאָגט מיין פּראָטעקטאָרשע. „מיין מאַן גייט תּיכף צו מאָרגן, אים זאָגן, אַז מען זאָל אייך לאָזן צו רו, זיי זענען גוטע פריינט!"

אַך, ווי איך האָב זיי דעמאָלט געדאַנקט!

און, באמת, מער האָט מיך די פּאָליציי נישט געטשעפּעט. פילנדיק אַ טיפע דאנקבאַרקייט צו זיי, האָב איך געטראַכט ווי־אַזוי אַרויסצווייזן זיי מיין אנערקענונג, נישט מיט דער אכילה, נאָר אויף אַן אנדער אופן. זייער שנעל האָט ער מיר אליין געגעבן די געלעגנהייט.

„איך האָב נישט קיין הצלחה אין שפּילן, מיין טייערער", האָט ער מיר, איינמאל אַ זאָג געטאָן אין פּנים אריין; „צי קענט איר מיר נישט לייען צוויי טערקישע פונטן?

— מיטן בעסטן פארגעניגן".

אויפן צווייטן טאָג האָט ער געהאַט דעם זעלבן מזל, און האָט מיך ווידער געבעטן צוויי פונט. אויף איבערמאָרגן נאָכ־אַמאָל אזוי פיל. ער האָט אַ גאַנצע וואָך אַזוי גענומען, ביז איך האָב מיך באַרעכנט, אַז זיין טרויערדיקער מזל וועט מיך אין דריי חדשים אַרום לאָזן אָן אַ פּרוטה.

באַהערשט דורך אַזאַ געזונטן געדאַנק, האָב איך, אין דעמזעלבן אוונט, אין דער געזעלשאַפט פון צוויי גרויסע טעפּיך־סוחרים, זיך אוועקגעלאזט קיין דמשק.

וויגנדיק זיך אין אַ ווינקל פון דער הארבּיאַ *), האָב איך גע־טראכט וועגן דעם, ווי דאָס לעבן איז קאָמפּליצירט. איצט האָב איך באַשלאָסן, — דארף איך מיך היטן פאר די ווייבער, וואָס ווארפן זיך אויפן האלדז, אין די פינצטערע קאָרידאָרן

דמשק איז געווען פאר מיר אַן אמתער „וועג קיין דמשק": אין מיין גאַנצן לעבן איז דארט פארגעקומען אַ שנוי.

ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איבער דער דאָזיקער שטאָט האָט גאָט דורכגעזיפּט דעם גאַנצן גרויען שטויב פון דער גאָר־רער וועלט. קומענדיק אהין האָב איך געמיינט, אַז איך הויך אויס מיין נשמה.

כדי איך זאָל זיך נישט ווארפן אין די אויגן, האָב איך אנגעטאָן אַ קאסטיום פון אַ אָרעמען גרעק. די איבעריקע זאכן

*) הארבּיאַ: אמניבוס

האָב איך פאַרבונדן אין אַ גרויסער טיכל און געטראָגן עס אין דער האַנט. וואָס שייך מיין צירונג און די טערקישע פונט, האָב איך עס געטראָגן אין אַ קעמיר *) אונטער די בגדים, אויפן נאַקעטן קערפּער. איך האָב געטראַכט, אַז מיט אַזאַ הילוך וועל איך פּטור זיין פון אַ נישט געוויינשענער „פּראָטעקציע". איך האָב ארומגעשפּאַצירט איבער גאַסן, ענליכע צו טונעלן. אין דער פאַרשטאָט קאַדעם בין איך אריינגעלאָפן אין הייזער, זוכנדיק אַ ביליקן צימער. דער בעל-אַכסניה האָט געזאָגט, אַז אויב ביליק, מוז מען זיין זאַלבעצווייט אין איין צימער. איך האָב אַנגענומען דעם דאָזיקן פאָרשלאָג. אריינקומענדיק אין צימער, כדי אַנידערצולייגן מיין פּעקל, האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם באַלעבאָס, ווער ס'איז מיין שכן.

„אַ מענטש ווי דו!" האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ בייזע מינע.

אַ שרעק איז אויף מיר אַנגעפאַלן. מיין היים, קירא, מיין מאַמע, זענען פאַרזונקען געוואָרן אין דער טריבער ווייטקייט, און פאַרשוואונדן פון מיר אויף תמיד. און איך, וועלכער האָט אין ערגעץ נישט געקענט זיך איינוואָרצלען, וואָס האָב איך געזוכט אין דער דאָזיקער אומגליקלעכער שטאָט? אויף וואָסער אופן האָב איך נאָך געהאַפט צו געפינען מיין שוועסטער? און וויאַזוי וועל איך לעבן, ווען מיין געלט וועט מיר אויסגיין?

אַ חוץ אַלעם, האָב איך נישט געהאַט קיין שום פּאַפּירן. ווידער אַן ערנסטע שאלה. מען קען מיר נאָך אַרעסטירן. ווער וועט מיר דערנאָך ארויסנעמען פון תפיסה?

אויפן הויף פון דער אכסניה זענען, ארום אַ פאָנטאַן, אַ באַוואָקסענעם מיט בלומען, געזעסן מענטשן, געפּלוידערט, געטרונקען בראָנפן, און געהאַט אַ גליקלעכן אויסזען. די דאָזיקע מענטשן זענען געווען ביי זיך אין דערהיים. זיי האָבן זיך געקענט, געהאָלפן איינער דעם צווייטן, זיך געפרייט און געליטן געמיינזאַם. און איך? וואָס בין איך פאַר זיי? אַ פרעמדער! ווער וועט אַריינ-

---

*) אַזאַ מין גאַרטל אויפן אָריענט, ווו מען טראָגט געלט.

קומען אין אַ צימער ווי אַ פרעמדער מענטש גוססט? ווער העט זיך ביי אים אַ פרעג טאָן, צי זיין האַרץ גלוסט עפּעס?

אינסטינקטיוו, האָב איך צוגעלייגט מיין האַנט צום קעמיר, ווי ס'האָט זיך געפונען מיין געלט, מיין איינציקער פריינט. אָבער געלט, איז אַזאַ פריינט, וואָס גייט אַוועק אין בענקשאַפט, אין מאַ־טערניש, אויף אַ פאַררעטערישן אופן, און איך האָב קיינמאָל נישט געוווּסט, מיט וואָסער עצה מען קריגט זיי אַריין צוריק אין קעמיר. אַ גאַנץ אַנדער זאַך איז קירא: זי וואָלט מיר קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרלאָזן. מיר זענען תמיד געווען צוזאַמען. צי איז דען געווען אַן אַנדער קירא צווישן די מענטשן, וואָס פילן אַן די אַלע שטעט און דערפער? אפשר. אָבער זיי האָבן געהאַט זייער דראַגאָמיר, און פאַר זיי אַלעמען בין איך געווען אַן אומ־בעקאַנטער פאַרבייגייער, וועלכן מען קוקט אָן אויס ביי־גערייקייט, און מען פאַרגעסט.

כדי צו פאַרטרייבן מיין דאגה האָב איך מיך געבעטן אַ גלאָז בראָנפן, שפּעטער נאָך איינע. ס'איז אָנגעקומען די מיטאָג־שעה. איך האָב זיך געהייסן דערלאַנגען אַ שוואַכן מיטאָג מיט אַ פּאָר גלעזער שנאַפּס. און מיט אַ צוווייטיקט האַרץ בין איך אַריין אין מיין צימער.

אַ מענטש פון אַ יאָר דרייסיק, איז דאָרט געזעסן אויפן ראַנד פון בעט, אויף דער העלפט אויסגעטאָן. אַ נאַפט־לעמפּל האָט געלויכטן אויפן טיש. צוויי שטולן. די ריינקייט פון די בעטן איז געווען אַ פאַרדעכטיקע. דער שפּיגל פאַרקאַפּטשעט. קיין שום וואַש־כלים.

איך האָב אים געזאָגט, אַ גוטן אָוונט, אין גריכיש, און באַטראַכט מיין בעט.

„מען דאַרף איר אַפּרוקן פון דער וואַנט" האָט ער מיר געזאָגט, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן. ס'זענען דאָ וואַנצן. מיר דאַרפן אַ גאַנצע נאַכט לאָזן ברענען דאָס לעמפּל: די וואַנצן זענען ענלעך צו סאָוועס: זיי שרעקן זיך פאַר ליכט.

— וואַנצן?" האָב איך אַ פרעג געטאָן; די דאָזיקע באַשע־

פענישן האָב איך לגמרי נישט געקענט. "וואָס איז דאָס אַזוינס וואַנצן?

— דו ווייסט נישט, וואָס ס'איז אַזוינס וואַנצן? נו! אויב אַזוי וועסטו שוין הייַנטיקע נאַכט זיך דערוויסן. אָבער זאָג מיר, זיי מוחל, ווו ביסטו ביז איצט געשלאָפן, אויב דו האָסט נישט קיין אַנונג פון זיי? וואָס שייך מיר, ווייס איך נישט, וואָס הייסט אַזוינס, אַ בעט אָן וואַנצן?

— צי ס'טוט עפּעס ווי פון וואַנצן?" האָב איך אַ פרעג געטאָן, אַ איבערגעשראָקענער פון דעם נייעם שונא.

„עטוואָס", האָט ער מיר גלייכגילטיק אָפּגעענטפערט.

אַ פאַרמאַטערטער, האָב איך מיך געוואָלט אויסטאָן און זיך אַנידערלייגן, אָבער עפּעס אַ אומבאַוווּסטע חרפה האָט מיר עס געשטערט צו טאָן, אין די אויגן פון דעם דאָזיקן פרעמדן. ער האָט עס פאַרשטאַנען, ווייל ער האָט נידעריק געמאַכט דעם פייער. ווען איך האָב, אין דער טונקל, אַרונטערגעקראָכן אונטער דער דעק האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַרויפגעדרייט צוריק דעם פייער.

„מען קען נאָך מיינען, אַז דו ביסט אַ יונגע מיידל!" האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל. די דאָזיקע העפלעכקייט האָט מיר צוגעגעבן בטחון, און איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן, האַלטנדיק מיין קעמיר אונטערן קישן.

אויף צומאָרגנס, האָב איך, פּונקט ווי מיט אַ טאָג פריער, נישט געוווּסט דעם טעם פון אַ וואַנצן־ביס, נאָר מיין מיטשלאָפער האָט מיר אָנגעוויזן אויף בלוט־פלעקן אויפן קישן. איך בין געווען נישט אין קיין שלעכטע שטימונג, האב איך מיך אָנגעטאָן פאַר אים אין די אויגן.

פון הויף האָבן זיך דערטראָגן קולות און שטאַרקע געלעכטערס. איך האָב אַ קוק געטאָן אין פענצטער. איך האָב געזען מחנות מענטשן אַרום פאָנטאַן, וועלכע האָבן געררויכערט גרויסע ציבוקן און געזופּט קאַווע. דער הויף איז געווען באַשפּריצט און צוגעקערט. פרישע לופט איז אַריינגעדרונגען אין די לונגען, אַ געלבעכע ליכט, אַ סדותפולע אָריענטאַלישע ליכט,

האָט געשוועבט איבער אַלע זאַכן און איבער אַלע וועזנס.
איך האָב מיך שנעל אָנגעטאָן. דער צערטלעכער אומעט, וואָס האָט געדרעמלט אין מיין האַרצן האָט זיך אויפגעכאַפּט:
„צי ווילט איר אויסטרינקען קאַווע צוזאַמען מיט מיר?" האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם אומבעקאַנטן.

מיר זענען אַראָפּ אין דערנידער, געשמועסט, געצויגן די ציבוקעס, גרויס ווי קוימענס. און ער האט מיר דער ערשטער דערציילט פון זיינע צרות: אַז ער האָט נישט קיין אַרבעט, נישט קיין געלט, און חובות איבערן קאָפּ. דעמאָלט האָב איך אים געזאָגט אַז איך האָב אויך עגמת־נפש:
„איך האָב פאַרלוירן מיינע פּאַפּירן, אפשר ווייסט איר אַמאָל אַן עצה, וויאַזוי מען קען באַקומען אַנדערע? איך וואָלט אייך געגעבן אַ טערקישן פונט פאַר דער טירחה".
ער האָט זיך אָנגעכאַפּט:
„מען קען עס מאַכן!" האָט ער געזאָגט גאַנץ שטיל. „ס'געפינט זיך דאָ אַ „שרייבער", וועלכער וואָלט געקענט צושטעלן אַזעלכע פּאַפּירן, אָבער ער פאָדערט אַ סך געלט.
— וויפל?" האָב איך אויסגערופן, אַ גליקלעכער.
פיר פונט.
— איך באַצאָל! און אויך אייך דעם צוגעזאָגטן פונט!"
אין אַ שעה אַרום, איז עפּעס אַ שרייבער מיט אַ גרויסער ווייסער באָרד געשטאַנען פאַר אַ מלוכה־באַאַמטן און געשוואוירן, אַז, ער אַליין, מיט זיינע אייגענע אויגן, האָט געזען, ווי איך בין געבוירן געוואָרן אין סטאַמבול, אין דעם פעגירע יאָר, אַז איך הייס סטאַוראַ, אַז איך בין אַראַיאַ, אַ געטרייער אונטערטאַן פון סולטאַן, אונזער מושל".
דער באַאַמטער האָט אויסגעהערט און געשמייכלט. ער האָט נאָכדעם גענומען אַ פעדער, באַדעקט אַ לאַנגן פּאַפּיר מיט אַ שיינעם אַראַבישן כתב, זיך געחתמעט, געהייסן אונטערשרייבן דעם אַלטן, צוגעלייגט אַ מלוכה־שטעמפּל און מיר דערלאַנגט די טייערע קמיע.

„מען דארף אים געבן אַ באַקשיש", האָט מיר אריינגע־שושקעט דער שרייבער. איך האָב אנידערגעלייגט אַ פונט אויפן טיש.

„ס'איז צו קנאפּ", האָט געזאָגט דער זקן. איך האָב צו־געלייגט נאָך איינעם, דערביי פּלעג איך יעדער מאָל מוזן אוועק־גיין אין אַ ווינקל, כדי ארויסצושלעפּן דאָס געלט פון מיין קעמיר. אין דרויסן האָב איך באצאלט דעם פאלשן עדות, וועלכער האָט געזען, ווי איך בין געבוירן געווארן. נאָכדעם בין איך אוועק מיט מיין חבר איבערן שטאט, געגעסן, געטרונקען און געשפּאצירט.

אין אוונט זענען מיר צוריקגעקומען שטארק בגילופנדיק. מיר האָבן פארנומען אונזערע געלעגערס, און אויסלאכנדיק זיך פון די וואנצן, האָב איך געשלאָפן ווי אַ געהרגעטער, נישט פארגעסנדיק לכתחילה צו פארבאהאלטן צוקאָפּנס מיין קעמיר.

אויפכאפּנדיק זיך, האָב איך מיך געוווּנדערט, וואָס איך בין געווען אליין אין צימער! ס'איז אָבער געווען עפּעס מער ווי „געוווּנדערט", ווען איך האָב מיך ארומגעזען, אַז מיין קע־מיר, מיין פאררעטערישער פריינט, האָט מיך אויך פארלאָזט. אין מיין קעשענע איז מיר פארבליבן עטלעכע מעגדעדיעס *) און די פארשאלטענע קמיע.

* *
*

דאָס ווייבען איז געווען גאַנץ איבעריק!... ס'איז מיר פאר־בליבן איין אויסוועג — שטארבן...

נאָך ביז היינטיקן טאָג פיל איך די פוסטקייט, וועלכע האט זיך דעמאָלט, אין יענעם פרימאָרגן, ביי מיר אין הארץ פאָר־מירט, און ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך וועל עס נישט אויס־האַלטן.

אין איין העמד און אין אונטערהויזן האָב איך מיך ארומ־געדרייט ארום זיך אליין, און, נישט וויסנדיק פארוואס האָב איך מיך

*) מעגדעדיע: אַ טערקישע זילבערנע מטבע.

ארויסגעבויגן דורכן פּעצעטער. פּונקט ווי מיט אַ טאָג פריער האָבן, אויפן הויף, ארום דעם פּאַנטאַן געזעסן מענטשן און גערויכערט. זיי האָבן געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון קברנים, וואס היטן אַ טויטן. און מעכאַניש, וועלנדיק אראָפּלאָזן זיך דורכן לייטער, האָב איך שנעל זיך אראָפּגעשליידערט אינם פּוסט, שטח. איך האָב מיך תּיכּף אויפגעהויבן מיט אַ צובלוטיקטן פּנים, נישט קענענדיק אָפּציען דעם אטעם.

ווען דער בעל־אכסניה און די געסט זענען אנגעקומען, האָב איך געזאָגט:

„דער... קעמיר...״

זיי האָבן מיר אלע אויסגעפרעגט וועגן אלץ. קיין שום אנדער זאך האָב איך נישט געקענט ארויסזאָגן. ווי:

דער... קעמיר...

— נו גוט, וואס איז געשען מיט זיין קעמיר?...

דער קעמיר...״

מען האָט מיר געגאָסן וואסער אויפן קאָפּ, מען האָט מיר אפּגעוואשן דעם צובלוטיקטן פּנים, מען האָט מיך געצוואונגען אויסצוטרינקען בראָנפן.

„איצט ריידו!״ האָט דער בעל־אכסניה געשריגן, טרייסלענדיק מיך פאַר דער פּלייצע.

„דער קעמיר...״ האָב איך כסדר געקרעכצט.

„אַן ספק״, האָט ער באַשלאָסן, דער לאָבוז, וועלכער איז געשלאָפן אין דער צווייטער בעט, האָט צוגעגנבעט זיין קעמיר, אלס דאנק דערפאר, וואָס זיי האָבן נעכטן צוזאַמען געהולעט!״

און היות איך האָב די גאנצע צייט געוואָלט זיך אויפשטעלן און גיין, האָט ער מיך געצוואונגען צו זיצן אויף אַ שטול. אַ צוגעשמידטער בין איך געזעסן, און די הענט האָבן זיך ביי מיר געשאקלט. ער האָט געפּרובט מיך טרייסטן:

„גוט... ס׳איז אַן אומגליק... מען האָט ביי דיר ארויסגעגנבעט דיינע פאַר גראָשן... דו דארפסט אבער זיך נישט נעמען דאָס לעבן צוליב דעם! ס׳האט דאך קיין שום צוועק נישט... וויפל געלט האָסטו געהאט?

— דער קעמיר..." האָב איך געחזרט.

„אָט דאָס איז דאָס! דער יונג קען נישט ארויסזאָגן קיין שום אנדער וואָרט, ווי „דער קעמיר".

ביי די דאָזיקע ווערטער, איז דער בעל-אכסניה ארויף צו מיר אין צימער און צוריקגעקומען מיט מיינע מלבושים:

„טו דיך שנעל אָן!"

איך האָב אַלץ געלאָזט טאָן מיט זיך, ווי אַ פּאַראַליטיק, און ער האָט מיך אנגעטאן פון קאָפּ ביז די פיס. נאָכדעם טאַפּנדיק מיינע קעשענעס, האָט ער אַרויסגעצייגן מיין פּאספּארט און געלט:

„אָט!" האָט ער געשריען: דו ביסט גארנישט אַזוי ארעם ווי דו מאכסט זיך" דו האָסט דריי מעגדעדיעס... דיין נאָמען איז טטאוורא, אַלזאָ, סטאַוורא, מען שטארבט נישט פון הונגער מיט דעם געלט. וואסער ארבעט קענסטו?"

— דער קעמיר...

— אָך!... צו אַלדע רוחות, מיטן קעמיר!... האָט ער געשריגן מיט כעס. און אריינלייגנדיק אַלץ אין מיין קעשענע, איז ער אוועקגעגאנגען זאָגנדיק:

מסתם האָסטו נישט געהאט אין דיין קעמיר קיין געלט אויף צום קויפן אַ קעמל, ווייל אין דעם פאל וואלסטו דאָך צו מיר נישט געקומען שלאפן!"

. . . .

איך האב געהאט אין מיין קעמיר אַ סך מער, ווי צו קויפן איין קעמל. איך האָב געהאט 83 טערקישע פונטן, אין גאָלד, 9 רינגען מיט שטיינער, און דעם זייגער! און מיט אַ.אַ אוצר בין איך געקומען שלאפן צו אים!...

ס'איז נישט אמת, אז דער מענטש פארשטייט דאָס לעבן. זיין פארשטאנד ברענגט אים נישט קיין צו גרויסע נוצן. דאָס וואס ער קען רעדן, שטערט אים נישט צו זיין ווי אַ חיה. אָבער דאָרט ווו ס'האנדלט זיך וועגן פארשטיין און וועגן פילן די

גויט פונם צווייטן, דאָרט שטייגט ער אריבער מיט זיין באַריישקייט אַלע חיות.

צייטנווייז קומט אונז אויס צו באגעגענען אויפן גאַס אַ מענטש מיט אַ בלאַסן געזיכט, מיט אַ פארלוירענעם בליק, אדער גאָר אַ פרוי אין טרערן. וואלטן מיר געווען העכערע וועזנס, וואלטן מיר געדארפט אפשטעלן דעם דאָזיקן מאַן, אדער די דאָזיקע פרוי און תיכף זיי פאָרלייגן אונזער הילף. ווען ס'וואָלט אַזוי געווען, וואָלט איך דעם מענטשלעכן וועזן געשטעלט העכער פון חיות. אָבער ס'הייבט זיך נישט אן און ס'לאָזט זיך נישט אויס

איך דערמאָן מיך שוין זייער שוואך — ווייל פון יענער צייט איז שוין אַדורך אַ יאָר פופציק — וויאזוי איך האָב דעמאָלט פארלאזן דעם שטול, דעם אכסניה-הויף און אוועק בלאָנדזשען איבערן שטאָט. דאָס געדענק איך אבער יאָ, אז קיין שום האַנט האָט זיך נישט אנידערגעלייגט אויפן פלייצע פון דעם בחור מיטן ווילדן בליק, וועלכער האָט געשפרייזט, ווי אן אויטאָמאַט. קיין שום קול האָט זיך נישט געלאָזט הערן. קיין שום מענטשלעכע צורה האָט זיך נישט באוויזן, כדי זיך צו פאראינטעריסירן מיט מיר. און אָט, אין דעם דאָזיקן פארלוירענעם צושטאַנד, בין איך, אין דעם שיינעם אַפריל-פרימאָרגן, מיטאַמאָל ארויף אויף דער דמשקער שפּאַציר-אלעע, וועלכע מ'רופט באַפּטומע.

איך בין געקומען צו זיך פון די געשרייען פון אן אראַבישן פורמאַן, אונטער וועמענס פערד איך בין שיער נישט ארונטערגעפאלן. איך האָב אַ טאַפּ געטאָן דאָס אָרט, ווו ס'האט זיך געפונען דער קעמיר. איך דאָב געפילט ווי מיין האַרץ קלאַפּט אין מיר, פונקט ווי אַ פויגל, וועלכן מען האלט אין דער האַנט. גלייכצייטיק האָב איך געפילט אַ ווייטיק, וועלכער איז געגאַנגען פון מאָגן און מיר פארהאַקט דעם אטעם. די דאזיקע באוועגונג האָט זיך פארוואנדלט אין אַ שרעקלעכער קאָנוווּלסיע. יעדעס מאָל ווען איך האָב צוגעלייגט די האנט צו די לענדן, האָב איך געפילט, אז מיין הארץ ווערט צושפרונגען, אז איך ווער דערשטיקט. און כסדר האָב איך זיך געוואלט איבערצייגן, אז ס'איז אמת,

אז איך בין אַ קרבן פון דעם דאָזיקן אויסוואורף, אַז איך האָב שוין נישט מער מיין ק ע מ י ר.

פילבאַרע נשמות קענען זיך בשום אופן נישט צוגעוויבען צום געדאַנק, אַז דער אומגליק איז אַ געשעענע זאַך, אַז מען קען זיך אַנדערש נישט העלפן.

מענטשן האָבן שפּאַצירט אַרום מיר: גליקלעכע פּאָרלעך, פרויען מיט זייערע קינדער, גרויסע מענער מיט רויקע צופרידענע פּנימער. זיי האָבן מיר אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין און פאַרבייגעגאַנגען. זיי האָבן גאָרנישט געזען. זיי האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען און איך בין אויסגעגאַנגען פון פאַרצווייפלונג. מיר איז אויסגעקומען איבערצוטראָגן, אין עלנטקייט, אַ שווערן אומגליק, וואָס איז געווען אומדערטרעגלעך פאַר מיין האַרץ און פאַר מיין אָרימער דערפאַרונג.

איך האָב געהאַלטן אין איין גיין. איך בין אַרויס פון וועלדל. פאַר מיינע אויגן האָט דערשיינט אַ דאָרף, אַ סירישער דאָרף מיט בלאָטיקע וועגן און בעדויִנישע קאָנורעס, וועלכער האָט, אין מיינע אויגן, אויסגעזען ווי אָפּגעשטאָרבן, פּונקט ווי מיין אייגענער גוף. איידער איך האָב נאָך עפּעס באַוויזן עפּעס אָנצוקוקן מיט מיינע אייגן, האָט זיך מיין האַנט צוגערוקט צו מיינע לענדן און מיין געדאַנק האָט איבערגעחזרט: „איך האָב נישט מיין קעמיר...‟ און ווידער האָט מיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז.

אַן אַראַביש קינד, רייטנדיק אויף אַן אייזל, איז פאַמעלעך לעבן מיר פאַרבייגעפאָרן און געשלעפּט פאַר אַ שטריק אַ קעמל, באַלאָדן מיט צוויי גרויסע פּעק. די העסלעכקייט פון דער דאָזיקער חיה, מיט די פלאַכע אויגן, פון אַ גרויסן שלאַנג, האָט אויף מיר אָנגעטריבן אַ פּחד. עטוואָס ווייטער האָט זיך באַוויזן אַ בעדויִנער מיט אַ ווילדן אויסזען, מיט אַ שוואַרצער באָרד און אַ אָפּגעברענט פּנים. פליענדיק אין אַ גאַלאָפּ האָט ער אָפּגעשטעלט דעם פערד און מיר געשטעלט אַ שאלה אין אַראַביש. איך האָב נישט געוווסט, וואָס אים צו ענטפערן. ער איז בעלם געוואָרן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַן אָנגענעמען איינדרוק, ווייל

ער האָט מיר דערמאָנט אן דעם שיינעם קאָפּ פון קאָסמען

קורץ דערנאָך, בין איך פארקראכן אין אַ דאָרף מיט פרימיטיווע שטיבלעך, ווו די מענטשן, זיצנדיק אויף דער ערד, האָבן געהיבלעוועט האָלץ און געארבעט אזוי געשיקט מיט די פיס, פונקט ווי מיט די הענט. די פרויען, געקליידט אין שווארצע לאַכעס, פארשמוצטע און מיט פארשלייערטע פּנים — אמתע סטראשידלעס — האָבן געטראגן לעבגלעכע קרוגן אויף די קעפּ, בעת זייערע קליינע, קויטיקע, און אויסגעמאגערטע קינדער האָבן זיך געשפּילט און געשריגן, ווי קליינע טייוולאָנים. פון אַ לײמענעם אויוון, אויף אַ העלפט אַ פאַרגראבענעם אין דער ערד, האָט אַ מענטש ארויסגעשלעפּט הייסע ברויטלעך, פלאַטשיקע, ווי דעסערט־טעלערס. אַ ריח פון אויסגעבאקענעם טייג האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין נאָז אריין.

ביים פארלאזן דעם דאָרף האָב איך באמערקט, ווי א הונט גייט מיר נאָך, טריט ביי טריט. איך האָב מיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. מיר האָבן זיך אנגעקוקט איינער דעם צווייטן אין די אויגן אריין. ס'איז געווען אַ הונט מיט גרויע האָר, גרויס ווי מיין פריערדיקער וואָלף. אָבער דער דאָזיקער אָרעמער הונט האָט נישט געהאט קיין שום זעלבסט־השגות, קיין שום אונאָפּהענגיקע באַוועגונגען, פון באַוווסטזיניקער רויקייט, ווי יענער האָט עס געהאט. ער האָט אראָפּגעלאזט הכנעהדיק דעם קאָפּ און זיך געקאָרטשעט פון שרעק. זיינע אויגן האָבן געהאט אַ נידערגעשלאָגענעם, נישט־זיכערן, פארדאַגהטן אויסזען. איך האָב אויף אים רחמנות געקריגן און געגלעט זיין קאָפּ. ער האָט מיר געלעקט די האנט. קיין גרויסע פאָדערונגען האָט ער נישט ארויסגעשטעלט.

איך האָב מיך צוריקגעקערט צום אויוון און געקויפט, פאַר צוויי מעטעליקן, פיר קליינע פלאטשיקע ברייטלעך. ער האָט זיי פארצערט אלע פיר, נישט צוקייענדיק זיי. איך האָב געקויפט נאָך אַזאַ פּאָרציע, אריינגעלייגט אין מיינע קעשענעס און געגאַנגען ווייטער, ווו די אויגן האָבן מיך געטראגן.

ער איז נאָך מיר נאכגעגאנגען, ווי פריער.

אַ קליין זאַמדיקער, ווי׳סטער בערגל איז דערשינען פאר מיינע אויגן. איך בין צו אים צוגעקומען און אנגעהויבן ארויפשטייגן אין דערהויך, אבער תיכּף בין איך פארמאַטערט געוואָרן און געבליבן זיצן לעבן הונט. אונטער מיינע אויגן האָט זיך געצויגן דמשק, באַזייט מיט קופאָלן און מינאַרעטן, און געמאכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ גרויסן בית־עלמין, וואס איז באַגראָבן אונטער אַ ווייסן שטויב.

קיין שום גערויש האָט זיך נישט געלאָזט הערן. איך האָב בלויז געהערט קלאַפּן מיין צעווייטיקט האַרץ. מיינע אויגן האָבן זיך פארשלייערט. דמשק און די גאַנצע וועלט זענען נעלם געווארן. קוקנדיק אין דער פארגאַנגענהייט האָב איך, אין ליכטיקע פארבן, באמערקט דאָס הויז פון מיין מוטער. הינטער מיינע צוגעמאכטע לעפּעלעך האבן זיך געשלענגלט די זיסע פארגאַנגענע טעג. איך האָב אויף ס׳ניי איבערגעלעבט די אַמאָליקע גליקליכע טעג. אַפילו די קלענסטע פּרטים, אנהייבנדיק פון די פארנעפּלטסטע רגעס פון מיינע זכרונות ביז צו דע׳ שרעקלעכער מאָרדנאַכט, און צו דער נאַכט פון מיין אוועקרויבּונג.

און פלוצלונג האָט מיך באהערשט אַ געדאַנק, אז מיין אומגליק און קירעס אומגליק, איז אן אפּקומ׳ניש דערפאר, וואס מיר האָבן ארויסגערופן דעם מאָרד און גענומען אן אנטייל אין אים. מיר האָבן געזוכט דעם טויט פון אונזער פאָטער און אונזער ברודער. סאיז געווען אַ שרעקלעכער חטא. איצט האָט אונז ביידן גאט געשטראפט: קירא איז געוואָרן אַ שקלאפן, און איך מאַטער מיך מיט מיין פרייהייט...

איך האָב אויפגעמאכט די אויגן און בין געווארן אַ אויפגעציטערטער. דער הימל, איז פון דער שקיעה, געווען רויט ווי בלוט. נידעריקע וואָלקנס זענען געלעגן כמעט ווי אויף דער ערד. זיי האָבן געהאַט דעם קאָליר פון פארטריקנטן בלוט, און זיך פאַמעלעך באוועגט, אננעמענדיק כלערליי פאַנטאַסטישע פאָרמען, איינע שרעקלעכער פון דער צווייטער.

פאַר אַ קליינער ה ל, ווו כ׳בין געלעגן איינגעקורטשעט, האָב איך גענומען דעם קאָפּ צווישן די הענט, און לאַנג־לאַנג

געבעטן מחילה ביי גאָט, ביי מיין פאטער, ביי דער נשמה פון מיין דערמאָרדעטן ברודער.

און די נאַכט האָט איינגעשלונגען אין איר פינצטערניש דעם קערפּער פון אַ יונגן בעל־תשובה, וועלכער האָט געזוכט טרייסט, טולענדיק זיך צו אַ הונט, וועלכן דער צופאַל האָט אים צוגעשיקט.

תפילה און תשובה טראָגן אריין אַ טרייסט אין גלויביקע נשמות. איך האָב מיך אביסל באַרויקט. אבער אין די דאָזיקע זאַמדיקע געגנטן, ברענגט מיט זיך דער פרימארגן אַ פראָסטיקע קעלט. ווען די זון האט זיך באוויזן אויפן מזרח־האריזאנט, האב איך געציטערט מיט אלע אברים. ס'האט זיך מיר געדוכט, אַז אָט שטאַרב איך פון פארקילונג. איך האָב מיך געטראכט: „אויב איך וועל איצט שטארבן, שטאַרב איך ווי אַ בעל־תשובה, גאָט וועט מיר מוחל זיין מיינע חטאים און מיין נשמה וועט נישט פארפאלן ווערן אין די גהינומשע פלאַמען".

איך האָב מיך אויפגעהויבן און גענומען גיין צוריק אויפן נעכטיקן וועג. אויפן וועג האָב איך אויפגעגעסן אַ קליין ברויטל. די איבעריקע דריי האָב איך אוועקגעגעבן דעם הונט, וועלכער איז געווען אויסגעהונגערט מער פון מיר.

קורץ נאָכדעם, האָט מיר די זון אנגעהויבן וואַרעמען אין פּלייצע. ס'איז מיר געוואָרן לייכט אויף דער נשמה. איך בין אריין אין דאָרף. ער האָט שוין אויסגעקוקט נישט אזוי העסלעך ווי פריער. דאָרט האָט מיך דער הונט פארלאָזן. דאָס פאנאנ־דערשיידן זיך מיט אים האָט מיר געקאָסט געזונט. איך האָב מיך מיט אים אפגעזעגנט, פונקט ווי מען געזעגנט זיך מיט אַ גוטן פריינט, וואָס פאָרט אוועק אויף אַ קורצע נסיעה.

איינער אַליין, און נאָך אַלץ מיט אַ ווייטיק אויפן הארצן פונם צוגעגנבעטן קעמיר, בין איך געגאנגען מיטן וועג צו באַפּטומער־וועלדל און צו דמשק. אַ לאַנגער קאַראַוואַן קעמלען איז מיר אנגעגאנגען אנטקעגן, נישט איבערשרעקנדיק מיך. איך בין אריין אין באַפּטומער אלעען פאר מיטאָג־צייט, ביי אַ שיינעם וועטער. איך בין געווען נתפעל פון דער באוועגונג. די מענער,

געקליידט אין שיינע טערקישע מלבושים, און די שיינע יונגע פרויען — ס׳רוב פאַרדעקט בלויז דעם אונטערשטן טייל פון פנים, אין אַ לייכטן ווייסן שלייער — זענען געפאָרן און געגאַנגען, אַהין און צוריק, אין אַלע ריכטונגען. די קלינגעדיקע שטימען, די הויכע געלעכטערס, האָבן דערמאָנט דעם געקלאַנג פון קרישטאָלענע גלעזער, איבער וועלכע מען קלאַפּט מיט אַ זילבערן שטעקעל. אומעטום האָט מען לעבעדיק געשמועסט. איך בין נשתומם געוואָרן פון די רייצנדיקע שטימען און פון די מאָלערישע קאָסטיומען. איך דערמאָן מיך נאָך, אַז ס׳איז דעמאָלט געווען פרייטיק, דער מוסולמענישער זונטיק. די פרויען האָבן זיך באַגריסט זעלטן שטיל און באַשיידן. די מענער האָבן געשריגן, זיך צוגאָסן אין סענטימענטן, געהאַלטן זיך אין איין דריקן די הענט, פאַרהאַלטנדיק די דורכגייער. מען האָט גערעדט אַ סך טערקיש, אָבער דאָך האָט מען מער באַנוצט אַראַביש.

איך בין לאַנג געשטאַנען און באַוווּנדערט די דאָזיקע באַוועגונג. שפּעטער זענען די קאַרעטעס און די מענטשן געוואָרן שיטערער. אַ פאַרטראַכטער, מיט אַ צעוויייטיקטע האַרץ, פול מיט חשק צום לעבן, דורשטיק נאָך פרייד, האָב איך מיך געלאָזן גיין ווייטער. צום סוף בין איך געבליבן איינער אַליין, שטאַרק פאַרטרויערט, אַ שיינע קאַטש, געשפּאַנט אין צוויי פערד, איז מיר אָנגעקומען אַנטקעגן. ווען זי איז לעבן מיר פאַרבייגעפאָרן האָט מיר פאַרכאַפּט דער אָטעם, און מיין האַרץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן... אין קאַטש האָט זיך געפונען קיראַ...

יאָ, איך גלויב נאָך עד היום, אַז ס׳איז געווען מיין געליבטע שוועסטער! ס׳איז געווען קיראַ, אַזוי ווי נאַזים-עפענדי האָט איר אויסגעפּוצט אויף זיין זעגל-שיף. זי האָט געטראָגן אַ שיינעם אָדאַליסקען-קאָסטיום, ווי אַ קאַדאַנאַ פון אַ האַרעם, ענלעך צו די שיינע בילדער מיט וועלכע מ׳באַצירט די ווענט!...

איך האָב מיך אַ וואַקל געטאָן, אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגערופן אויף רומעניש:

„קיראַ! קיראַלינאַ!... דאָס בין איך, דראַגאָמיר!“

די יונגע פרוי האָט אַ שמייכל געטאָן אונטער איר דורכ-זיכטיקן שלייער, און מיך באגריסט מיט איר האנט, וועלכע איז געווען באַצויגן מיט אַ הענטשקע. אָבער דער קוטשער האָט אַ שמיץ געטאָן מיטן בייטש, דער סריס, וועלכער איז געזעסן ביי דער זייט, האָט מיך ארומגענומען מיט אַ פייערדיקן בליק, און די פערד האָבן זיך אַוועקגעטראגן, ווי די אָדלער.

ס׳האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אז איך שטארב!... יאָ, ס׳איז געווען קיראַ; זי האָט מיר אַ ווונק געטאָן מיט דער האנט!... און נישט טראכנדיק קיין סך האָב איך, ווי אַ שטרויס, גע-נומען שפרינגען נאָך דער קאַרעטע, איינטענהדיק מיט זיך אליין: „אַלמעכטיקער גאָט!... איך האָב מיך קוים מודה געווען אין מיין חטא, ווי דו, מיט דיין גרויסן חסד, האָסטו מיר שוין צוגעשיקט מיין פארלוירענע שוועסטערל!...״

נישט געקוקט אויף מיין שנעלן לויפן, האָט זיך די קאטש כסדר דערווייטערט. איך האָב שוין געלאָפן מיט די לעצטע כחות, און כ׳האָב מורא געהאט איר צו פארלירן פון מיינע אויגן. אבער צו מיין גליק, האָב איך באמערקט, ווי נאָכן וועלדל פאר-קירעוועט די קאָטש אויף רעכטס, אין אַ פרעכטיקע ווילע. ס׳האט זיך אויפגעעפנט אַ גרויסער טויער, האָט איינגעשלונגען דעם קאָטש, און זיך ווידער צוגעמאכט.

איך האָב געשריגן פון שמחה! מיט אַלע מיינע אָפּגעפאַ-לענע כחות האָב איך מיך אַ לאָז געטאָן צום טויער און אָנגע-הויבן העפטיק צו קלאַפּן מיט די פויסטן און מיט די פיס. זייט ביי זייט, מיטן טויער האָט זיך תיכף אויפגעעפנט אַ קליין טירל און ס׳האָט זיך באוויזן אַ שומר.

„קיראַ! האָב איך, אַ פארגאפעטער, געריטשעט אין טער-קיש. מיין שוועסטער... איך וויל מיט איר רעדן...

— וואָס? וואָס ווילסטו?״ האָט דער שומר געפרעגט אין דער זעלבער שפראַך, אָפּהאַלטנדיק מיך.

„די פרוי... וועלכע איז אָקאָרשט אַרייַנגעפאָרן אין אַ קאָטש, איז... מיין שוועסטער... קיראַ.

— וואָס „קירא“. וואָסער קירא? צי ביסטו משוגע?“

איך בין, באמת געווען משוגע, ווייל איך האָב געשטופט דעם שומר, זיך אַדורכגעגליטש אָן אַ זייט און אַריינגעדרונגען אין הויף אריין. מען האָט מיך אָבער נישט געלאָזט גיין ווייטער. ס'האבן זיך באוויזן צוויי מענטשן, און אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויפגעעפנט אַ פענצטער, פון וואנען עס האָט זיך געלאָזט הערן אַ הייזעריקער געשריי פון אַ זקן.

„וואָסער סומאַטאָכע קומט דא פאָר? זייט נאָר גוט מכבד דעם גיאַוּר*) און אויך דעם, וואָס האָט אים אַריינגעלאָזט!“

מען האָט מיך ארויסגעשלעפט פון הויף אַרויס, אויסגעצויגן אויף דער ערד, און אַזוי לאַנג געשלאגן מיט אָקסענע אָדערן, ביז מען האָט מיר צופליקט די הויזן אויף שטיקער. פון מיין לייב האָט זיך בלוט געגאָסן. נאָכדעם האָבן די הויטשינדער צוגעקלאַפּט דעם טויער, און מיך איבערגעלאזט, אַ האלבפארחלשטן פון ווייטיק.

* *
*

אָט דא איז אָנגעקומען דער קולמינאַציע-פונקט פון מיינע יסורים... דאָ האָבן זיך פארענדיקט מיינע דאגות, וואָס האָבן דריי יאָר געמאטערט מיין קינדהייט... ווייל הגם גאָט איז געווען אומברחמנותדיק צו מיר און נישט דערלאָזט איך זאָל מיך באַגעגענען מיט קיראן, האָט דאָך איבער מיר געוואכט מיין מזל. דער דאָזיקער מזל האָט מיר צוגעשיקט אַ פריינט.

אויפהויבנדיק מיין צובײלטן גוף, האָב איך קוים געהאט כחות זיך צו דערשלעפן צום צווייטן זייט וועג און איך בין אנידערגעפאלן אויף דער ערד, אַ אויסגעשעפטער. אין דער זעלבער רגע האָט זיך אַ מענטש, אין עלטער פון פערציק ביז פופציק יאר, דערנענטערט צו מיר. ער איז געווען אנגעטאָן אין אַן ארעמען גריכישן בגד, האלטנדיק אין איין האַנט די כלי מיטן ס אַ ל ע פ און אין דער צווייטער -- אַ קערבל מיט גלעזער.

*) אַ קריסט, אויף טערקיש.

ער האָט אויפגעשטעלט זיינע מכשירים אין, איבערקרייצנדיק זיינע הענט האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ האַרץ־רייסנדיקן וויי־געשריי:

„אַך, מיין אָרעם קינד!“ האָט ער געזאָגט אויף גריכיש. „איך האָב מיך צוגעקוקט, ווי מען האָט דיך געשלאָגן און בין געווען אָנמעכטיק. פאַר וואָסערע מעשים האָבן דיך די דאָזיקע געצן־דינער באַהאַנדלט אויף אַזאַ אופן?“

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם אויפריכטיקן פּנים, אויף דער גרויער צעפּלוישטער באָרד, אויף די גוטמוטיקע אויגן, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אונטערן געפּאַלבטן פּנים, און אַ אויפגערעגטער קעגן מיינע אייגענע געפילן, האָב איך אָנגעהויבן צו שרייען:

„גייט צו אַלדע רוחות! לאָזט מיך צורו!“

און איך האָב מיך צעוויינט.

„פאַרוואָס שיקסטו מיך צום טייוול, מיין קינד?... איך האָב באמת רחמנות אויף דיר, איך וויל דיר העלפן, אין דיין אומגליק!...

— לאָזט מיך צורו, איר אַלע מענטשן, מיט אייער רחמנות, מיט אייער האַרץ!... איך קען שוין דערפון דעם טעם!... איך וויל שטאַרבן איינער אַליין!...

— אַך, דו אומגליקלעכער! אַזוי יונג, און שוין איז דיר פאַרמיאוסט דאָס לעבן!... אָבער פונדעסטוועגן, טרינק אויס דעם דאָזיקן וואַרעמען סאַלעפּ... דאָס וועט דיך אַ ביסל קרעפטיקן“.

איך האָב אויסגעטרונקען אַ גלאָז סאַלעפּ. נאָר איצט האָב איך שוין נישט געוווּסט וועמען מען דאַרף גלויבן. וואָסער מוסר־השכל דאַרף איך אַרויסציען פון מיין קורצער דערפאַרונג, ווען אַזוי פיל מענטשן, וועלכע זענען תחילת געווען גוט און פיין צו מיר, זענען דערנאָך געוואָרן נידערטרעכטיק און געמיין? יאָ, צו זעכצן יאָר האָב איך מיך שוין באַקענט מיט דער נידערטרעכטיקייט פון דער מענטשלעכער נשמה. אָבער אַלץ האָב איך נאָך נישט געוווּסט!

איך האָב נישט געוווּסט, אַז דעם אויבערשטנס שאַפונגען

זענען אויסערגעוויינלעך קאמפליצירט, און ווען מיר לעבן אפילו איבער טויזנטער חרפות, גיט עס אונז נישט דאָס רעכט צו שפּייען אויף דער גאנצער מענטשהייט. גאָט אליין האָט עס פאר־שטאנען, ווייל בעת ער איז אין כעס געוואָרן אויף דער גאַנ־צער מענטשהייט, האָט ער איר באַשטראפט און נישט פארטיליקט, ווייל ער האָט דאך געראַטעוועט אַ צדיק מיט זיין גאנצע משפחה. אמת, די מענטשהייט נאכן מאבול איז נישט געווען מער ווערט ווי די פריערקע; אָבער זי איז אין דעם נישט שולדיק ווייל גאָט האָט זייער ווייניק געקענט די וועלט (פונקט ווי איך צי זעכצן יאָר) און האָט נישט געוווּסט, וואָס ער האָט געטאָן.

פון דער צייט אָן, וואס דער גורל האט מיר צוגעשיקט אַ בארבא־יאַני, אַ סאלעפּ־הענדלער מיט אַ דערהויבענע נשמה, האב איך פארשטאנען, אז דער מענטש, וואס באגעגנט אינם לעבן אזא בארבא־יאַני דארף זיין גליקלעך. איך האָב קיינמאָל אין לעבן שוין מער נישט, באגעגנט אזעלכן ווי ער, אבער פאר מיר איז ער געווען גענוג איך זאל קענען איבערטראגן דאס לעבן, און אפטמאל עס בענטשן, און זינגען שבחים. ווייל דאס גוטסקייט פון איין מענטש איז מעכטיקער, ווי די שלעכטס פון טויזנטער. די שלעכס שטארבט אָפּ צוזאמען מיטן מענטשן, וועלכער איז איר באַגאַנ־גען; די גוטסקייט שיינט אפילו נאָכן טויט פונם צדיק.

פונקט ווי די זון, וואס יאָגט פאנאנדער די וואלקנס און ברענגט פרייד אויף דער ערד, אזוי האט בארבאַ־יאני פארטריבן די קרענק, וואס האט פארצערט מיין נשמה און האט אריינגע־טראָגן חיות אין מיין הארץ. ס'איז אבער נישט צוגעגאנגען אָן אַ ווידערשטאנד פון מיין זייט. איך האב מיך שטארק געאמפּערט. אָבער ווו וועט איר געפינען אַ הארץ, וואס זאָל זיין אַזוי צו־שלאָגן דורכן לעבן, און זאל זיך נאך קענען קעגנשטעלן דער גוטסקייט?

איך האָב נאכגעגעבן, און דער סאלעפּ־הענדלער, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן פון אויבן, האָט זיך דערוווּסט פון מיין גאַנצער דראַמע. זיין רפואה האָט בליץ־שנעל געהאלפן.

„סטאַווראקי:” האָט ער צו מיר געזאָגט, פארקלענערדיק מיין פאלשן נאָמען. דו „דארפסט צוערשט דיך אָפּזאָגן צו זוכן

דיין שוועסטער אויף אַזאַ אומפאַרזיכטיקן אופן. זאָלסט וויסן, אַז ס'איז לייכטער ארויסצורייסן אַ הירש פון אַ טיגערס פּרעסער, איידער אַ פרוי פון אַ ה רעם. און אויב דיר וועט געלונגען צו באַהערשן די דאָזיקע שוואַכקייט פון דיין האַרץ, איז דאָס איבעריקע אַ קלייניקייט. דו פאַרמאָגסט דריי מעגדעדיעס. אַלזאָ, דאָס וועט זיין גענוג אויף איינצוקויפן דיר אַ סאַלעפּ־איבריק מיט גלעזער: מיט איין וואָרט, אַלץ וואָס דו זעסט ביי מיר און פון וואָס איך מאַך אַ לעבן, זינט אַ יאָר צוואַנציק. נאָכדעם, מיטן איבריק אין איין האַנט, און מיט א קערבל אין דער צווייטער האַנט, וועסטו מיט באַרבאַ־יאַני, ביי דער זייט, מאַרשירן איבער גאַסן, מערק אויף יאַרידים, יום־טובים, און שרייען מיט אַ פריילעכע שטימע: „סאַלעפּ!... סאַלעפּ!...״ דאָס גוטע מזרח־לאַנד וועט דעמאָלט ווערן שיין און פריי פאַר דיר. יאָ, פריי; וויל הגם מען רעדט וועגן דער דאָזיקער אַבסאָלוטיסטישער טערקיי, דאָך לעבט זיך אין ערגעץ נישט אַזוי פריי, ווי דאָ. אָבער איין באַדינג: מען דאַרף ווערן אומבאַמערקלעך, מען דאַרף פאַרשווונדן ווערן, צווישן די מאַסן, מען דאַרף ווערן טויב, און שטום... דעמאָלט, און נאָר דעמאָלט, וועסטו קענען אומעטום אומבאַמערקליך אַריינדרינגען. די פעסט צוגעמאַכטע טירן קען מען מיט כּוח נישט עפענען״.

נישט שפּעטער, ווי אויף צומאָרגנס, האָב איך שוין געטראָגן אַ איבריק מיט אַ קערבל. און זייט ביי זייט, מיט באַרבאַ־יאַני האָב איך מוטיק געשריגן: „סאַלעפּ!.. סאַלעפּ!...״ און דעמאָלט האָט זיך אַרויסגעוויזן, וויאַזוי ס'קומט אַריין צוריק אין קעמיר דער פאַררעטערישער פרייַנט, וואָס האָט אים פאַרלאָזט. געלט האָט זיך געשאָטן פון אַלע זייטן, די פרייהייט איז אַריין אין מיין בייטל, און אוונטצייט, פלעג איך פאַרזוכן דעם גליק פון אַ מענטש, וואָס קען לעבן, נישט האָבנדיק פולע קעשענעס מיט גאָלד. רויכערנדיק אויף אַ טעראַסע, אונזערע נאַרגילן, בין איך געוואָרן דורכגעדרונגען מיט דער גוטסקייט, וואָס האָט געשטראַלט אויף באַרבאַ־יאַני. איך

בין אים געווען זייער דאנקבאר. איך האב אים ליב געקראגן, ווי מען ליבט א גוטן טאטן אָדער א פריינט. איך האָב געווינט ביי אים און געארבעט מיט אים. מיר פלעגן תמיד עסן צוזא־מען, ארומוואנדרעווען איבער די גאסן צוזאַמען, און אַזוי אַרום פלעגן מיר זיך קיינמאָל נישט שיידן. א שטארקע פריינדשאפט האָט אונז צוזאמענגעבונדן: אַ יונג שפּראָצל איז איינגעאימפּט געווארן צום שטאם פון אַ זייטיקן בוים.

באַרבאַ־יאַני האָט צופרידנגעשטעלט מיין נייגעריקייט און אָפּגעשליַיערט פאר מיר זיין עבר. ס׳האָט נישט געפעלט אין זיין פארגאנגענהייט קיין פעלערן און קיין פארביטערקייט.

זייענדיק אַ לערער אין אַ קליין גריכיש שטעטל, האָט ער באגאנ־גען אַ חטא אויפן עראטישן באדען, וואָס ס׳האָט אים געקאָסט צוויי יאָר תפיסה און דאָס פארלירן זיינע רעכט. נאָכן ארויס־גיין פון תפיסה, האָט ער געמוזט פארלאָזן דאס שטעטל. ער האָט ארומגעוואנדרעוועט אין פארשיידענע אנדערע שטעט, געהאַנדלט, אפּגעריכט פארשיידענע גילגולים, געשלאָסן באקאַנטשאפטן, געליטן יסורים, אַ צווייטע ליבעס־פּאסירונג האָט אים שיער דאָס לעבן נישט געקאסט. דעמאָלט איז ער אוועק קיין קליין־אזיען און גע־לעבט איינזאַם, אומאָפּהענגיק, כמעט מיט חכמה.

ס׳איז געווען אַ מענטש, וועלכער האָט געקענט רעדן און געקענט שווייגן. ער איז געווען גוט, אבער נישט גוטמוטיק, אויב עמיצער איז אים נישט געפעלן געווארן, איז געווען זייער שווער אים איבערצוצייגן. ער האט געקענט אלע דיאַלעקטן, פון נאַנטן־מזרח, און זיין פרייע צייט האָט ער פארבראכט אין לעזן ביכער, שפּאַצירן און אין וואשן זיינע וועש. ער האָט מיר צו קיין זאַך נישט צוגערעדט, נאָר מיט זיין האנדלונג האָט ער מיר באוויזן, וואָס ס׳איז גוט, און דאס, נוצליך און וואס ס׳האט אַ זין צו טאָן. אַ דאַנק אים האב איך מיך אויסגעלערנט צו לעזן און צו שרייבן גריכיש, זעענדיק ווי געטריי איך בין אים, האט ער מיר נישט געזשאַלעוועט זיינע ווארעמע געפילן. צוערשט האב איך אים גע־רופן, „הער". ער האט מיר געבעטן, איך זאל אים רופן

„באַרבאַ" *). גאַנץ שנעל האָב איך פאַרגעסן פון מיין קעמיר מיט מיינע טייערע אוצרות. איך בין געוואָרן זיין תּלמיד, זיין איינציקער פריינט, דער טרייסט פון זיינע אַלטע טעג.

אָבער קודם כּל האָב איך געדאַרפט דורכמאַכן אַ שווערן וועג. מיר האָבן איר דורכגעמאַכט צוזאַמען.

איך האָב פאַרגעסן וועגן דער אבידה פון מיין קעמיר, אָבער איך האָב נישט געקענט פאַרגעסן אָן מיין שוועסטער. איך האָב געליבט באַרבאַ־יאַנין, אָבער איך האָב פאַרערט קירען. היות איך בין געווען זיכער, אַז זי געפינט זיך הינטערן טויער, וווּ מען האָט מיר אָנגעבראַכן די ביינער, האָבן מיר שדים אַריינגעגעבן אַ געדאַנק איך זאָל דאָרט ווידער אַוועקגיין.

ס'איז געווען אין מיטן זומער, דריי חדשים נאָכן טרויעריקן שפּאַציר אין באַפּטומאַ. נישט דערציילנדיק קיין איין וואָרט באַרבאַ־יאַנין, האָב איך געמאַכט עטלעכע וויזיטן צו דער פאַרשאָלטענער ווילע. איך האָב אַרומגעבלאָנקעט פון דערווייטנס, געהיט, נאָכגעשפּירט. אָבער אומזיסט. אַנדערע פרויען זענען אַרויסגעפאָרן אין קאַרעטעס, אָבער נישט קירא.

איך בין געוואָרן אַזוי אויפגעמוטיקט פון מיין פאָרזיכטיקייט, אַז איך האָב איינמאָל אין אָוונט באַשלאָסן צו זיין דרייסטער. איך האָב מיר געשאַפט אַ לייטער און אויסניצנדיק די פינצטערניש פון דער נאַכט, האָב איך אים צוגעשטעלט צו דער הויכער וואַנט, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם הויף. איך האָב געוואָלט געפינען אָן עצה, וויאַזוי אַריינצוקוקן אין האַרעם, וווּ די פרויען שפּאַצירן אַרום אָן שלייערס. אָבער אַלע זשאַלוזן זענען געווען צוגעמאַכט... איך האָב נישט אָפּגעטראָטן. אין פאַרשיידענע ערטער האָב איך צוגעשטעלט דעם לייטער, ביז איך האָב אויסגעפונען אַ באַלויכטענעם פענצטער. ס'איז געווען אַ גרויסער צימער, רייך מעבלירט, וווּ ס'האָט זיך קיינער

*) באַרבאַ: אין גריכיש פעטער, אַ פאַמיליאַרע וואָרט, וואָס ווערט אָנגעווענדעט צו יעדער עלטערן מענטש, וועלכן מען סימפּאַטיזירט.

נישט געפונען... מיט הארצקלאַפעניש, בין איך געשטאַנען אין דערהויך און געוואַרט, טאָמער וועלן זיך די פרויען באַווייזן.

מיטאַמאָל האָט אַ טרעפּל פון לייטער אַ טראַסק געטאָן, אַז איך בין שיער נישט אַראָפּגעפאַלן, פאַרגליווערט פון שרעק, האָב איך מיך ווי ס׳איז אָנגעהאַלטן. אָבער פּלוצלינג האָב איך באַקומען אַ העפטיקן שטויס, דער לייטער איז ארויסגעריסן געוואָרן, און איך בין אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ יעווזוך, וועלכער האָט מיך אנגעהויבן מכבד צו זיין מיט די פויסטן!

מען האָט מיך געבונדן, אריינגעוואָרפן אין אַ וועגעלע און תיכף אוועקגעפירט קיין דמשק, וווּ מען האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין אויספאַרשונגס-תפיסה.

די אויספאַרשונגס-תפיסות אין טערקיי, זענען אין יענער צייט געווען אמתע קאטארגעס פאר די אָטאָמאַטישע בירגער. די אומגליקלעכע פלעגן אהין אַריינפאַלן, ס׳רוב צוליב אַזעלכע פערברעכנס ווי איך, און פלעגן קיינמאָל נישט וויסן ווען זייער משפט וועט פארקומען, סיידנס אַ באַאיינפלוסטער מענטש פלעגט אוועקלויפן מיט מתנות און בעטן רחמים ביי אַ מושל. אָבער אַמייסטן פלעגט מען ליידן נישט דערפון, וואָס מ׳האָט פארלוירן די פרייהייט, נאָר צוליב דער שרעקלעכער עקזיסטענץ, וואָס דער באַשולדיקטער האָט דאָרט געפירט, באַזונדערס אויב ער איז געווען אַ יונגער מענטש.

אין מיין צעלע זענען מיר געזעסן אַ צען פערזאָן. די געמיינזאַמע בעט, אַ לאַנגע רייע גאָלע ברעטער, האָט פארנומען דריי פערטל פון דער צעלע. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ גרויסער הילצערנער עמער מיט אַ צודעק, וווּ יעדערער איז געגאַנגען אויף צרכים. די לופט איז געווען אַ אונערטרעגלעכע. לייז, וואַנצן, שטשורעס האָבן דאָרט ארומגעשפּאַצירט גאַנצע פאָלקן. קיינער האָט נישט געוואָלט לייגן קיין טירחה און זיי הרגנען, ווייל הונדערט יאר וואָלט געווען צו ווייניק.

די העסלעכסטע זאכן פלעגן אפּגעטאָן ווערן פאר אלעמען אין די אויגן. טערקן, גריכן, ארמענער אָדער אַראַבער — זיי

אַלע האָבן שוין אויפגעהערט צו זיין מענטשן! די מענטשלעכע נידערטרעכטיקייט איז דאָרט געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט איר נישט געקענט פארגלייכן צו קיין שום זאַך; ווייל פון אַלע ברואים אויף דער וועלט, קען נאָר דער מענטשלעכער מין אזוי נידעריק זינקען.

אט אין דעם דאָזיקן גיהנום, צווישן אזעלכע אויסוואורפן בין איך אריינגעפאַלן. סאַ מציאה פאר זיין!

קיינער האָט מיך נישט פארטיידיקט, קיינער האָט מיר נישט פראָטעזשירט: נישט קיין מוסולמענער און נישט קיין קריסטן. אדרבה, זיי האָבן זיך געשלאָגן צוליב אַ בייער דערווערבונג, זיי האָבן זיך געריסן פאר די בערד און זיך געשלאָגן ביז בלוט. ווען זיי וואלטן געהאַט געווער, וואלטן זיי זיך געמימתטו!...

אזוי ארום האָב איך, אין משך פון אַ חדש צייט, דורכ־געלעבט די נידערטרעכטיקסטע באַליידיקונגען, וועלכע מען קען זיך נאָר פארשטעלן!...

היינט זשאַלעווע איך שוין נישט, וואָס מיר איז דאָרט אויס־געקומען צו זיין: אויף אזאַ אופן האָב איך מיך גרינדלעך באַ־קענט מיטן מענטשלעכן וועזן. אויב טראַץ אלעם, וואָס איך האָב געזען און האב געליטן, בין איך דאָך פארבליבן גוט — איז עס פשוט דערפאר, כדי אפצוגעבן אַ שבח דעם, וועלכער האָט באשאפן גוטסקייט, געמאכט איר פאר אַ זעלטנהייט און איר איינגעפלאַנצט צווישן מענטשן־חיות, ווי דאָס איינציקע באַרעכטי־קונג פון לעבן.

איך האָב געקוקט אויף זיך, ווי איך וואָלט געווען באַג־ראבן לעבעדיקערהייט. איך האָב געטראַכט פון טויט. מען האָט דערציילט, אַז געפאַנגענע, נישט קענענדיק איבערטראָגן די יסו־רים, פלעגן זיי רייסן זייערע בגדים אויף פאַסן און דערנאָך, ביי־נאַכט, ווען אלע זענען געשלאָפן, פלעגן זיי זיך אויפהענגען אויף אייזערנע קראַטעס. איך האָב שוין געהאַט באַשלאָסן — צו טאַן דאָס זעלבע, וואָס יענע מארטירערס.

אָבער עפּעס אַ אינערלעכע שטימע האָט דערוועקט אין

מיר בטחון. איך האָב געוווסט, אַז איצט בין איך שוין נישט אײנער אַלײן אין דער וועלט, ווי פריער. אַ האַרציקר מענטש, אַ זעלטענער פרײנט האָט אויף מיר געוואַרט הינטער די קראַטעס. ער איז געווען אָרעם, האָט נישט געהאַט קײן פּראָטעקציע, ער איז אָבער געווען גוט און קלוג. ער האָט געוויס געטראַכט וועגן מיר, וועגן מײן באַפרײַאונג.

איך האָב קײן טעות נישט געהאַט. אײנמאָל האָט זיך די טיר פון צעלע אויפגעעפנט, ס׳איז אַרײַן אַ שומר און נאָך אים באַרבאַ־יאַני!...סאַ אויסערגעווײנלעכער גליק!... בלויז קיראַס דערשײַנונג וואָלט מיך געקענט אַזוי גליקלעך מאַכן. אָבער גלײַכצײַטיק סאַ טרויער!... אין משך פון אַ חודש איז באַרבאַ־יאַניגרוי געוואָרן ווי אַ טויב! איך האָב מיך אַ וואָרף געטאָן אין זײַנע אָרעמס און זיך פאַנאַנדערגעווײנט.

זעענדיק די דאָזיקע טרויערדיקע סצענע, האָט אַ גרעק וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויף די נאַרעס אויסגערופן:

„אַך, אַלטיטשקער! דאָס איז דײַן יונג?... אַ גוט שטיקל סחורה פאַר אונז! מען האָט גוט אַ לעב געטאָן! דו ביסט געווען דער ערשטער, אַ?"

בלײַך ווי דער טויט, האָט באַרבאַ־יאַני, מיך געדריקט אין זײַנע אָרעמס און געזאָגט צו מיר מיט אַ ציטערדיקן פאַרסאַפּעטן קול:

שטאַרק דיך, שטאַרק דיך!... מאָרגן וועסטו אַרויס פון דאַנען און דו וועסט ווערן אַרויסגעשיקט!...

— אַרויסגעשיקט?" האָב איך אַ געשרײ געטאָן. „וואָס, זיך שײדן מיט דיר?...

— דאָס איז די לײַכטסטע שטראָף, וואָס איך האָב מיך פאַר דיר אויסגעסטאַרעט. דײַן חטא איז אַ שווערער: דו האָסט געוואָלט פּײַנאַכט זיך אַרײַנרײַסן אין אַ האַרעם. איבעריקנס, באַרויק דיך, איך וועל גײן אומעטום מיט דיר. די וועלט איז גרויס, מיר וועלן זײַן פרײַ, און אויב דו וועסט פאָלגן מײַנע עצות, וועסטו זײַן גליקלעך אויף דער טערקישער טעריטאָריע... נו, צום

ווידערזען... גרייט דיך אין וועג אריין אויף מאָרגן באַגינען!״

איך האָב נישט געקענט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. ווי ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָט מען מיך ארויסגעפירט. צוויי זשאַנ־דאַרמען, אויף פערד, מיט אַ וועגעלע, באַוואָפנט מיט ביקסן און יאַטאַגאַנען, זענען געשטאַנען ביים טויער. דעמאָלט האָב איך געזען, אז מיר זענען זאַלבעדריט פארמשפּט געוואָרן אויף ארויס־געשיקט צו ווערן. באַרבאַ־יאַני האָט געוואַרט מיט אונזערע זאַכן. מען האָט אַלץ ארויפגעלייגט אויפן וועגעלע, און אונטערן קאָנ־וואָי, האבן מיר געריט אין דער ריכטונג צו דיאַרבעקיר.

. . . .

* *

*

דאָס לעבן פון אַ מענטשן לאָזט זיך נישט אזוי לייכט באַ־שרייבן, און ס׳איז זייער שווער דערפון צו דערציילן. נאָך שווע־רער איז צו דערציילן וועגן דאָס לעבן פון אַ מענטשן, וואָס האָט געליבט די ערד און האָט איר אדורכגעשפּרייזט מיט זיינע פיס. אבער ווען דער דאָזיקער מענטש איז געווען אַ באַגייסטער־טער, ווען ארומלויפנדיק איבער דער וועלט, האָט ער זיך באַ־קענט מיט גליק און מיט נויט — און פּרובט דעמאָלט צו געבן אַ לע־בעדיק בילדל פון זיין לעבן!... ס׳איז כמעט ווי אומעגלעך. ס׳איז אומעגלעך פאַר אים אליין און פאַר זיינע צוהערערס.

דער רייץ, די מאַלערישקייט, דאָס אינטערעסאַנטע פון אַ מענטשנס לעבן מיט אַ מעכטיקע, בראַזנדע נשמה, פון אַ נשמה, וואָס לעכצט נאָך פאַסירונגען — דאָס טיילט, זיך קיינמאָל נישט אויס אין די געשעענישן פונם דעם דאזיקן לעבן. מערסטנטייל דריקט זיך אויס די שיינקייט אין די פּרטים. אבער ווער לייגט אַכט אויף די פּרטים? ווער פילט אין זיי אַ טעם? און דער עיקר, ווער וועט זיי פארשטיין?

אט פאַרוואָס איך בין אַ שונא פון: דערציילט מיר עפּעס פון אייער לעבן!...

ס׳עקזיסטירט נאָך איין שווערקייט: ווען מען ליבט, לעבט

מען נישט איינער אליין. מען לעבט נישט איינער אליין אפילו דעמאָלט, ווען מען וויל מער נישט ווערן געליבט, י דאָס איז היינט מיט מיר דער פאל. דאָס פּאַסירט ס׳רוב מיט באַגייסטער־טע, וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט צו לעבן מיט ערינערונגען, ווייל אן דער קעגנוואַרט זענען נישטא קיין ערינערונגען. אומ־זיסט איז דער ווילן צו שטאַרבן. איך האָב עס עטלעכע מאָל אויפריכטיק געוואלט אין מיין לעבן. אבער די טייערע פּנימער פון מיין פאַרגאַנגענהייט האָבן זיך מיר פאַרגעשטעלט ווי לעבע־דיקע, האָבן באַרויקט מיין האַרץ, האָבן פאַרביטן די דאַגה מיט פרייד, און האָבן מיר אויף ס׳ניי געצווונגען צו זוכן דעם איי־ביקן באַלזאַם אויף די מענטשלעכע פּנימער. איינער פון די דאָזיקע ליכטיקע פּנימער איז געווען באַרבאַ־יאַני.

קיין סך קען איך וועגן אים נישט דערציילן. אכט יאָר פון מיין לעבן זענען געווען צונויפגעגאָסן מיט זיינע... דיארבע־קיר, אַלעפּ, אַנגאָרע, סיוואַס, ערזערום און הונדערטער אנדערע קליינע שטעט און דערפער האָבן מיר ביידע אַדורכגעוואַנדערט. מיר האָבן כסדר געהאנדלט מיט סאַלעפּ, טעפּיכער, טיכער, מע־סערס, באַלזאַמען אַפּטייק־זאכן, פּערפומען, פערד, הינט, קעץ, — אלץ איז אַדורך דורך אונזערע הענט. אָבער דער סאַלעפּ פלעגט אונז תמיד ארויסשלעפּן פון אַלע צרות. ווען מיר פלעגן אדורכפאַלן מיט אַ שלעכטן געשעפט, פלעגן מיר תיכף זיך אַ נעם טאָן צו די איבריקעס, צו די אָרעמע פאַרזשאַ־ווערטע איבריקעס. און דעמאָלט: „סאַלעפּ! סאַלעפּ!” מען האָט זיך אָנגעקוקט און געלאכט...

מען האָט געלאַכט, ווייל באַרבאַ־יאַני איז געווען אַן אוי־סערגעוויינלעכער פריינט. אָבער די סיבה פון יעדער אומגליק בין איך געווען, און געווען אַ אויסערגעוויינלעכער שלימזלניק. צווישן אַלע נאַרישקייטן, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן, דערמאָן איך מיך פון איינע אַ וויכטיקע.

מיר האָבן איינמאל אריינגעלייגט אונזערע גאַנצע פאר גראשן אין אַ פּאָר שיינע סוסים, וואָס מיר האָבן געקויפט אויף א יאריד, פופציק קילאָמעטער פון אַנגאָרע. מיר זענען געווען

צופרידן מיטן גוטן געשעפט וואָס מיר האָבן געמאכט. אויף צו־ריקוועגס האָט מיר אָנגענומען אַ חשק -- אַ ביסל פון צופרידנ־הייט און אַ ביסל פון טירחה — אָפּצושטעלן זיך פאר אַ אָפּגע־זונדערטער שענק. ס'איז געווען אַ פינצטערע נאכט. באַרבאַ-יאַני איז געווען קעגן דעם.

„לאָז צורו סטאַווראַקי! לאָמיר פארן אהיים. דאָרט וועלן מיר שוין מאכן אַ כוסה.

— ניין באַרבאַ-יאַני, נאָר דאָ!... איין רגע נאָר. מיר דארפן אפגיסן אונזער מציאה".

דער ארעמער באַרבאַ-יאַני האָט נאָכגעגעבן. מיר האָבן אנגעבונדן אונזערע פערד אָן אַ סלופּ לעבן קרעטשמע. מיר האָבן זיך געזעצט אין קרעטשמע ביים פענצטער און אויסגעזופּט אַ כוסה, נאָכדעם נאָך איינע. דער הונגער האָט זיך אין אונז אָפּגערופן. מיר האָבן אַריינגעשטעלט כּדבעי. מיר האָבן אויסגע־טרונקען איין פלאש נאָך דער צווייטער, ווייל באַרבאַ-יאַני האָט ליב געהאט אַ טרונק צו טאָן. מיר זענען געוואָרן בגילופנדיק. מיר האָבן אָנגעהויבן צו זינגען:

דו ביסט ווידער שיכּור!...
דו ברעכסט ווידער גלעזער!...
אַ, דו העסלעכע חיה!...

אָבער אינמיטן זינגען האָט זיך באַרבאַ-יאַני אַ כאַפּ גע־טאָן, רויק, מיט די אויגן אויף דער שויב, האָט ער אויסגערופן:

„אָך, סטאַווראַקי, איך זאָג אז דו ביסט „אַ העסלעכע בידלע", ווייל אונזערע שיינע חיות, וועלכע זענען געשטאַנען אינדרויסן זענען נעלם געוואָרן. אפשר בין איך מיך טועה. איך זע אפשר שלעכט!"

מיט איין שפרונג בין איך ארויס פון קרעטשמע, אָבער קיין פערד האָב איך נישט געזען. איך האָב בלויז געהערט אַ העפּ־טיקן גאַלאָפּ, וואָס האָט געקלונגען אין דער פינצטערניש.

אין אַ שעה אַרום, ווען מיר האָבן געטאַפּט אַ וואַנט אין דער פינצטערניש, געפאלן אין גראבנס, האָט באַרבאַ-יאַני גע־שריגן, זאָגנדיק מיר מוסר.

„דו האָסט געוואָלט „אָפּגיסן אונזער מציאה!” אלזאָ ג"י איצט צופוס, דו עקשן איינער! און כדי זיך צו טרייסטן זינג מיר: ד ו ב י ס ט ו י ד ע ר ש י כ ו ר!” ס'איז אַ גליק צו פילן, אַז ס'האַרץ קלאַפּט אויף דער גוטער מענטשלעכער ערד, אויף דער דאָזיקער ערד פון העכסטן ווערט, וועלכע גיסט אין אייך אַריין איר חיותדיקן כוח. ווי צו דעם, וועלכער ווייסט נישט פון דעם דאָזיקן גליק!..

יאָרן לאַנג, בעת וועלכע מיין לעבן איז געווען אַ טייל פון באַראַ-יאַניס, בין איך געווען אַזוי גליקלעך, אַז אַלץ, וואָס ס'האָט מיך אַרומגערינגלט איז ביי מיר געווען גוט, שיין און פּאָעטיש. אַלץ האָט אין מיינע אויגן באַרעכטיקט איר עקזיסטענץ, אויף דער וועלט. די העסלעכקייט האָט שוין נישט אַרויסגערופן אַזאַ עקל, די נאַרישקייט פלעגט זיך אָפּקלאַפּן אָן אונזערע שפּאַסן, די פאַלשקייט איז געוואָרן דעמאַסקירט און די אכזריות — צו פּאַרטראַגן. ווען ס'פלעגט אונז שטיקן פון דער געמיינהייט, מיט וועלכער מיר פלעגן קומען אין באַרירונג, פלעגן מיר אַנטלויפן אין דער וועלט, וווּ ס'זענען נישטאָ קיין ווערטער, צו דעם דאָזיקן לעבן, וווּ בלויז די נאַטור רעדט צו די אויגן און צום האַרצן.

באַרבאַ-יאַני האָט געקענט גיין אַ גאַנצן טאָג, נישט אַרויסריידנדיק קיין איינציק וואָרט. בלויז מיט זיין בליק האָט ער מיר אָנגעוויזן דערויף, אויף וואָס ס'איז געווען ווערט צו לייגן אכט. ער פלעגט עס אָנרופן: „מאַכן אַ דעזינפעקציע”. ער איז געווען גערעכט. די שטומע שאַפונג פון בורא, דאָס לייטערט דעם מענטשן פון אַלע געמיינהייטן. און ס'איז נישטאָ קיין מענטש,— ווי מעכטיק ער זאָל נישט זיין, — וועלכער זאָל אַרומגיין צווישן פּאַרפעסטעטע און זאָל זיך אַליין נישט אָנשטעקן.

אָבער מיין גרויסער יוגנט-פריינט איז אויך געווען אַ גרויסער קענער פון אַלטערטום און פון זיינע פילאָזאָפן. אַלע זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן לעבן האָט ער אילוסטרירט מיט ביישפּילן פון די אַמאָליקע חכמים. דאָס איז געווען זיין גרעסטער פאַרגעניגן, אין די פרייע שעהן. ער איז נישט געווען קיין פילאָזאָף,

אָבער ער האָט ליב געהאט די רויקייט פון דער נשמה.

„פריער אָדער שפעטער, הייבט אָן דער מענטש צו פאר־שטיין די הבל־הבלימדיקייט פון די געפילן־אומרויקייט, וואָס שטערט די רו און טויט אוועק דאָס לעבן" האָט ער צו מיר געזאָגט. גליקלעך איז דער, וועלכער פארשטייט עס פריער: ער וועט בעסער געניסן פון לעבן."

איינמאָל אין אַ קאלטן הארבסט טאָג, האָבן מיר זיך גע־פונען לעבן אַלעפּ, אויף אַ פעלד, ווו ס'זענען פארגעקומען מאַנעוורעס. אונזער ווארעמער געטראנק איז פארצוקערט גע־ווארן ביי די זעלנער. אפילו די אפיצירן אליין זענען געקו־מען טרינקען סאַלעפּ. היות אונטער די א י ב ר י ק ן האָבן זיך געפונען הייסע קוילן, האָבן זיי זיך געווארעמט ביים פייער און געשמועסט צווישן זיך. איין אָפיציר האָט דערציילט דעם צווייטן אַ וויץ וועגן אַ געוויסן גענעראל פון אלעקסאנדער מוקדונס ארמיי, וועלכער האט געראטן אָנצונעמען די שלום באדינגונגען, וואס דאַריוס האָט פארגעלייגט.

„ווען איך וואלט געווען אויף אַלעקסאַנדערס אָרט וואָלט איך די באַדינגונגען, אָנגענומען האָט געזאָגט דער ערשטער. אויף וואָס דער גרויסער באַזיגער האָט געענפערט:

— און איך אויך, ווען איך וואָלט געווען... ווען איך וואָלט געווען...

דער טערקישער אפיציר האָט זיך צוטומלט:

„אך!" האָט ער געזאָגט, און ווי האָט געהייסן דער דאָ־זיקער פריינט פון אלעקסאנדערן?

– פאַרמעניאָן!" האָט געענטפערט באַרבאַ־יאַני, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צו זייער שמועס.

„בראַוואָ, אלטיטשקער! „האָט אויסגערופן דער אפיציר. „פון וואנען וייסטו דאָס? פארקויפנדיק סאלעפּ, באגעגנט מען זיך דאָך נישט מיט אַלעקסאַנדער דעם גרויסן!...

— אָבער זיכער", האָט מיין פריינט געענטפערט. „אלע מוזן זיך ווארעמען, אזוי ווי איר זעט.

דער דאָזיקער רמז מיט אַ דאָפּעלן זין איז שטארק גע־

פעלן געוואָרן דעם אָפיציר. ער האָט אונז באַערט מיט זיין שמועס. אָבער אין דעם זעלבן מאָמענט, האָט זיך מיין בליק באַגעגנט מיט זיינעם.

„איך האָב דיך אין ערגעץ באַגעגנט. דיין פּנים איז מיר באַקאַנט", האָט ער געזאָגט.

— יאָ", האָב איך געענטפערט, רויט ווערנדיק. „מיט פינף יאָר צוריק, האָבן מיר זיך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געפונען אין דער זעלבע קאַרעטע, וואָס מוסטאַפאַ-בעי.

— אין נאָמען פון אַללאַה, ס'איז דאָך אמת! דו ביסט עס דער יינגל, וואָס האָט געזוכט זיין מאַמען מיטן אויסגעהאַקטן אויג? אָך, האָסטו מסתּם נישט ווייניק צרות איבערגעלעבט מיט דעם פאַרשאָלטענעם טייוול!

— אוודאי, אַ סך... איך האָב אים דעמאָלט גאָרנישט געקענט.

— אָבער צי קען מען דען האָבן צוטרוי צום ערשטן בעסטן, וועלכער טוט אַ גלעט איבער די באַקן?"

דער אָפיציר איז נאָך פאַרבליבן אַ לענגערע צייט און גערעדט מיט אונז. ער האָט פאַר מיר ענטפּלעקט פאַרשיידענע נידערטרעכטיקייטן פון מוסטאַפאַ-בעיען. נאָכדעם האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט באַרבאַ-יאַנין און מיט זיין וויסן. פאַרלאָזנדיק אונז, האָט ער אונז געדריקט הארציק די הענט און געבעטן מיר זאָלן צונעמען יעדער איינער צו איין טערקישן פונט, אין גאָלד:

„דאָס איז נישט קיין ביר-געלט", האָט ער געזאָגט. „דערמיט גיב איך אָפּ כבוד דעם זקן פאַר זיין חכמה, און דעם יונגן פאַר זיינע ליידן!"

קימענדיק אַהיים האָט באַרבאַ-יאַני זיך אָנגערופן:

„דו זעסט, סטאַוראָ? אומעטום געפינען זיך פאַרבלאָנקעטע, אָבער דער פאַרשטאַנד צוברעכט אַלע שטערונגען, אפילו דעמאָלט, ווען ער איז געקליידט אין אַ מיליטערישן מונדיר!"

מיט דעם אַלעם האָט זיך באַרבאַ-יאַני געעלטערט. אַ האַרץ-קרענק האָט אים פון יאָר צו יאָר אַלץ מער געמאַכט

אונפעהיק צו אַרבעטן. ער פלעגט ווערן שטאַרק אָפּגעמאַטערט. גאַנץ אָפט פלעגט אויף אים אַנפאַלן אַ מרה־שחורה. איך בין דעמאָלט אַלט געווען צוויי און צוואַנציק יאָר; איך בין געווען שטאַרק, דרייסט און געזונט. מיר האָבן געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט. איך האָב באַשלאָסן, אַז מיין פריינט זאָל זיך אַ ביסל אויסרוען. כדי אים זאָל זיין ליב דער אָפּרו, האָב איך אויסגעוויילט אַן אָרט, וווּ מיר זענען נאָך נישט געווען: דעם באַרג לבנון.

אַך, דו שיינער, פאַרטרויערטער באַרג לבנון! בלויז פון דערמאָנען זיך וועגן דעם דאָזיקן יאָריקן אָפּרו, ווערט מיין האַרץ פאַרשיכּורט און גלייכצייטיק צובלוטיקט!... גאַזיר!... גאַזיר!... און דו דלעפּטע!... און דו חרמון!... און דו מלמטון!... און איר צעדער־ביימער מיט די לאַנגע ברידערלעכע אָרעמס, וועלכע ווילן אַרומנעמען די גאַנצע וועלט!... און איר, מילגרוים־ביימער וועלכע זענען מכבד די וואַנדערער מיט זייערע זאַפטיקע פרוכטן!... און דו מיטלענדישער ים, וואָס גיט זיך אָפּ מיט תאווה צו דיין ברענענדיקן גאָט, און מיט דיין, אומבעפלעקטער רחבות קוקסטו אַריין אין די אָרעמע פענצטערלעך פון די קליינע לבנון־הייזעלעך, וועלכע זענען אויסגעשטעלט מיטן פּנים צו דיין אַנסופיקייט!... אַלץ און אַלעמען שיק איך מיין זיי־געזונט!... איך וועל אייך שוין קיינמאָל נישט אַנזען, אָבער מיינע אויגן וועלן תמיד אייַנהיטן אייער אייביקן צאַרטן שטראַל!... דער דאָזיקער שטראַל איז פאַרטונקלט אין מיין זכּרון דאָס לעבן האָט נישט געוואָלט מיר געבן דעם פולן גליק... אָבער, מיין ליבער גאָט, וווּ און ווען שענקט אונז דאָס לעבן פולע גליקן?...

. . . .

מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אין גאַזיר, אַ מאָלערישער דאָרף, פונקט ווי אַלע דערפער אויפן לבנון. מיר זענען געווען די איינציקע לאָקאַטאָרן ביי אַן אַלטע קראַנקע אַראַבערין, וועלכע האָט געלעבט אָפּגעזונדערט. זי האָט זיך אָנגערופן סעט־אַמאַראַ, און איז געווען אַ קריסטין, ווי אַלע איינוווינער אויפן

לבנון. היות מיר זענען געווען קריסטן האָט מען אונז זייער פיין אויפגענומען.

און אט איז נאָך אַ געשיכטע: ווייל מיין לעבן איז רייך מיט געשיכטעס.

איך האָב אויסגעארבעט חיונה, און באַרבאַ-יאַני האָט ארומגעשפאצירט, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן, זוכנדיק מילגרוימען און קליינע שלאַנגען. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אַז אונזער באַלעבאסטע סעט-אַמאַראַ, מיט וועלכע מיר האָבן געפירט לאַנגע שמועסן, ביין רויכערן די נאַרגילן, האָט אויך אירע צרות. זי איז איינע אליין, און די דאזיקע איינזאמקייט נאגט איר נשמה. איר איינציק קינד, אַ יונג מיידל פון צוואנציק יאָר, איז אוועק מיטן פאָטער קיין ווענעצועלא כדי צו מאכן אַ פארמעגן, לויטן מנהג פון אַלע איינוואוינער פון לבנון. אבער דער פאטער איז מיט אַ יאָר צוריק געשטארבן און נאָך זיין טויט קומען אָן פון אַמעריקע זייער זעלטן בריוו. סעלינאַ, איר איינציק קינד, איז נישט אָרעם. זי האָט אַ שיינעם געשעפט פון ביזשוטעריע. זי איז אָבער נישט שטארק גוט פאר דער מוטער. זי האָט פון איר פארגעסן, און סעט-אַמאַראַ איז איצט געצוווּנגען אפּצולעבן גאַנצע טעג מיט טרוקענעם ברויט.

מיר האָבן אויף איר רחמנות געקריגן. פון יענער צייט אָן האָבן מיר אַלע געגעסן צוזאמען. סעט-אַמאַראַ איז געווארן אונזער שוועסטער און אונזער מוטער. די בעסטע שטיקלעך פלייש זענען צו איר אריינגעפאלן, און איר נאַרגיל איז תמיד געווען אנגעשטאפּט מיטן בעסטן טאַבאַק. מיר האָבן געטאָן אַלץ, וואָס מען האט געדארפט טאָן. זי האָט געדאנקט דעם בורא, וואָס האָט אונז צוגעשיקט, און זי האָט געשריבן רירעוודיקע בריוו צו איר טאכטער. סעלינאַ האָט אָפּגעענטפערט, דאנקענדיקביידע אומבעקאַנטע מיט די ברידערלעכע הערצער.

און די גליקלעכע טעג זענען געפלויגן.

אבער מיינע פארדינסטן זענען געווארן שוואכער, און

דאָס געלט האָט אויסגערונען כהרף־עין. דער הארבסט האָט זיך אנגערוקט, און מיט אים האָט זיך דער געזוגט-צושטאנד פון באַרבאַ-יאַנין פארערגערט. איך בין אוועקגעפארן קיין ביי־רוט נאָך אַ דאָקטאָר און נאָך רפואות. די שטאַרקע פלעגונג האָט פארבעסערט דעם צושטאנד פון מיין טייערן פריינט, אבער דאָס געלט איז אויסגערונען.

דער ווינטער איז געווען זייער אַ הארבער, פאַר אַזאַ לאנד ווי דער לבנון איז. מיט גרויס טירחה האָב איך אויס־געארבעט אַ מינימום, כדי נישט אויסצוגיין פון הונגער. מיר האָבן אויפגעהערט צו עסן פלייש. דריי מאָל א וואָך פלעגן מיר אַ גאנצען טאָג עסן טרוקן ברויט. אויס עקאָנאָמיע פלעגן מיר פאררויכערן בלויז איין נאַרגיל, וועלכער פלעגט ארומגיין פון האנט צו האנט און פון מויל צו מויל. ס׳איז געווען זייער אַ שווער לעבן, אָבער מיר האָבן ווי ס׳איז דערצויגן ביז מערץ. אַ אומגעריכטע נייס האָט אונז אנגעפילט מיט שמחה: סעלינא האָט געשריבן, אַז זי פארלאָזט ווענעצועלאַ, און אין אַ דריי פיר וואָכן ארום קומט זי אַהיים.

פיינלעכע געשרייען!... אויסערגעוויינלעכע באגייסטערונג!...

„איר ווייסט וואָס?״ האָט אונז איינמאָל סעט-אַמאַראַ גע־זאָגט מיט אַ סודותפולן טאָן. „סטאַוורא איז אַ שיינער יונג, סע־לינאַ וועט זיך אין אים זיכער פארליבן, און דעמאלט וועט איר זיין בעלוינט פאר אייער גוטהארציקייט. אַ? וואס זאגסטו דערצו סטאַווראָ?״

וואָס זאָל סטאַווראָ זאָגן? ער האָט, ווי געוויינלעך, פאר־לוירן דעם קאָפּ!... ער האָט אים פארלוירן אויף אַזוי פיל, אַז ער האָט אויך פארדרייט באַרבאַ-יאַניס קאָפּ, און זאלבעדריט, צו־זאמען מיט די קראַנקע, האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טאנץ, כדי צו פייערן די צוקונפטיקע חתונה מיט סעלינען, אין וועלכער מיר האָבן גארנישט געספקט?...

איך בין געגאנגען גלייך פאר מיינע אויגן, פונקט ווי אַ טויבער פערד. קוקנדיק אויף דעם דאָזיקן הויז, ווי אויף מיין צוקונפטיקער אייגנטום, האָב איך באמערקט, אז די טע־

ראסע איז צובראכן און אַז אין די צימערן רינט אריין. איך האָב נאכגעטאן דעם ביישפּיל פון די לבנון-איינוווינער, איך בין ארויפגעקראכן אויפן דאַך מיט אַ וואלץ, און צו דער גרויס שמחה פון אלעמען, האָב איך אנגעהויבן צו שלעפן דעם שווערן וואלץ אין דער לענג און אין דער ברייט פון טעראַסע. דער וואַלץ האָט מיר געקלאפּט אין די פיס, און איך בין נישט איינ-מאל אומגעפאלן.

אך, פארשאלטענע הארץ, האָסט מיר אין לעבן גענוג צרות פארשאפט!

איך בין נאָך ווייטער געגאַנגען! אנווייזנדיק, איינמאל באַרבאַ-יאַנין אויף סעט-אַמאַראַס רויטע, פליישיקע ליפּן, וועל האָבן תאווהדיק געזויגן די ליולקע, האָב איך צו אים געזאָגט:

„אך, באַרבאַ-יאַני! די דאָזיקע ליפּן... ווער ווייסט? זיי קענען נאָך אפשר קושן נישט בלויז דעם נארגילע, נאר אויך עפּעס אנדערש! ס'וואלט געווען שיין, אויב מיר וואלטן געפיי-ערט חתונות פאראַמאל!

יאָ, צוויי חתונות! פּונקט ווי מיין חתונה מיט סעלינען וואָלט שוין געווען אַזוי זיכער, ווי אונזער ארימקייט...

„אך, סטאַווראַקי!” האָט אויסגערופן מיין ארעמער פריינט, דו דארפסט נאָך אַ סך דורמאכן, איידער דו וועסט זיך נאָך באַקענען מיטן לעבן!”

דאָס זענען געווען ווערטער פון אַ נביא.

סעלינא איז אנגעקומען. אַ שייגע ברונעטקע, מיט טייוו-לאנישע אויגן און מיט לאנגע געדיכטע האָר. הויך, פעסט גע-בויט און לעבעדיק ווי קוועקזילבער. אַ נשמה האָט זי געהאט אַ סוחרישע, און אַ שכל פון אַ קאָקעטקע. פון ערשטן טאָג אָן האָט זי אונז אראפּגעשלאגן דעם מוט. אירע דאנקען זענען גע-ווען קורץ און טרוקן, זי האָט זיך אויסגעדריקט, אַז אונזער לעבן איז אַן עקלהאפטער. זי האָט אונז כמעט ווי פארגעווארפן, אַז צוליב אונז איז איר מוטער אין נויט. ווענדיק ארויסווייזן איר פאראכטונג צו אונז, האָט זי פאר זיך געדונגען אַ באַ-זונדער ווינונג, און צו איר מוטער פלעגט זי קומען יעדער

טאָג, אויף אַ פּעדטל שעהדיקן באַזוך. זי האָט סעט-אַמאַרען געשאנקען אַ נישטיקן סכום געלט, וואָס זאָל דינען אלס „ענט-שעדיקונג" פאר אונז. אויסגעפוצט אין זעלטענע טואַלעטן און באַצירט מיט ביזשוטעריע, האָט זי ביי אַלעמען אַרויסגערופן צו זיך אַ קנאה.

איינמאל, איז אַ שכנטע אונז געקומען אנזאָגן, אז אַ שיי-נער יונג, אין אַ שיינעם קאָטש איז געקומען פון ביירוט באַזוכן סעלינען.

סעלינאַ, מיין פארשפּראכענע, מיין כלה!...

„אך, באַרבאַ-יאַני! ווי פול דאָס לעבן איז מיט ענטוישונגען", האָב איך געשריגן, און זיך געוואָרפן אין די אָרעמס פון מיין גטרייען פריינט.

„דו האָסט זיך איצט דערפון דערוווסט, סטאַווראַקי?... אלזא לערן זיך אויף ס'ביי, דערווייל נעם דיין איבריק, דערלאנג מיר מיינעם, לאָמיר נעמען אונזער פעקל מיטן זעקל און לאמיר זיך לאזן אין וועג אריין! די וועלט איז זייער שיין!"

מיר זענען אוועקגעפארן, איבערלאזנדיק די ארעמע סעט-אַמאַראַ אין טרערן, און אין אַ משך פון דריי חדשים צייט זענען מיר אדורכגעפארן די שענסטע געגנטן פון לבנון. מיר האָבן געטרונקען פון די קלאָרע קוואלן און געפּאָיעט אלע איינ-ווייגער מיט אונזער אייביקן סאַלעפּ.

„סאַלעפּ! סאַלעפּ! טרינקט סאַלעפּ!...

— זאָג סטאַווראַקי, צי איז די ערד נישט שיין?

— אָך, באַרבאַ-יאַני! דו ביסט גערעכט!..."

*   *

*

די ערד איז שיין?... ניין, ס'איז שקר!... די גאנצע שיינ-קייט קומט פון מענטשנס הארץ, כל זמן דאָס דאָזיקע הארץ איז אנגעפילט מיט פרייד. אין דעם טאָג ווען די פרייד ווערט פאר-שוונדן, ווערט די ערד פארוואנדלט אין אַ בית-עלמין. און די שיינע ערד פון לבנון איז געווארן אַ בית-עלמין פאַר מיין הארץ און פאר באַרבאַ-יאַנינס גוף.

איינמאל, נישט ווייט פון דלעפטע, האָט ער באקומען אַ פלוצלונגן האַרץ־שלאָג. ער איז אנידערגעפאלן מיטן קאָפּ אויף אַ פעלז און האָט זיך שטארק פארוואונדעט.

„באַרבאַ־יאַני! טייערער באַרבאַ־יאַני! וואָס איז מיט דיר? דיר טוט ווייז?"

ניין, באַרבאַ־יאַנין האָט שוין גאָרנישט וויי געטאָן. דער ווייטיק איז געבליבן פאר מיר...

דער ווייטיק איז געווארן דער נאגנדער וואָרעם פון מיין צוקונפטיקן לעבן. די בענקשאפט נאָך דער דאָזיקער פארלוי־רענער פרייַנטשאפט, און דער דראנג נאך ווארעמע געפילן האָבן אויף מיר געווירקט, איך זאל מיך, אין עטלעכע יאר ארום, צוריקקערן אין מיין אייגן לאנד. דאָרט האָב איך ליב געקריגן אַ מענשלעך וועזן, וועלכע איז מיר געווען אַזוי טייער, ווי קירא, ווי מיין מוטער און ווי באַרבאַ־יאַני.

אָבער די געשיכטע מיט סטאַווראָ, דעם יארידניק, ווייסט איר שוין...

ס ו ף

איבערזעצונגען פון מ. ראקאווסקי

ד׳אנונציא גאבריעלע:

דזשיאָוואני עפּיסקאָפּאָ (ראָמאַן) פון איטאַליעניש

איסטראַטי פּאַנאַיט:

קירא קיראַלינאַ (ראָמאַן) פון פראַנצויזיש

אמיטשיס עדמאָנדאָ:

קליינע מענטשעלעך; דער מלך פון די ליאַלקעס

דאראָשעוויטש וו.:

לעגענדן און מעשהלעך פון אָריענט. פון רוסיש

הערן לאַפקאַדיאָ:

די בלוטיקע חתונה און אנד. פון ענגליש

טאַראָ זשאַן און זשעראָם:

לשנה הבאה בירושלים פון פראַנצויזיש

לאָטי פּיער:

די פישער פון איסלאנד (ראמאַן)

מאָפּאַסאַן גוי:

דער עלטערן מערדער און אנד.

מענדעס קאַטיל:

דער פארלוירענער גן־עדן און אנד.

מארקי עמיליאַ:

קינדער־קאָמעדיעס פון איטאַלעיניש

פאַרער קלאָד:

מאַרקיזין יאָריסאַקאָ ראָמאַן פון יאפּאַנישן לעבן

פּרעווא מאַרסעל:

די ברוסט און אנד.

ס׳וועט דערשיינען:

איבאַניעס בלאַסקאָ:

דער פרויען גן־עדן. (אוטאָפּישער ראָמאַן) פון שפּאַניש

דאָדע אַלפאָנס:

טאַרטאַרען פון טאַראָסקאָן פון פראַנצויזיש

פלאָבער גוסטאַוו:

סאַלאַמבאָ (ראָמאַן) פון פראַנצויזיש

פּרעװאָ מאַרסעל:

מאַדמואַזעל זשאָפר (ראָמאַן) פון פראַנצויזיש